STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03676

IBERGANG

D. Zakalik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צ. װאַקאַליק

איבערגאַנג

ראָמאַן

פאַרלאַג „ראָמאַן", װאַרשע
1931

C. ZAKALIK

YBERGANG

powieść

Odbito w drukarni „Grafja", Warszawa, Nowolipki 22.

אַנשטאָט אַ הקדמה — אַ בריוו.

צום ה׳ צ. זאַקאַליק
אין וואַרשע

איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן „איבער־גאַנג", וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, און איך געפין אײַן, אַז ער אַנטהאַלט אַ שטיק פון אונזער הײַנטיקן ייִדישן לעבן, וואָס פאַרדינט בלי שום ספק געשילדערט צו ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט. מערערע סצענעס און קאַפּיטלען פון דעם ראָמאַן ווײַזן אויך אַרויס אַ באַדײַטנדן טאַלענט, און דעריבער געפין איך נישט פאַר נויטיק צו מאַכן אײַך באַזונדערע באַ־מערקונגען וועגן מאַנכע קלייניקייטן פון דעמדאָזיקן ראָמאַן, וואָס איז אין אַלגעמיין, לויט מײַן מיינונג, אויסגעהאַלטן און גוט געשריבן; אַ טאַלענט, האַלט איך, געפינט שטענדיק אַליין דעם ריכטיקן וועג און די געהעריקע מאָס פון שלײַפן און לײַטערן זײַן ווערק, ביז ער דערפירט עס צו אַ מעגלעכער שלימות

מיט אַכטונג

א. ל. יאַקובאָוויטש

וואַרשע, דעם 25 אויגוסט 1930 יאָר.

פאַר וואָס איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט, נישט אויסגעטראָגן געוואָרן, נאָר צו זעקס חדשים מיט איין טאָג זיך אַרויסגעקריגן אויף דער וועלט? נישט חלילה אַ צופאַל פון שרעק, וועלכער זאָל האָבן באַפאַלן זיין מוטער, האָט געפעדערט די געבורט-צייט; עס קאָן אויך נישט דער-מאָנט ווערן די מעגלעכקייט פון ירושה: אפשר איז דער גע-וויינעריגס מוטער, אָדער וועמען פון אירע קרובים געשען אַזאַ צופאַל? ניין, קיינער פון איר משפחה האָט אַזאַ פאַקט נישט געדענקט.

זי איז אָבער אויך נישט געווען אַזוי שוואַך געבויט, נישט צודערטראָגן קיין נאָרמאַל געבורט.

איר מוטער איז געווען אַ ברייטע, פול-פליישיקע פרוי, קוים וואָס זי האָט זיך באַוועגן; דאָס פלייש איז איר נאָכגע-האָנגען ציטערנדיק אויף איר מיט יעדן טריט; זי האָט געליטן אויף צוקערקרענק, אויף גאַל-שטיינער; זי איז זעלטן ווען אַרויס פון בעט; ווינטער האָט זי נישט פאַרטראָגן קיין קעלט, זומער האָט זי געהאַט ווייניק לופט.

אין שטאָט האָט מען נישט געגלויבט, זי זאָל נישט זיין קיין געזונטע. עס איז געווען נאָר איין מיינונג:

— אַ נגידותטע, זי האָט נישט קיין אַנדערע דאגות, מעג זי זיך פּיעשטשען: עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז קראַנק.

דער גאַנצער גורל צו פירן די ווירטשאַפט און אַרומ־צוגיין ביי דער קראַנקער, איז געפאַלן אויף רחלען, איר איינ־ציקער טאָכטער. איז אפשר מעגלעך, אַז דעמאָלט האָט זי זיך אין אינגעזווייד עפּעס געריהרט? ניין, דאָס אויך נישט. זי האָט זיך נישט געקלאָגט, זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי קיין אַרבעט, וועלכע זאָל זיין פאַר איר שווער אויסצופירן; איינע אַליין האָט זי אַלץ פאַראַרבעט. אַפילו ווען עס איז אויסגעקומען צו וואַשן די פּאָדלאָגעס, קאַלכן די קיך, האָט זי אויך קיינעם צו הילף נישט גענומען; זי האָט עס געטון מיט גרויס ליב־שאַפט: יעדע אַרבעט איז ביי איר געוואָרן באַזונגען מיט פאַר־שידענע פאָלקס־לידער.

מיט איר שיינקייט איז זי אָנגעזען געווען אין שטאָט. זי האָט נאָר געדאַרפן דורכגיין די גאַס און פון אַלע שטובן איז מען אַרויס פאַר די טירן, כדי זי צו זען. דער קלאַנג פון אירע שוועבנדיקע טריט מיט די קליינע פיס און האַרט־מוסקולירטע לידקעס האָבן געצויגן דאָס אויער, ווי זי וואָלט דעם נאָכקוקער אַקאָמפּאַנירט זיינע געדאַנקען; איר בליק מיט די שאַרפע שוואַרץ־אָפענע אויגן איז אַריינגעדרינגען טיף אין יענעמס האַרצן, אַז יענער האָט אַזש געמוזט פאַרמאַכן די אויגן. און האָט זי ווימען געענטפערט אויף אַ גוט מאָרגן, האָבן אַ בלישטש געטון פון אונטער די שמאָל־רויטע ליפּן צוויי ווייסע שורות ציין. זי האָט נישט געדאַרפן מער ווי איין מאָל אַ שמייכל טון, מען זאָל זיך כאַפּן פאַר דער ברוסט אויף אָפּצוטעמען.

אין שטוב האָט זי זיך געפילט, ווי אַ פויגל מיט אונ־טערגעהאַקטע פליגל.

דער פאָטער האָט זיך געכּעסט ביי אַ ליאַדע וואָס. ווען עס האָט געקאָפּטשעט דער לאָמפּ, איז רחל אין דעם נישט שולדיק געווען: דער נאָפט איז נישט ריין געווען, די קנויט האָט נישט געצויגן, — האָט דער ברענער געגליט. דער פאָ־טער אָבער האָט געקלאַפּט מיט דער טיר, רוגזדיק געוואָרפן

די שליסלען פון שאַנק, — ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין אונט־ברויט.

— דו מאַכסט מיך קראַנק, ווילסט מיך פון שטוב פאַר־טרייבן. דער קאַפּעטש, דער קאַפּעטש! די לונגען עסט ער דאָך אויף!

ער האָט אָבער אויך געקאָנט ברייט זיצן ביים טיש זיך שפּילן מיט דער לאַנגער באָרד, די שפּיצן האָר נעמען צווישן די ליפּן און קוקן אויף רחלס בויגזאַמען קערפּער, וואָס וואַרפט איבער פלינק גרויסע פּעק וועש פון איין אָרט אויף אַ צווייטס, דערלאַנגענדיק אים נאָך אין צווישנצייט די טעלער מיט שפּייזן. דעמאָלט פאַרגינט ער זיך אָנצונעמען זי ביי דער האַנט און פרעגן: — רחלשי, פאַרוואָס רוסט דו נישט אַ רגע? — יאָג נישט, רייס נישט דיין האַרץ!

זיין דאָזיקע גוטע שטימונג איז אָבער אָפּהענגיק געווען, ווי אַזוי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע שותּפים בעת דער אַרבעט אינם טאַרטאַק.

ער איז געווען דער טיילער פון די רווחים צווישן זיינע שותּפים, צוטיילנדיק זיך דעם גרעסטן חלק. ער האָט זיי כּסדר דערמאָנט, אַז זיין גאַנצע מי און געלט האָט ער ליגן אין טאַרטאַק און דערפאַר האָט ער זיך פאַר אַלצדינג באַזונדער אָנגערעכנט. אַז דער טאַרטאַק, למשל, האָט געדאַדפט אַ ברונעם און ער האָט געהאַט אַ שטיקל ערד, ווו מען האָט געקאָנט אויפשטעלן אַ פּלומפּ, האָט ער זיך פאַרן שטיקל ערד געהייסן באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט. די שותּפים האָבן נישט גע־לייקנט, אַז עס איז זיינס. זיי האָבן אפילו מסכּים געווען, אַז די פּלומפּ, וועלכע וועט אויפגעשטעלט ווערן פונם שותּפות־דיקן טאַרטאַק־געלט זאָל אויך געהערן צו אים. ער אָבער האָט שטיין־געלאָזט דעם טאַרטאַק אַ לאַנגע צייט, — די זעגן האָבן אַזש געזשאַווערט, ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט: זיי האָבן אים געמוזט דערלויבן זיך אַרויסצונעמען די געפאָדערטע סומע.
אין דער אמתן איז ער נישט נויטיק געווען אין טאַר־

טאָק; די שותּפים האָבן זיך אָן עצה געגעבן אויך אָן אים: די אַרבעטער האָבן געשניטן ברעטער, אַז מען האָט זיי גע-געבן האָלץ. טײלמאָל האָט ער גאָר געשטערט מיט זײנע באַ-מערקונגען, — עס האָט זיך געדרייט אַ מענטש און געקוקט אויף די הענט. האָט אים עפּעס וואָס געשווינדלט פאַר די אויגן, האָט ער געהייסן אָפּשטעלן דעם מאָטאָר. איין מאָל האָבן די שותּפים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער וואָלט געמעגט זיצן אין שטוב זיך אויסרוען, לערנען אַ שטיקל מדרש און אַז מען וועט דאַרפן זיך שואל-עצה זיין וועלן זיי נאָך אים שיקן.

נאָך דער באַמערקונג, איז ער פאַר די שותּפים אויף איין טאָג קראַנק געוואָרן: עס איז אים איינגעפאַלן אַ פאָרטל צו ווייזן די שותּפים, אַז אָן אים, מיט זייער מעסטן און עקס-פּעדירן, זענען זיי דאָך גאָרנישט אָנזעעוודיק. ער האָט געוווּסט, אַז דעם פינפטן סעפּטעמבער זענען דאָ אַ סך צאָלונגען, האָט ער אָנגעזאָגט יונה קאָלעקטאָר, ער זאָל די שותּפים נישט באָרגן קיין געלט און ער אַליין האָט פריער געגעבן אָנצוגעהערן די שותּפים, אַז ער איז לעצטנס געענגט אין מזומן. דעם 3-טן האָט ער זיך קראַנק געמאַכט און דעם 4-טן אין אָוונט זענען די שותּפים געקומען, אַז עס דראָט זיי געפאַר, דער טאַרטאַק זאָל שטיין-בלייבן. דאַן איז ער אויף זיי אויפגעזעסן, אַז אפילו קראַנק זיין טאָר ער נישט און מען טאָר זיי נישט איבערלאָזן אַליין קיין געשעפט. ער האָט זיי געשיקט צו יונה קאָלעקטאָר, זיי זאָלן אָנווענדן אַלע מיטלען און שאַפן אַ פאַר טויזנט גילדן כאָטש אויף עטלעכע טאָג, ביז ער וועט געזונט ווערן. ער האָט אגב-אורחה געמאַכט דעם חשבון, אַז עס איז אפילו אויף די וואָכן-געלטער פאַרן אייגענעם געברויך אויך נישטאָ.

איין שותּף, דער הויכער מאיר מיט דער הויקערדיקער נאָז און געדיכט-באַוואָקסענע ברעמען, האָט זיך פאַר דעם נישט דערשראָקן; ער האָט אים נישט געוואָלט בעטן, טראַכטנדיק זיך בעת מעשה: סיי ווי בין איך ביי אים נישט מער ווי אַן אַרבעטער, וועל איך זיך מיט מיין אַרבעט פאַר אים נישט בוקן. ער האָט הערנדיק ר׳ אהרנס ענטפער, פאַרקלאַפּט די

טיר און אונטער איר געמאַכט מיט דער פויסט אַ דראָענדיקע באַוועגונג:

— ווער עס קאָן אים נישט!

דער צווייטער שותף, יחיאל-משה-מרדכיס פון דער באַן, אַ מיטל-געוויקסיקער מיט אַ הויכער פּלייצע און מיט צוויי צו-געוואַקסענע פינגער אין דער רעכטער האַנט פונם פּריזיוו-חסרון, האָט נישט געהאַט אַזוי פיל ווירדע, ווי דער הויכער מאיר. ער האָט געמיינט, אַז אויב עס וועט נישט געלונגען פון ר׳ אהרנען אַרויסצוקריגן אַ ביסל געלט, איז זיין קאָפּ געגליכן צו אַ שאַרבן. ער וואָלט זיך געלאָזט בויערן אַן אויער, אַבי זיין שטוב זאָל זיך נישט קוועלן. דער געדאַנק, אַז שוין מאָרגן איז שבת און פאַר אים וועט באַלד שטיין זיין ווייב מיט פאַרלייג-טע הענט אויף דער ברוסט שאָקלענדיק מיט דער גאָמבע — מיט וואָס גייט מען אין גאַס איינקויפן? — האָט אים געשטויסן, ער זאָל ר׳ אהרנען פרעגן, ווי ער פילט זיך אין זיין געזונט און צי ער וועט טאַקע אָנטוען אַ בענדל?

האָט ער געקאָנט ר׳ אהרנען מפייס זיין, נישט שפּאָרן קיין לויב-ווערטער, האָט ר׳ אהרן דעם אינצידענט געהאַלטן פאַר דערליידיקט און זיך גרויס געהאַלטן דערמיט, וואָס ער האָט געוווּנען. איז ער אָבער צו אים נישט צוגעשטאַנען, האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט פון זיינע קאַפּריזן און אפילו שטיין-געלאָזט דעם טאַרטאַק, איז ר׳ אהרנס שטימונג געווען אַן אומדערטרעגלעכע.

רחל האָט עס גוט געפילט. זי האָט עס דערקענט ביים טאַטנס ערשטן טריט אין שטוב: ער האָט נישט גערעדט, נאָר געוואָרטשעט. ס׳האָט אים גערעגט אַ זשום פון אַ פליג.

— אַ שטוב! פונקט ווי אין אַ יאַטקע.

ער האָט דעמאָלט אַ קוק געגעבן אויפן ווייב, וועלכע האָט געהאַלטן די אַנטבלויזטע האַנט אויפן איבערבעט און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט ענדיקן זיין געדאַנק — אָט ליגט אַ שטיק פלייש, פאַר וואָס זאָלן נישט זיין קיין פליגן?

דאָס ווייב האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף זיין כעסן-זיך. צייט זי קאָן אים, טוט זי אים מער אָפּ מיטן שטילשווייגן, ווי מיט אַ וואָרט אים ענטפערן.

— זאָל ער זען, אַז דאָס אַרט מיך, ווי דאָס בילן פון אַ כלב.

זי האָט געקנייטשט מיט די קינבאַקן און אַ בליק גע-געבן אויף רחלען, דאָס מיידל זאָל זיך נישט איבערנעמען און מיט אַ שמייכל אויף די פּאַרטריקנטע ליפּן, האָט זי רחלען געוויזן איר מיינונג וועגן טאַטנס אויפגערעגטקייט, — אַז עס איז אים צוגעטרעטן די חושכדיקע מינוט, — לאָז אים גיין.

אפילו בעת זיין בעסטער שטימונג האָט זיך רחל גע-קלאָגט אויף איר געבוירן-ווערן, כאָטש ער האָט זיך דעמאָלט נישט געבייזערט, האָט נישט געהאַט קיין פּרעטענסיעס, נאָר האָט געזאָגט וואָס ער טראַכט.

— איך מיין, אַז עס האָט געמעגט זיין אַ מעסער אויפן טיש; איך מיין, אַז עס האָט געמעגט זיין זאַלץ אויפן טיש.

די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע ווערטער האָבן פאַרגליווערט רחלס יינג-ברויזנדיק בלוט. די הענט האָבן איר געציטערט. פון קיך איז אַרויסגעפאַלן אַ ברענענדיק שטיק האָלץ, עס האָט אָנגערויכערט אַ פולע שטוב, — וויפיל מאָל זי האָט עס אַריינ-געלייגט איז עס צוריק אַרויסגעפאַלן. זי האָט שוין ליבערשט פאַרנומען זיין שטרענגן פאָרוואורף, איידער דאָס זיסע, פאַר-שטעלטע אונטערקומען איר מיט זיינע פאַרלאַנגען.

עס האָט איר ווי געטון און זי האָט געוויינט.

די מוטער האָט אויפגעכאַפּט איר שלוכץ, זי האָט צוגע-צויגן אַ שטול, כדי אָנצולענען זיך אויף אַראָפּצוגיין פון בעט. רחל האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט געמוזט הערן איר וויינען און זי גייט צוליב דעם אַרויס פון בעט. זי האָט אויך געהערט, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: — מיט וואָס איך בין אַלץ געשטראָפט. רחל האָט שנעל איבערן אָפענעם פייער אויס-געטרוקנט די טרערן-צייכנס אויף די באַקן און איז אַריין אין שטוב. זי האָט זיך גענויט צו לאַכן.

— אין קרעדענסל האָט עפּעס געררודערט, האָב איך גע־מיינט, אַז אַ מייזל רייסט זיך צום ברויט, האָב איך עס אָפּ־געוואָרט מיט דער אַש־לאָפּאַטקע. דערווייל האָב איך גאָר באַ־מערקט, אַז עס רינט וואַסער פון עלמערל, בין איך צוגעגאַנ־גען און האָב געטראָפן, ווי דאָס פישל איז זיך אַרויסגעשפּרונגען פון דער שיסל. עס לעבט נאָך! — זי איז פריידיק אונטער־געשפּרונגען אויף צו ווייזן איר אָן־דאגהקייט און זי האָט אַריינגעבּרענגט דעם קאַרפּ, ווייזנדיק, ווי ער כאַפּט אַריין איר פינגער אין זיין פּיסקל. — אַ פּיסקל האָט עס אַ קליינס, נאָר בייסן בייסט עס, ווי עס וואָלט עפּעס רעכטס געווען! זע נאָר טאַטע, ער האָט אַזוי צעשפּרייט דאָס פּיסקל, אַז ער קאָן עס שוין נישט צוריק פאַרמאַכן.

— פּיסקל, פּיסקל — האָט דער פאָטער איר נאָכגעשפּעט, אָפּרייבנדיק זיך די באַנעצטע וואָנסן. — דיין מאַמע האָט זיך שוין געוואָלט שעלטן, — האָט ער כאַרכלענדיק געליישט די ווערטער. דאָס איז געווען זיין אויסדרוק פון געלעכטער.

די מוטער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפן מויל. זי האָט זיך שלעכט געפילט. עס איז איר שווער געווען צו ריידן, האָט זי געוואָרפן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט רע־זיגנירט פון עפּעס אַ געדאַנק. אין איר אָטעם־ציי, האָט רחל געזען, אַז זי באַדויערט זיך. רחל האָט זיך געקאָנט אויף אירע באַוועגונגען: יעדער ריר, וואָס די מאַמע האָט געגעבן מיט דער האַנט, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אות פון אלף־בית; זי האָט געלייענט איר מוטערס טראַכטן.

— אַ ביסל כּח זי זאָל האָבן, זי זאָל זיך קאָנען האַלטן אויף קולעס אפילו, וואָלט ער רחלען אַזוי נישט באַהאַנדלט. נאָר וואָס זאָל זי טון, אַז עס איז פאַר איר אפילו אַזאַ מין אָנלען נישטאָ. די מוטער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט אויף רחלען. אַנגסטן זענען איר געשטאַנען אויפן שטערן.

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס? — האָט זי שטיל גע־שעפּטשעט — אַרבעט נישט, פאַר אַוועק וו, ער וועט דאָס

געלט מיט זיך אין קבר אַריין נישט מיטנעמען; נעם אַריין אַ מענטשן אין שטוב, זאָל ער דיר צוהעלפן, ער וועט מוזן באַצאָלן.

רחל האָט זי געקוקט.

— מאַמע, אַז איך קלאָג זיך נישט. פון דער אַרבעט קומט מיר נישט אָפּ. דו זאָרגסט זיך נאָר וועגן מיר און דאָס מאַכט דיר ערגער.

שוין פיל מאָל האָט רחל געהאַט פון דער מאַמען אַזאַ פאָרשלאַג און וואָלט זי נאָר דערמאָנט, אַז די אָדער יענע אַרבעט איז איר שווער אַליין אויסצופירן, — די מאַמע וואָלט אין בעט נישט געלעגן, זי וואָלט אַלע התפעלות אָנגעוואָנדן, דער פאָטער וואָלט געמוזט אויפזוכן אַ מענטשן, וואָס זאָל רחלען פאַרטרעטן.

און רחל האָט נאָך פלייסיקער געאַרבעט. איידער די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט, וואָס זי טוט און באַטראַכט, צי די אַרבעט איז פאַר רחלען, איז רחל שוין פאַרטיק געווען. אַלץ איז שוין געשטאַנען אָפּגעווישט און צוגערוימט.

נישט צוליב קאָרגשאַפט האָט זי אַזויפיל געאַרבעט. ניין, רחל האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַן אַנדערע אויף איר אָרט זאָל דאָס אויספירן און זי וועט דערפון זיין צופרידן. באַזונדער האָט זי געוואָלט ווייזן דער קראַנקער מאַמען, אַז זי דאַרף זיך וועגן דער שטוב נישט זאָרגן, זי דאַרף נאָר טראַכטן וועגן איר אייגן געזונט.

און עס האָט טאַקע לגמרי גאָרנישט שלעכט געווירקט אויף איר שיינקייט; פאַרקערט, נאָך יעדער אַרבעט, זענען אירע קיילעכדיקע פולע בעקלעך פאַרלאָפן געוואָרן מיט נאָך מער ראָזאָווע פלעקן און איר פולער קערפּער איז געוואָרן פאָרמדיקער. זי איז געוואָרן שלאַנק, איר פיגור האָט זיך איבער-געגאָסן, ווי אויסגעי אָפּגעטאָקט.

* *

*

אויף צוויי ערטער האָט רחל פֿאַרבראַכט איר פֿרייע צייט. הגם זי האָט זעלטן פֿאַרלאָזט די שטוב, האָט זי דאָך נישט אויפֿגעגעבן איר דיזשור אין דער קליינער ביבליאָטעק. דאָרט האָט זי זיך געטראָפֿן מיט הערשל דעם חזנס, דעם ביבליאָטעק-פּראָזיצנדן, וועלכער איז אויך געווען דער אָנפֿירער פֿון ליטעראַרישן קרייז.

אים האָט מען אויך גערופֿן: „די בלויע אויגן פֿון שטאָט", „דער עלוי", „דער לערער", „דער ברייט-פּלייציקער בלאָנדין". אַרום האָט זיך גרופּירט די גאַנצע שטאָטישע יוגנט. אין די שבתים זענען אונטער זיין אָנפֿירונג פֿאָרגעקומען דיסקוסיעס.

אין אַ וואָכנטאָג, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פֿרייע מינוט, צווישן איין לעקציע און דער צווייטער, איז ער געווען אין ביבליאָטעק. צום פֿאַרווײַלן פֿלעגט ער אַרויסנעמען אַ בוך פֿון שאַנק און פֿאַר די חברים דעקלאַמירט.

ווען רחל איז געזעסן, האָט ער ליב געהאַט צו שמועסן וועגן ליבע. ער האָט ציטירט פֿון זכרון גאַנצע בלעטלעך און באַזונדער צוגעגעבן זיין אייגענע אויסטייטשונג: „די ליבע, דאָס איז די לבנה אין מענטשנס האַרצן, דאָס איז די אייביקייט, דער סנה; שטעלט אייך פֿאָר, איך זאָל אייך נישט ליב האָבן. — נישט ריכטיק, מען קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן; נאָר פֿאַרטיפֿט אייך אין דעם ציטער, וואָס ליגט אין וואָרט „ליבע". ווילט נאָר דערקענען מיין בלוט, וועט איר פֿילן, אַז דאָס אייגענע בלוט פֿליסט אויך אין אייך. און פֿרעגט ביי אַ פֿרוי וועגן ליבע, וועט איר אַלס ענטפֿער דערזען, ווי אויף איר פּנים האָבן זיך געשטעלט רויט-בלוטיקע צייכנס, ווי זי ווערט רויט, באַטירלעך, אויב זי האָט אייך נישט".

רחל האָט זיך געמאַכט ווישן די אויגן. אַזוי אַרום האָט זי מיט דער האַנט זיך פֿאַרשטעלט איר שמייכלדיק פּנים.

אַ ווײַלע זענען אַלע שטיל געווען. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיינע ווערטער זענען אין רחלס קעגנוואַרט צו שאַרף געווען. הערשל אָבער איז צופֿרידן געווען. — וואָס ער האָט צו

זאָגן קאָן ער נישט באַהאַלטן — דאָס איז זיין פּרינציפּ. — זאָל זי אָפּוועגדן — האָט ער זיך געטראַכט — דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז זי ווייסט דאָס איך האָב זי ליב.

ער האָט געהאַט קעגנער און מיטהאַלטער. די קעגנער האָבן אים פאַרגעוואָרפן פּחדנות, אַז ער האָט מורא נאָכצוגיין נאָך אַ לויה. שטענדיק ווען זיי האָבן געוואָלט ער זאָל אויפהערן ריידן, אָדער זיי האָבן געוואָלט אָפּציען פון אים די אויפמערקזאַמקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן וועגן טויט. דעמאָלט איז ער באַלד שטיל געבליבן. אַ געפערלעך געפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט. עס האָט אים מאָמענטאַל דערמאָנט אין זיין פאַרפאַל, ווען ער האָט איינמאָל, שווימענדיק געיאָגט זיך מיט אַ חבר, ווער ס׳וועט פריער קומען צום ברעג. ער האָט געקריגן אַ קורטש אין פוס און אָנגעהויבן טרינקען. ער איז שוין געהאַט געזונקען צום אָפּגרונט. ער געדענקט אַליין נישט, ווי אַזוי מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. נאָר פון דעמאָלט אָן קרייזט אַרום אים אַ פּחד.

הגם נאָך יעדער דיסקוסיע פלעגן זיך די חברים קריגן, דאָך האָבן זיי הערשלען גערן געהאַט. אָן אים האָבן זיי קיין פאַרוויילונג נישט איינגעאָרדנט. אַז הערשל איז געווען, האָט מען געפילט די פריילעכקייט: ער האָט אָנגעפירט מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע שפילן און רחל האָט שטאָלצירט מיט זיין דערפאָלג. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איינגעשטימט מיט זיינע מיינונגען, נאָך איר האָבן שוין אַלע מיטגעשטימט.

און הערשל האָט אין איר הילף אַ סך געגלויבט. ער האָט זיך מיט איר אָפּגעשמועסט, אַז ווען ער וועט רעציטירן, זאָל זי אים געבן אַ צייכן, צי עס לוינט ווייטער פאָרצוזעצן, צי נישט. זאָל רחל האָבן געמאַכט דעם צייכן אין מיטן דער רעציטאַציע, האָט ער נאָך פאַר אַ פונקט איבערגעריסן.

מערסטנטייל איז דער טרעף־פונקט געווען אין ביבליאָטעק. רחל פלעגט קומען אין איר שוואַרץ־סאַמעטן קלייד מיט אַ פאַרשפּילעט קעלנערל ביז אונטערן האַלדז, די פאַרפלאָכטענע סאַדוז־צעפּ פאַרלייגט אויף די אויערן אין גרעקלעך

און אַ פּאָר בריליאַנטן האָבן געפינקלט פון אונטער די וויעס.
זי איז געקומען געגוי אין דער צייט, ווען הערשל איז פריי געווען פון לעקציעס. הערשל האָט געהאַט פריש צוגעקעמט די האָר מיט אַ שרינט אין דער זייט און איז געשטאַנען נאָענט צו דער טיר. ער האָט זי נישט אריינגעלאָזט טיפער אין זאַל.

— איך האָב געוואָלט גיין צו דיר אין שטוב, איך בין היינט פריי געוואָרן פריער, ווי איך האָב גערעכנט; איין שילער איז נישט געזונט געוואָרן, האָב איך נישט געקאָנט מיט אים האָבן די שעה; באַלד אין דער פרי, ווי איך האָב זיך נאָר איבער־געוועקט, האָב איך דיך געוואָלט זען און דאָרט ווו איך בין געזעסן האָב איך אויך געמיינט, אַז עס ציען זיך יאָרן. אויף דעם אָרט וואָרט איך שוין אַ האַלב יאָר! —

— פאַרפאַלן — האָט רחל שמייכלענדיק געענטפערט. זי האָט זיך נאָך נישט פאַרגעשטעלט, ווי עס וואָלט אויסגעזען ביי איר טאַטע־מאַמע, ווען הערשל זאָל קומען צו איר אין שטוב און זי זאָל מיט אים אַוועקגיין. זי האָט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן. עס איז איר גוט געווען אַזוי ווי עס איז.

— אויף מיין גאַנץ־טאָגיקן ווייטיק, גיסט דו מיר אַזאַ ענטפער, גלייך דאָס איצטיקע טרעפן זיך איז דיר אויך נאָר אַן אַפּקומעניש.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיט איר זיך צו גע־זעגענען און מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים געזאָגט: — איך דערלויב מיר דיך צו ליבן, איך קאָן אָבער ביי זיך נישט פועלן דיך צו קוועלן.

ער האָט געוואָלט גיין, — רחל האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— טוסט דאָס צוליב מיר? — האָט זי צאַרט געפרעגט.

הערשל האָט געשוויגן.

— זאָג אָפן און פריי, ווי דו קאָנסט — האָט זי שטיל געצויגן איר דין שטימעלע, קוקנדיק אים אין די אויגן.

— יאָ, ביזט אויך גערעכט, — האָט ער האַרט געקנייטשט די ווערטער. — אינגאַנצן פריי דיר זאָגן? איך בין נישט

זיכער, אַז דו ליבסט מיך. איך האָב דיך פיינט און ציטער מיט אַלע אברים, בעת דו זאָגסט מיר נישט מער ווי איין וואָרט. דו קאַרגסט, עס דאַכט זיך מיר, אַז דו טרעסט אויף מיינע געפילן. דו שטייסט דאָ מיט מיר, ווייל איך בין אָן דיר אָנגעקלעבט, ווי אַ פּגע. עס איז גאַנץ שיין פון דיר, וואָס דו קומסט נאָך געוואָר ווערן צי איך לעב. אָבער איך וויל מער, אַ סך מער!

ער האָט געקייט די ווערטער און זיך געקנאַקט די פינגער.

— דו האָסט טאַקע צו לאַנג געוואַרט, דערפאַר רעדסט דו אַזוי, אָבער איך האָב דאָס נישט געוווסט. באַרעכנסט נישט און פילסט נישט מיין אומרויִקייט, ווען איך טראַכט וועגן דיר און דאָס איז לעצטנס מיין לעבן. איך וויל נישט, דו זאָלסט אַזוי ריידן! איך האָב איצט נישט געטאָרט איבערלאָזן מיין מאַמען איינע אַליין. אין אמתן האָב איך גאָרנישט באַדויערט, וואָס דו וואַרטסט אויף מיר. איך וויל פאַר דיר נישט לייקענען, אַז איך האָב שוין מיין האַרץ נישט געפילט; איך האָב געמיינט, אַז אַלץ רייסט זיך אין מיר אָפּ, — איך האָב געבענקט נאָך דיר, איך האָב געזאָגט, אַז איך גיי אַרויס אויף אַ מינוט. און צוליב וואָס האָב איך מיין מאַמען גענאַרט? דאָס אַלץ — ווּעסטו זאָגן — ווייל איך האָב דיך נישט ליב?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויעס.

הערשל האָט זיך דערמאָנט, אַז זייענדיק אויף אַ לעקציע ביים שענקערס מיידלעך, פלעגט ער אומגעריכט טרעפן רחלען דורכגיין דאָס הויז. זי האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף אַ פלעשל שפירט פאַר דער מוטער. אָבער זי האָט קיינמאָל גאָרנישט געהאַט אין דער האַנט. פון איר איצטיקער דערקלערונג, האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז יענע טרעפונגען זענען אויך געקומען צוליב בענקשאַפט.

ביידע האָבן געשוויגן אַ לענגערע ווײַלע.

— איך בין אָן אַ האַרץ צו דיר, — האָט הערשל איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן גלעטנדיק זיין טשופרינע. – פאַר-

גיב מיר דאָס מאָל, אָדער באַשטראָף מיך, וועל איך וויסן, אַז דו וועסט ווידער נאָך מיר בענקען.

רחל האָט אָנגענומען זיין האַנט: — איך וועל מאָרגן קומען צו דיר אין שטוב. דיין מאַמע וועט דיך אויסמוסרן.

הערשלס פּנים האָט מיט איין מאָל אויפגעשיינט, ווי אַ בליץ וואָלט אַדורכגעריסן די טונקעלע כמאַרע. זיינע קינבאַקן האָבן זיך געבאַרגט און פון שמייכלען האָבן זיך אים צווישן די אויגן אָפּגעלייגט קליינע פאַלדעלעך. אַ לאָק האָר איז אים פון דער טשופּרינע אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן. ער האָט געקושט רחלס הענט. זי האָט אים די לאָק צוריק גלייך געלייגט.

דאָס צווייטע טרעף-אָרט איז געווען ביי דער פאַמיליע ראַכפעלד. דעם נאָמען פון דער דאָזיקער משפּחה האָט מען אין שטאָט דערמאָנט מיט אַ ספּעציעלער אַכטונג. זיי האָבן געוווינט אונטער דער שטאָט. אַרום זייער הייזל זענען געווען דראָט-פּאַרצוימונגען און אַ גערטנדל, וווּ עס זענען געוואַקסן סאַמעטבלומע בלימעלעך. אַרום זענען געווען אויסגעטרעטן שטעגלעך, אַרומגעלייגטע מיט ווייס-אָפּגעקאַלכטע שטיינער. דער וועג צו דער פּאַראַד-טיר איז געווען אַרומגעשטעלט מיט בוימער פוןביידע זייטן. אונטער די פענצטער זענען זיך ברייט צעוואָקסן אַקאַציעס. אויפן טרעפּל פון דער פאָדערשטער טיר איז געלעגן אַ גרינער דיוואַן. אַפילו זלמן דער שטאָט-משוגענער, וועלכער האָט אין איין האַנט שטענדיק געהאַלטן אַ ציבעלע און אין דער צווייטער אַ בייגל מיט מאָן, — אפילו ער, וועלכער פלעגט עס האָבן אין זיין טבע זיך חוצפּהדיק אַריינצוכאַפּן אין די רייכע שטובן, כדי צו שפּייען אויף אויסגעטאַפּעטירטע ווענט, — אפילו ער, זלמן, ווען ער האָט זיך שוין אַמאָל אַריינגעריסן צו די ראַכפעלדס בלויז אין הויז נאָר, צווישן די ווייס-בלאַנקענדיקע

וועגט, איז שטיין געבליבן אַ צעחושטער מיט אַן אָנגעשטייפטן רעספּעקט, ווי אַ סאָלדאַט.

דער וועג, דער צוגאַנג און דער אַרום האָט געריצט דאָס אויג, איינגעוויקלט אין נייגיר. עס האָט זיך געוואָלט וויסן דעם סוד, וואָס ליגט דאָרטן באַהאַלטן און איבערשפּרייזן דעם סוף.

דאָרט אין שטוב האָבן די טעכטער גערעדט פּויליש. פאָטער און מוטער האָבן צוליב געטון די קינדער און זיי געענטפערט אויף פּויליש, הגם זיי זענען צו דער שפּראַך נישט געוווינט געווען. פּויליש האָט דער פאָטער באַנוצט נאָר צו אַמטלעכע ענינים. די טעכטער האָבן געוווּסט, אַז דער פאָטער האָט זיך נישט ליב צו קוועלן און ער וועט דווקא ריידן יידיש, האָבן זיי אים איינגערעדט, אַז ער הוסט און וואָס ווייניקער ער וועט ריידן, וועט זיין פאַר אים געזונטער.

דער אַלטער ראַכפעלד האָט זיך שוין אַזוי איינגעלעבט, אַז ער האָט אַפילו אין דער צייט פון שפּאַציר איבערן גערטנדל, ווען קיינער איז נישט געווען, אויך נישט גערעדט, נאָר געצויגן אַ ניגון, כדי מען זאָל נישט אונטערשיידן אויף וואָס פאַר אַ לשון דער ניגון קלינגט.

אַ גוטער פאָטער געווען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעמאָלט ווען עס וויילן ביי אים אין שטוב די סעקרעטאַרן פון מאַגיסטראַט און שטאָט-באַנק, וועט ער מיטן ריידן יידיש די קינדער קיין כבוד נישט צוטיילן.

ער האָט עס גוט געפילט, דער אַלטער מיטן מיצל אויפן ליסע-קאָפּ, זיצנדיק אין גערטנדל, ווען די שרייבער זענען געווען אין שטוב און ביי אַ גלעזל טיי איבערגעגעבן די איינדרוקן פון פאָרן אויפן ים.

פלוצלונג האָט אָנגעהויבן רעגענען. ער האָט נישט באַוויזן זיך אויפצוהויבן פון דער באַנק און עס האָט שוין געגאָסן, ווי פון צעבערס. ער איז געווען אין שטעק-לאַטשן און האָט אַריינגעשריגן צו דער עלטערער טאָכטער מרים. ער האָט זיך פאַרגעסן און זי גערופן ביים יידישן נאָמען, זי זאָל אים אַרויסדערלאַנגען די שטיוול מיט אַ פלאַכטע. די יינגערע

טאָכטער טאָשאַ איז צו צום פענצטער און מיט אַן אויס-געצויגן קולכל געפרעגט: — דער טאַטע רופט מאַרטאַן?

— יאָ, מרים, — האָט דער אַלטער פאַרדראָסיק צוריקגע-וואָרפן. — וואָס פרעגסטו זיך? האָסט דאָך געהערט, — און ער האָט מיט זיין פליישיקער האַנט געריבן דאָס מיצל אויפן קאָפ. — אַז איך רוף מרים, ווייסטו דאָך, ווער דאָס איז?

ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט אויף דער עוולה וואָס ער האָט זיי געטון מיטן רופן זי, ווי ער האָט געוואָלט און מיט דער פלאַכטע זיך אַרומגעוויקלט דעם האַלדז. אין שטוב האָט ער געוואָלט פאַרווישן דעם טעות און איבערן וועג אין צווייטן צימער האָט ער זיך געחזרט: — מאַרטאַ, מאַרטאַ.

די קריסטן אָבער האָבן אויפגעכאַפט זיין ערשטן רוף. עס איז זיי געפעלן דער נאָמען מרים און זיי האָבן זיך געאיבט אויף שנעל נאָכצוזאָגן: — מרים, מרים.

אַלע מאָל, ווען די שרייבער האָבן געדאַרפן קומען, האָט מרים פאַרבעטן הערשלען מיט רחלען.

די ראַכפעלדס האָבן געהאַט ווייניק קאָנטשאַפט צווישן דער יידישער יוגנט. מרים איז נישט געווען קיין שיינע: זי האָט גע-האַט אַ ברייטן גוף און אַ קליין שמאָל פּנימל מיט שוואַרצע אָבער קליינע אויגן ווי אַרבעסלעך. זי האָט אָבער געהאַט דער-פאָלג מיט איר רייכער קליידונג. זי איז אַרויס אין גאַס אָנגעטון גרויסשטעטיש. צו יעדן סעזאָן אַ מאָדישן הוט מיט אַ זילבער-נעם ליס. קליידער און מאַנטלען האָט זי זיך געמאַכט אין וואַר-שע. יעדעס מיידל, וועלכע האָט געוואָלט זיין געשמאַקפול אָנגע-טון, האָט נאָכגעמאַכט מרימס פאַסאָן קליידער. זי האָט ווייניק זיך געוויזן צווישן דער יידישער יוגנט, זי האָט קיינמאָל נישט שפּאַ-צירט אויפן שאָסיי, אַפילו שבת, ווען יעדע יידישע טאָכטער האָט געהאַלטן פמעט ווי אַ חוב כאָטש איינמאָל דאָרט זיך איבערצוגיין, האָט מרים דאָרט אַפילו קיין איין טריט נישט געשטעלט.

חוץ הערשלען האָט קיינער זיך נישט געוואָגט זי אָפּצו-צושטעלן אין גאַס, אַפילו נישט דער פּראָוויזאָר ראַפּאָפּאָרט, וועלכער האָט זיך ספּעציעל נישט געשוירן די האָר, כדי מען זאָל אין

אים דערקענען אינטעליגענץ. הגם ער פלעגט אויך אריינקומען צו די ראַכפעלדס, האָט ער דאָך נישט געקאָנט ביישטיין דעם רעש פון מרימס וויידענעם מאַנטל און אירע געלע קאַפקעס ביי די שיך. אַזוי האָט ער אין געזעלשאַפט געשאָטן מיט אַ קוואַל פון ווער־טער. די „גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע" האָט מען אים גערופן. פונדעסטוועגן ווען מרים האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויסלערנען די עטיקעט פון גיין מיט אַ דאַמע, אויף וואָס ער האָט געדאַרפן עפּעס ענטפערן, כדי צו ראַטעווען זיין פרעסטיזש, איז אים דעמאָלט גאָר די צונג שטייף געוואָרן.

אויף די טיקערינס, וועלכע האָבן געקאָנט יעדעס מיידל אין שטאָט און זיך אינטערעסירט מיט איר אויפפירונג, האָבן פאַר מרימען ווי מורא געהאַט און נישט געמאַכט איר קיין פאָרווורפן. פאַר זיך האָבן זיי זיך נאָר פאַרענטפערט, אַז זיי האַלטן מרימען פאַר אַ פערלדיק מיידל: זי שפּאַצירט נישט שפּעט ביי נאַכט און אויב יאָ, איז נישט מיט קיין יינגען.

רחל האָט די לעצטע צייט, עטעמענדיק מיט הערשלס ליבע נישט געהאַט קיין חשק צו קומען צו די ראַכפעלדס. הערשל דאַקעגן איז גערן געגאַנגען. זי האָט נישט געפרווט אויף אים ווירקן, ער זאָל נישט גיין. איר איז נישט איינגע־פאַלן, אַז הערשל זאָל האָבן סימפּאַטיעס צו מרימן. איר איז קיין אונטערשיד נישט געווען, ווו זי טרעפט זיך מיט הערש־לען, אַבי זי קאָן נאָר זיין נעבן אים. שטיל אין זיך האָט זי פונדעסטוועגן געטראָגן אַ מורא...

מרים און רחל זענען זיך נאָענט געווען. זיי האָבן זיך דערציילט די פאַרבאָרגנסטע סודות. רחל האָט איר דערציילט וועגן איר ליבע צו הערשלען. זי האָט אויך צוזאַמען מיט מרימען געשטיפט. אין שטיפעריי איז זי געווען פרייער פון מרימען. ווען מרים האָט זיך פאַרהאַלטן ערנסט, איז רחל גע־ווען לייכטזיניק.

ווען דער שרייבער פון שטאָט־באַנק האָט זיך דערליבט

אָנצורירן מרימס אָנטבלויזטן אָקסל, האָט זי תמיד בײַז פֿאַר־קריצט די ציין, ווי ברוגזדיק זיך אָװעקגעזעצט אין אַ ווינקל און דעם אָוונט צו אים קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. רחל דאַקעגן האָט זיך געשפּילט ווי אַ קינד. זי האָט געלאָזט זיך יאָגן אַרום טיש, געשפּרונגען איבערן פֿענצטער, די האָר זע־נען איר צעפֿלאָשעט געפֿאַלן אויפֿן אָקסל און זי האָט זיך געריצט, וואָס מען קאָן זי נישט כאַפּן. זי איז געווען אומ־דערגרייכבאַר. אירע צוויי פֿייערדיקע אויגן האָבן אָפּערגעלויכטן פֿון אונטער אירע האַלב־לבנהדיקע שמאָל־שוואַרצע ברעמען; אירע ווײַסע ציין האָבן געבלישטשעט. זי האָט איבערפֿולט די הערצער און די מוחות פֿון די אָנוועזנדיקע. זי האָט געוועקט און געבריט זייערע ליבעס־געפֿילן. געצוווּנגען צו סענטימענ־טאַלקייט.

דער מאַגיסטראַט־סעקרעטאַר מיט זיינע בלויע אויגן, די־קע ליפּן און שמאָלן שטערן איז געווען גענוג איבערגעוויגן מיט ליידנשאַפֿטלעכקייט צו פּרוּװען. ווען אַן אָנטבלויזטער אָרעם, אָדער אַ מיידל־קני האָט דורכגעשוועבט פֿאַר זיין אויג, איז ער פֿאַרשכּורט געוואָרן; זיינע אויגן זענען ווי פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. אין זיין באַגער צו באַזיצן אַ פֿרוי, האָט אים קיינער נישט געטאָרט שטערן. ער האָט געדראָט מיט סקאַנדאַלן, ער האָט שוין איינמאָל געהאַט אַפֿילו געשאָסן אויף זיין אייגענעם חבר, דעם שרייבער פֿון באַנק, פֿאַר זיין איידעלער נאַטור, וועלכע באַשטייט, אַז ס'איז בעסער זיך צו קווילן איידער יענעם שלעכטס צו טון. אָבער פֿאַר רחלען, מיט וויפֿל עקשנות און הפקרות ער האָט זיך נישט פֿאַרנומען אויף איר רייץ, איז ער דאָך שטיין געבליבן אונטערטעניק, שליסנדיק די הענט, ווי אויף אָפּצוריכטן אַ תּפֿילה.

רחל האָט זיך זייער גערן געוויקלט אין אַזעלכע שפּילן; סאַטיספֿאַקציע, טריאומף, זענען געווען אירע דערהויבנסטע מי־נוטן אין לעבן. ווען זי האָט זיך דערנאָך אומגעקוקט און הערשלען נישט געזען, האָט זי זיך געמוזט אָוועקלייגן אויף

דער קאָנאָפּע מיט דעם אויסרייד, אַז עס איז איר שווער צו כאַפּן דעם אָטעם.

ווען הערשל איז אַריינגעקומען און נאָך אים מרים, האָט רחל אים דאָס ערשטע מאָל אין געזעלשאַפט געזאָגט „דו". מרימס שוועסטער און די שרייבער האָבן זיך מאָמענטאַל אָנגעשטויסן אין זייער ליבע און זיי האָבן שוין נישט דערלאָזט קיין וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אויסמיידן זייער דוצן זיך.

און רחל האָט עס שוין נישט געוואָלט האַלטן בסוד; זי איז צופרידן געווען מיטן געשעענעם און איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט נישט זיין קעגן איר אויסוואַל. די קלוגע רחל האָט אַלץ באַרעכנט. זי האָט געוווסט, אַז איר טאַטע האָט זיך פאַרנומען זי חתונה צו מאַכן מיט אַ יחוס-זון און הערשל, האָט זי געוווסט, שמט אין שטאָט פאַר אַ „זייּ-דענעם יינגנמאַן". זי האָט אירס געטון.

*   *

*

נישט רחל, נישט דער טאַטע האָט אויף אַזוי פיל דעצי-צירט וועגן איר גורל, ווי די משפּחה.

די מומע נעכעלע, די ענדלערין מיט ווייַן צום שבת-דיקן קידוש, אַן עקרה, וואָס האָט זיך געפּוצט די קליידער מיט קאָראָנקעס און מיט דזשעט, שטענדיק זאָרגנדיק דאָס קלייד זאָל ליגן נעט אויפן אָרט. אַלץ האָט געמוזט זיין אויפן פּונקט. ווען זי האָט געמאָסטן וויין, אַ קוואַטירל, אָדער אַ האַלבס, האָט זיך חלילה נישט געטאָרט איבערגיסן. — מען טאָר נישט גרינג האַלטן מענטשלעכע האָרעוואַניע, — האָט זי צניעותדיק דערקלערט.

זי האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט דעם מאַן מעסטן; אים האָבן געציטערט די הענט. זי אַליין האָט געמוזט פאַרקאָרקע-ווען די פלאַש, ווייל זייער אָפּט איז די מוטער, וועלכע האָט

געשיקט איר קינד נאָך וויין, צוריקגעקומען מיט טענות, אַז זי האָט מסתמא געהאַט אַ טעות: נעכעלע האָט געוואָלט מעסטן אַ קוואַטירל און גאָר געמאָסטן אַ האַלבס.

אויב דער פּראָפּן איז נישט געזעסן, ווי זי האָט אַריינגעפּאַסט, האָט זי נישט געענטפערט.

— עס איז מעגלעך, אַז דער קליינער נאַשער האָט איבערן וועג אויסגעשניאַקעט, — האָט זי מיט צוגעקלאַפּטע, שמייכלענדיקע ליפּן געענטפערט און קיין וויין נישט צוגעגעבן. אַזוי אַרום האָט זי טיילמאָל איין קוואַטירל וויין פאַרקויפט צוויי מאָל.

נעכעלע די וויין-מאַכערין. ווער אין שטאָט האָט זי נישט געקאָנט? אויב מען האָט אַמאָל אויף דער גאַס געהערט אַ געוויין, אַ שוידערלעך יאָמערן, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין יעדן געסל, ווי אַ ווידערקול פון אַ ליידיק, זיך-קאָלערנדיק פאַס, האָט מען געוווּסט, אַז דאָרט גייט נעכעלע די וויין-מאַכערין מיט צביה דער שמשטע אין שול אַריין איינרייסן פאַר אַ חולה מסוכּן.

פון דער צענטער גאַס האָט אַ קינד צוגעפירט צו דער „וויין-מאַכערין" גלייך אין שטוב אַריין. מען האָט נישט דווקא געדאַרפן פרעגן אויף דער „וויין-מאַכערין". אַ יורד איז געקומען אין שטאָט. ער האָט אַ טאָכטער אַ בוגרת און ער דאַרף צונויפנעמען אויף חתונה-הוצאות, — צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן אין אַ פרעמדער שטאָט? „נעכעלע!" האָט מען אים אָנגעוויזן.

זי איז שטענדיק אַרויס מיט דערפאָלג ביים זאַמלען נדבות. איר האָט קיינער נישט אָפּגעזאָגט. זי האָט זיך אָנגעטאָן דעם שוואַרצן זשאַקעט מיט אַן אויסגענייטן קאָלנער-דזשעט און אַריינגערוקט אַ ווייס טיכל אין לינקן מאַנקעט, כדי זי זאָל עס קאָנען שנעל כאַפּן צום מויל אָפּצווישן די ליפּן, ווען עס וועלן איר אויספעלן ווערטער. זי איז געגאַנגען פון טיר צו טיר, זי האָט געוווּסט ווו און צו וועמען אַריינצוגיין און אין ערגעץ נישט לאַנג געזוימט, ווייל ווען מען האָט זי געזען אַזוי

אָנגעמלבושט, האָט מען שוין פאַרשטאַנען נאָך וואָס זי איז גע-קומען און מען האָט די גאָב איר אָנטקעגן געטראָגן.

אויף איין אָרט, בײַ נח חזן, הערשלס פאָטער, איז איר אויסגעקומען צו האָבן וויכּוחים. ווען די וויכּוחים האָבן זיך איבערגעחזרט, האָט זי שוין נישט געוואָלט מער פאַרלייגן צוויפיל רעדעריי, האָט אויסגעמיטן דעם חזן און איז געגאַנגען גלייך צו דער חזנטע, אַן איבערגעשראָקן מענטש, וואָס האָט מורא געהאַט צו שלאָפן אין דער פינצטער איבער דער איינרעדעניש, אַז אין הויז זענען דאָ שלעכטע רוחות, ווײַל שוין עטלעכע מאָל, ווי באַלד נאָכן ליכט-צינדן, האָט זיך איר איין ליכט אויסגעלאָשן.

נעכעלע האָט איר וועגן דעם תּמיד דערמאָנט און איר אויסגערעדט, אַז מיט צדקה וועט זי די שלעכטע רוחות פון זיך פאַרטרייבן. נאָך נעכעלעס אַוועקגיין איז די חזנטע געוואָרן מרה-שחורהדיק און אָפּגעשוואַכט, מורא האָבנדיק, אַז זי האָט געגעבן צו ווייניק צדקה.

אויב הערשל איז געווען אין שטוב אויך נעכעלע איז גע-קומען נאָך אַ נדבה, האָט ער זי צו דער מוטער נישט צוגע-לאָזט און נעכעלע האָט געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. דער-פאַר ווען נעכעלע האָט זיך דערוווּסט, אַז הערשל גייט מיט איר שוועסטערן-טאָכטער, האָט זי דערפון שטאַרק נישט גע-האַלטן.

די מומע מלכּה, די הערינג-הענדלערין, האָט געהאַט אַ בודקע אין מאַרק. „מלכּה-קאָזאַק" האָט מען זי גערופן. זי איז געווען אַ הויכע מיט לאַנגע פּיס און אַ צעלאָזן מויל. איין טינדל הערינג האָט זי געהאַט אין דער בודקע. האָט זי באַ-זונדער פאַרקויפט די הערינג, באַזונדער דעם לאָגער. פאַר די סחורה האָט זי קיינמאָל נישט באַצאָלט. אויפמאָנען בײַ איר אַ חוב איז אוממעגלעך געווען. זי איז געווען אַזאַ ריז, אַז ווען זי האָט דערשנאַפּט, אַז דער תּובע גייט צו איר, האָט זי אַוועקגעטאַשטשעט דאָס טינדל הערינג און דער תּובע, זעענדיק אַ ליידיקע בודקע, האָט איר געמוזט געבן אַ צווייט טינדל,

זי זאָל האָבן בײַ וואָס צו פֿאַרדינען, וועט זי קאָנען אים אָפּגעבן דעם אַלטן חוב.

דאָס מאַנעלע אירס פֿלעגט זיך אויפֿהויבן זייער פֿרי. אַ קנאַפּע שעה האָט בײַ אים געדויערט, ביז ער האָט זיך אײַנגעדרייט די פּאות. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעטון די קינדער און צוזאַמענגענומען דאָס קאָזשע־בערדל, איז ער געגאַנגען אין קאַמער נאָך האָלץ און נאָך וואַסער צום קאָכן. ער האָט צוגעגרייט קאַרטאָפֿל שוין אויף וועטשערע אַפֿילו און איז אַוועק אין בית־המדרש. ביזן איבערבײַס האָט ער אין בית־המדרש געמאַכט קשרס בײַ של־ידן. פֿאַר מאַכן אַ קשר האָט ער גענומען אַ פּאַפּיראָס. עס האָט זיך אים גאָרנישט געוואָלט אַהיימגיין. אויב ער איז שוין יאָ אַהיימגעגאַנגען, האָט ער אָפּגעטשאַטעוועט, מלכּה זאָל נישט זײַן אין שטוב, ווײַל זי האָט אים נישט געלאָזט אויף די אויגן. זי האָט אים געשאָלטן מיט „נחכּה". איז ער ליבערש געזעסן אין בית־המדרש און איבערגעקוקט מזוזות.

מלכּה האָט נישט געוואָלט, רחל זאָל אַזוי פֿרי חתונה האָבן. זי האָט חתונה געהאַט אין די שפּעטערע יאָרן און דערפֿאַר געמוזט נעמען אַ מאַן, וואָס דערגרייכט איר ביזן עלנבויגן און דערצו נאָך אַ שלאַק. פֿאַרוואָס קומט עס רחלען אַזאַ שוווילטאָק? זי איז פֿון דער אייגענער טאַטע־מאַמע וואָס רחלס מוטער, — זאָל איר אַזוי גוט זײַן?

נעכעלע האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט מלכּהן צוצוגיין צום שוואָגער און אים אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף דעם שידוך מיטן חזנס זון, וואָס ער גייט זיך אײַנהאַנדלען. מלכּה דאַרף נאָר דערמאָנען אַ וואָרט וועגן הערשלס אויפֿפֿירונג. די רעשט וועט שוין נעכעלע צופֿירן.

שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה, זענען די מומעס געקומען מבקר־חולה זײַן די שוועסטער. נעכעלע האָט גערעדט וועגן דער

סדרה, ווען דער דרשה, וואָס דער רבי אין חברה-ש"ס האָט היינט געהאַלטן. זי האָט דערציילט וועגן זייערע שכנים אויף די שטעט אין שול, אַז דעם נאָפּטשאַזשס שנור איז היינט גע-קומען אַזוי אויסדעקאָלטירט אויף וואָס עס האָט זיך נאָך קיין שום שטאָטישע טאָכטער נישט דערלויבט. זי האָט אויך דער-ציילט, ווי שיין דער חזן האָט געזונגען דעם יוצר.

דאָ האָט מלכּה אויסגענוצט די געלעגנהייט און דער-מאָנט הערשלען, — אַז אַזאַ טאַטע זאָל אַזוי צעלאָזן זיין קינד.

באַלד איז איר נעכעלע נאָכגעקומען, אַז זי גלויבט נישט אין אים. זיין פּנים איז שיין, עס דאַכט זיך, אַז ער איז אַ געלאָסענער בחור, אָבער אַ שיין עפּעלע איז נישט שטענדיק אויך גוט. דער אונטערשלאַק, ווי זי האָט זיך אויס-געדרוקט, איז נאָך נישט דאָס ריכטיקע מלבוש. זי האָט נאָכ-אַמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז הערשלען האָט מען אין שטאָט צוגעשריבן אַן אומפּאַרדינטן שלייער. זי האָט נישט געוואָלט אָפן זאָגן, נאָר מען האָט דערקענט אָן איר קנייטשן מיט די מאָגערע בעק, אַז זי ווייסט, דאָס הערשל שפּאַצירט מיט קריסטן.

— מען טאָר אים קיין יידישע טאָכטער נישט טרויען — האָט זיך מלכּה אָפּגערופן און פאַר צופרידנקייט געוואָרפן מיט דער געגילטער קייט, וואָס איז איר געהאָנגען צוויי מאָל אַרומ-גענומען אַרום האַלדז און נאָך געגרייכט ביז דער טאַליע.

די מומע נעכעלע, וואָס האָט נאָר געוואָלט רחלען אָוועק-רייסן פון הערשלען, האָט זאָרגעוודיק געזיפצט, ווען זי האָט געמוזט דערמאָנען הערשלס נאָמען און אַריינגעמענדיק די פּלאַ-טשיק-הויטיקע בעק צווישן די דזשאָנסלעס, האָט זי זיך גע-וואָנדן מיט אַ געבעט-טאָן: מוזט זי חתונה מאַכן גאָר באַ-צייטנס, אַז נישט — איך וויל גאָרנישט דערמאָנען — אסתּרשי, מיר זאָלן נישט געשטראָפט ווערן, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, עס איז מיר שווער דאָס צו ברענגען פאַרן מויל.

מלכּהן ווידער איז נישט געפעלן, רחל זאָל חתונה

האָבן. האָט זי געהאַלטן פֿאַר איר חוב צו פֿאַרווישן נעכעלעס ווונטש.

— וואָס האָט זי זיך צו יאָגן? נעמען אַ יינג מיידל און אַרויפֿוואַרפֿן אַן עול. זי האָט טאַטע-מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. זיי קאָנען האָבן אַ השפּעה אויף איר און זי נישט לאָזן אַרומשלאָנדרעווען זיך מיטן חזנס זון. ווער ווייסט וואָס דאָס וועט אויפֿוואַקסן. ער האָט שוין איינמאָל געוואָלט אַוועק קיין אַמעריקע, שפּילט אַ ראָלע ביי אַזאַ יינג עפּעס וואָס אָפּצוטון? — פּאַסט דאָס פֿאַר אונז?

נעכעלע האָט זיך צוגערוקט נענטער :ום בעט און מלכהן איבערגעריסן.

— טאַטע-מאַמע, אין גן עדן זאָלן זיי זיין, וואָס האָבן זיי פֿאַר אונז געזוכט? יחוס, אַ פיינע משפּחה, אָרנטלעכע קינדער. צווויסן מיט וועמען מען גייט זיך בינדן אויפֿן גאַנצן לעבן. און דאָ? קאָנסט דאָך דעם חזנס פֿאַמיליע? געדענקסט דאָך זיין פֿעטערס שוועסטערן-טאָכטער? ווייניק האָט זיך דעמאָלט געקאָכט אין שטאָט? עס איז גאָרנישט מעגלעך געווען זי אָפּצורייסן פֿון סטעפּאַנען! זי איז אַנטלאָפֿן דער רוח ווייסט זי וווּ. און טאַטע-מאַמע — שונאי-ציון געזאָגט — יונגערהייט אין קבר געפֿירט.

זי האָט אָפּגעווישט די ליפּן און אויפֿוויקלענדיק אַ פֿלעשל ווין, וואָס זי האָט געבראַנגט פֿאַר דער שוועסטער, האָט זי דערוויל דערציילט, אַז זי האָט אים איצט אָנגעהויבן אויסצואַרבייטן. דאָס איז אַ ספּעציעלער וויין פֿאַר שוואַכע. אַפֿילו דער אַפּטייקער שיקט צו איר חולים נאָכן וויין.

— אסתרשי, דו מעגסט עס טרינקען, — און גלייכמאַכנדיק אויף זיך דאָס ווייסע פּאַרטוכל האָט זי זיך אויפֿגעהויבן, ווייל „אירער" מוז שוין אַודאי וואַרטן אויף די מלוה-מלכּה.

מלכּה האָט נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער געגילטער קייט און איינוויקלענדיק זיך אינם שוואַרץ-זיידענעם שאַל, וואָס זי האָט געקריגן צו איר חתונה, האָבן זיי געזאָגט אַ גוטע וואָך.

ר׳ אהרן האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט פאַרזעצט אין גאַרטל. ער האָט זיך געהאַט גוט צוגעהערט צום שמועס פון די שוועסטער און נאָכאַמאָל אין געדאַנק אים צעקייט: הייסט דאָס, אַז רחל זוכט זיך אַליין, זי פרעגט שוין גאָרנישט נאָך קיי־נעם. גלייך דער טאַטע לעבט שוין נישט. זי וועט מיר אַריינ־ברענגען עפעס אַ פראַנטל און דאָס וועט איבער מיר ווערן געוועלטיקן. שוין, כ׳בין שוין אויס טאַטע! דאָס וויל זי! אַ פראַנטל זיך אויסגעזוכט, זי וויל טאַקע נישט הענעכן? זי גייט מיר אָפּטוען און דאָס מאַכט זי אַזוי שטילערהייט? קוצע־ניו־מוצעניו!

ער האָט גענומען די הענט אונטער די אָרעמס און זיך געשטעלט פאַרן ווייב.

— נו יאָ, אסתר. איך וועל נאָך היינט צופאָרן צו שרה־לען און אפרימקען. דער יינג מוז שוין זיין אַ מענטש! איך וועל אים אַהער נעמען, שרהלע וועט באַשטיין. ווי מיינסטו?

— פאָר נאָך נישט און כעס זיך נישט. רחל וועט אים נישט נעמען.

— דיין טאָכטער גייט דאָך עפעס אָפּטוען! זייער פיינע גרוסן פון איר אָפּגענומען. האָסט דאָך געהערט, וואָס דיינע שוועסטער דערציילן.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שלאָפראָק.

— דו וועסט הערן וואָס זיי וועלן דיר דאָרט דערציילן; זיי זענען טאַקע מיינע שוועסטער, נאָר איך גלויב נישט אין זייערע רייד. רחל קאָן מסתמא דעם חזנס זון בעסער פון זיי. דו מעגסט זיך אויף איר פאַרלאָזן, פאָר נישט און מאַך זיך נישט צו נאַר.

— שוין, שוין. רעד מיר שוין נישט. דאָס טעכטערל זאָל דיר אַריינברענגען אַ שייגעץ אין שטוב, וואָלסטו זי אויך געהאַלטן; שוין, שווייג שוין בעסער.

ער האָט געוואָלט נאָך עפעס זאָגן — אַז נישט געקוקט אויף אירע עצות פאָרט ער דאָך, נאָר די פרוי איז שוין גע־

האָט איינגעשלאָפן. האָט ער גענומען זיין בורקע און איז אוועק צו דער פור.

* * *

צוועלף פאַרשוין אויף דער פור. אַ ציגיינער-בויד. זי האָט זיך געריטשט צווישן שליאַך און געפרוירענעם שניי אויפן שאָ-סיי. אויף די לאַנקעס איז ערטערווייז געשטאַנען געפרוירן וואָ-סער. אַ ווייסע נאַכט. די גאַנצע לבנה איז געשטאַנען און אַראָפּגעבלאַנקט פון גרויען הימל. די לבנה האָט זיך מיטגע-צויגן מיט דער בויד, ווי אַ וועג-ווייזער צווישן די וועלדער מיט די הויך-שפּיציקע סאָסנע-ביימער, ווי דער עמוד-אש איבערן ים-סוף.

די פאַרשוינען האָבן גערעדט שטיל מיט אַ מאָנאָטאָנעם זשום. דער פראָסט האָט געבריט די אויערן, פאַרגליווערט די פּאַרע פון מויל און באַצויגן מיט אַ ווייסער שוים די שפּיצן קלאַפּעס ביי דער בורקע. אַ נאַכט, — גאַנצע צוועלף שעה. די פאַרשוינען האָבן זיך געוויגט אין דרימל; די פערדישע פּיס זענען געווען ווייס פון דער פאַרפרוירענער פּאַרע. זיי האָבן זיך געטליקעט פון גליטשיקייט און צוריקגעשטויסן דעם דישעל. זיי האָבן געקלונגען מיט די קעלזשעס און אויפגעוועקט די פאַרשוינען. ווען די פערד זענען אַרויף אויף אַביסל אַ גליי-כערן וועג, האָבן זיי געשפּאַנט טריט ביי טריט און צוריק פאַר-וויגט די פאַרשוינען.

דאָס דאָרף, צו וועלכן ר׳ אהרן איז געפאָרן, האָט געהאַט ברייטע פעלדער, צעוואָרפענע הייזלעך מיט שטרוי און שינדל-דעכער; די פיטרעס אין די פענצטער זענען געווען אַרומגע-קלעפּט מיט ליים, די ווענט פאַרשפּאַכלעוועט מיט מאָך, ס׳זאָל נישט אַריין קיין קעלט. אויפן וועג זענען געלעגן אויסגעשפּרייט

ברעטער, כדי בעת אַ רעגן זאָל מען נישט דאַרפן זינקען אין בלאָטע.

אין דאָרף האָבן געוווינט ביי אַ צוויי־הונדערט נפשות.

זיין שוועסטערס פאָלווארק איז געווען אַ גרין־געמאָלט הייזל מיט אַ שינדל־דאַך, דריי שטאַלן, צוויי שפּייכלער, אַ לאַנגן גאָרטן און עטלעכע מאָרגעס לייידיקע האַרטע ערד. דאָס פאָלווארק ציט זיך העט ווייט אַוועק ביז צום וואַלד־צו. פון איין זייט איז עס אָפּגעטיילט געווען מיט אַ פלאַכן ראָוו, פון דער צווייטער זייט איז עס געווען אַרומגעצוימט מיט שיטערע דרענגלעך. דאָס גאַנצע פאָלווארק איז געלעגן, ווי אָפּגעאַנקערט פון גאַנצן דאָרף.

דער פרימאָרגן האָט צוגעשפּאַנט און צעריסן דעם באַנאַכטיקן אומעט. דער שוים אויף דער ערד איז זיך צעפלאָסן, די ערד איז פייכט געוואָרן, דער פראָסט האָט זיך פון איר, ווי אויף אַ מענטשלעכער האַנט, אַלץ ווייטער און ווייטער געשמעלצט. ווען ר׳ אהרן איז אָנגעקומען אויפן וועג צו זיין שוועסטערס פאָלווארק, האָט ער געטראָפן, ווי פון איין שטאַל האָט אַ בהמה געמעקעט און אין אַ צווייטער האָט אַ פערד געהירזשעט. זיין געהער האָט אויך אויפגעכאַפּט אַ קלאַפּ פון אַ לאָדן און אַ הייזעריק געוויין פון אַ קליין קינד. וואָס טיפער אין דאָרף אַלץ מער און מער האָט ער זיך געטראָפן מיטן דערוואַכנדיקן לעבן. אַ פויערטע מיט קאַנען מילך איז אַרויס פון שטאַל און איילנדיק זיי אַריינגעשטעלט אין דער כאַטע. אַ פרוי מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס האָט זיך אונטערן שווערן יאָך פון דער מאַסע שטאַרק צעהוסט. ר׳ אהרן האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגער און אויך פון דער צייט געדרונגען, אַז דאָס דאָרף וואַכט שוין לאַנג.

דער ערשטער, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פון זיין שוועסטערס הויז־געזינט, איז געווען זייער זון העניך. באַלד

נאָכן ערשטן האָן-קריי, ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט שוין הענעך געצויגן די שטיוול אויף די פיס. ער האָט אָנגעטאָן די קורטקע, געפּעטעט מיט לאַנגע, שוואַרץ-וועלפּענע האָר, דאָס פּיטערנע היטל אַריבערגערוקט איבער די אויערן און בעמענדיק די קאַן, געגאַנגען צום ברונעם נאָך וואַסער.

ר׳ אהרן האָט דערזען נעבן ברונעם אַ מענטשן, וואָס רייסט אַראָפּ די פאַרפרוירענע צעפּ פון הענגנדיקן עמער, ער שפּעט, גיסט איבער אין זיין קאַן, האָט ער זיך משער געווען אַז דאָס איז הענעך. איז ער אים אַנטקעגן געגאַנגען. ווען ער האָט אים טאַקע דערקענט איז ער שטיין געבליבן.

הענעך איז געגאַנגען טריט אין טריט און געקוקט אין קאַן, צי עס ווערט נישט ווייניקער וואַסער. ר׳ אהרנען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער שלעפּט זיך אַזוי.

— וואָס וואַרט ער, איך זאָל צוגיין צו אים?

עס איז אים נישט איינגעפאַלן, הענעך זאָל אים נישט האָבן געזען. האָט ער נערוועז אַ דריי געטון מיטן קאָפּ; ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, נאָך וואָס ער איז געקומען און טאַקע גאָרנישט דערמאָנען צו וואָס ער צילט. רחל איז גערעכט — האָט ער אין זיך געטראַכט. איך ווייס נישט, צי ער וועט מיר כבוד צוטיילן.

הענעך האָט אויפגעהויבן די אויגן פון קאַן און דערזעענדיק ר׳ אהרנען, האָט ער אויסגעשריגן: — פעטער אהרן! און אָנגעהויבן שנעלער איילן.

דער פעטער האָט זיך באַרויקט. ער האָט איינגעזען, אַז הענעך האָט אים טאַקע נישט באַמערקט, איז ער אים ווידער געגאַנגען אַנטקעגן.

— איך האָב באַלד דערקענט, — האָט הענעך פריידיק צו זיך געזאָגט און צוגעגעבן — זייער אַן אומגעריכער גאַסט! — ער האָט אָוועקגעשטעלט די קאַן, זיך דורכקלאַפּנדיק מיט די הענט אונטער די אָרעמס אויף צו דערוואַרעמען זיך.

— דער פעטער פאָרט מסתמא אין וואַלד?

— ניין.

— אַזוי, צו אונז געקומען?

ר׳ אהרן האָט זיך אומגעקוקט איבערן פּאָלוואַרק.

— נעכטן איז דאָ דורכגעפאָרן אונזער פּריצל. ער וויל אָפּקויפן אויף יענער זייט אַ שטיקל ערד. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט דעם טאַטן, אַז זי גיט גאָרנישט. מען מעג עס פאַרקויפן. דער שוטה קאָן זיך אַזוי אויף ערד, ווי איך אויף שוועבל. די ערד איז טרוקן, עס איז נישט מעגלעך צו זייען, קיין קערנדל האַלט זיך נישט אין איר; זי צעפאַלט, — עס העלפט נישט קיין מיסטיקן, קיין רעגן, אַז מען פאַרזייעט דאָ וואַקסט עס אַרויס ביים שכן — ער האָט געלאַכט און אַ שוים האָט זיך אים באַוויזן צווישן די ליפּן.

— דו ביזט שוין אַזאַ מבין, אַ בעסערער ווי דער טאַטע! — האָט ר׳ אהרן שמייכלענדיק צוגעגעבן און איינגעצויגן די ברעמען פון פאַרוווּנדערונג.

הענעך, האָט מען געזאָגט, איז אינגאַנצן געראָטן אין טאַטן.

— עס איז דאָ אַ סעדל צו קויפן, פּעטער קוקן — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער — דאָ ביי סטעפּאַניקן. אַ געדיכט אָנגעפּיקעוועטס מיט ביימער און אום זומער אַ סך אויבסט.

יעדע ווײַלע האָט ער אים געבעטן קוקן אין אַן אַנדער ווינקל. ער האָט אים געוויזן די שטאַלן און אָנגעגעבן די צאָל בהמות אין זיי; ער האָט אים דערציילט, וועלכע קו האָט זיך אָפּגעקעלבט און וועלכע דאַרף זיך איצט אָפּוואַרפן; וויפל מילך זיי האָבן דורך דער וואָך, וויפיל פּוטער זיי קלאַפּן אויס אין חודש, ער האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם, צו פירן אים ווייזן די קאַמער מיט געגנדז.

דער פאָטער האָט געעפנט די טיר און צוליב זיין הויכן וווּקס האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיטן היטל אין דער פיטרע. דערזעענדיק דעם שוואָגער, האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס גלייך-קאָכן זיך דאָס היטל און אים אַריינגעפירט אין שטוב צו דער מיך. ער האָט אַראָפּגענומען די פאַן מילך פון דער פּייערקע, כדי דער שוואָגער זאָל זיך קאָנען אַ ביסל דערוואַרעמען ביים אָפענעם פייער. ער האָט געזען, אַז דער פראָסט האָט אים

שטאַרק דורכגענומען, האָט ער אים געהאָלפן אַראָפּציען פון זיך די בורקע, דערביי האָט ער געזעדט שנעל, געמישט אײַן זאַך אין צווייטן.

— מאַך אַ שנאַפּס, עס איז גוטער בראָנפן פון דער הי־גער גאָזשעלניע, נעם אַ כּוסה וועסטו זיך דערוואַרעמען. ביזט דאָך נישט קיין באָק. נעם נאָך אַ כּוסה, דאַוון אָפּ און זיי עפּעס טועם, וועסטו זיך צולייגן אונטער דער פּערינע. דו ביזט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. שרהלע איז שוין אויף. איך וועל איר נישט זאָגן ווער עס איז געקומען, זאָל זי אַליין דיך טרעפן. שטעלסט זיך גאָרנישט פאָר, וואָס פאַר אַ שמחה דאָס וועט זיין ביי איר, — ביזט דאָך שוין לאַנג נישט געוועזן.

ר׳ אהרן האָט געצויגן די שטיוול.

— אָט אַזוי. צי אַראָפּ, עס איז דאָך דיר קאַלט אין די פינגער. מיר האָבן אַ שווערן ווינטער. דאָ זענען מיר שוין געוווינט. איך וויל דאָ אַלץ פאַרקויפן. די קריסטן לאָזן קיין קינד נישט אויף די אויגן. דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ צרות איך האָב אויסגעשטאַנען. מען פאַרסמט מיר די עופות, אויב איך וועל נישט פאַרקויפן וועט מען עס מיר צוגזלען; זיי האָבן מיר אַ פערד לאָם געמאַכט. איצט איז עס אַ פּגירה, נאָר אויף פעל צו פאַרקויפן. נעם נאָך אַ קאַפּעטשקע בראָנפן, — דו ציטערסט דאָך פון קעלט. זיי האָבן דאָס ביסל תּבואה נישט געלאָזט אַריינגעמען אין שייער; קיין שום היגער פויער האָט נישט געוואָלט קומען שניידן; איך האָב געמוזט ברענגען אַ פויער פון אַ צווייט דאָרף, אַ נישטיקן בעל־מלאכה. איידער ער האָט זיך געריכט מיטן שניידן, זענען די קלאָסעס אויסגעדראָשן געוואָרן דורכן ווינט, די רעשט איז אויסגעווייקט געוואָרן פון רעגן. פרעג שוין גאָרנישט אהרנשי, — געלויבט השם־יתברך, אַבי מען לעבט, מען זעט זיך און מען איז געזונט.

שרהלע איז אַרויסגעקומען פון אַלקער, אפרימקע האָט אויפגעהערט ריידן. זי איז נישט געווען אָנגעטון אויפצונעמען געסט און דערזעענדיק איר ברודער, האָט זי פאַרשלייפט די

הענט אויף דער אָנטבלויזטער ברוסט און שטיינבלייבנדיק אין דער טיר צו אים זיך געגרוסט.

נאָך אַ ווײַלע איז זי אַרויסגעקומען אין אַ פֿריש-געפּרעסטן שלאָפֿראָק און אַ געבלימט טיכל אויפֿן קאָפּ. די זון האָט בלאַסלעך אָנגערירט די שויבן-פֿענצטער און מיט אַ געלער קאָליר זיך אָנגעשלאָגן אין איר פּנים.

שרהלע האָט געוואָלט מיט אים שמועסן, אָבער נישט אין אפרימקעס אָנוועזנהייט. האָט זי אים אָוועקגעשיקט, ער זאָל געבן די בהמות עסן, — הענעך וועט זיך אַליין קיין עצה נישט געבן.

— ווייט פֿאָרסטו? — האָט שרהלע אָנגיסנדיק אים אַ גלאָז מילך געפֿרעגט.

— איך בין געקומען צו דיר און וועל בײַנאַכט צוריקפֿאָרן.

— וואָס־זשע יאָגסטו זיך, מאָרגן וועסטו פֿאַרשפּעטיקן? דאַרפֿסט נויטיק זיך אויסגרירן! דו וועסט נישט פֿאָרן. איך וויל דו זאָלסט בלײַבן, — אפשר וועסטו האָבן אויף אים אַ ווירקונג.

— וואָס איז? — האָט אהרן דערשראָקן געפֿרעגט, ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וועמען זי מיינט, — אפשר אַמאָל הענעכן, איז וואָס איז דאָס מיט אים געשען?

שרהלע האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן, זי האָט געקלערט פֿון וואָס אָנצוהייבן און מיטאַמאָל זיך גענומען פּאַר אים קלאָגן.

— דו זעסט זײַן פּנים, די צוגעבונדענע באַק? ער איז אַזאַ האַרטער עקשן, יעדע מינוט פּאַלט מיר אָוועק דאָס האַרץ. מיט אַלע פּויערים האָט ער צו טון; ער זאָל עס אַמאָל נאָכגעבן. אַז גאָט וועט דיר וועלן געבן, וועט נישט העלפֿן זייער אונטערגראָבן. מײַנער אָבער קאָן נישט שענקען: אַ פּויערטע האָט אָוועקגעכאַפּט פֿון אונטער דער הון אַן איי, אפשר עטלעכע, מײַנער האָט געדאַרפֿן זען, נו, נו, האָט ער זי נאָכגעיאָגט מיט אַ ווידלע. און די פּויערים האָבן מער נישט געדאַרפֿן,

ער זאָל נאָר מיט זיי אָנהויבן, — האָבן זיי אים דאָס אַביסל צעקלאַפּט! ברודערשי, איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין נאָך מיר, אַלע רגע האָט ער געשריגן, אַז אַן אַנדער אבר טוט אים וויי און די געוואַלדן זענען געוועזן עד לב השמים.

און גיי גיב אים צו פאַרשטיין, אַז די גאַנצע מעשה איז אַן אָנשטעל, מען האָט אים אַמישנע פאַרנאַרט, כּדי איך ווייס וואָס, די שעה זאָל נישט זיין — אים צו דערהרגענען, עס האָט קיין סך נישט געפעלט.

— עס איז דאָך נישט קיין הפקר-וועלט! — האָט אהרן איבערגעריסן.

— מיר זענען טאַטע יאָ הפקר, מיר האָבן אַ מינוט נישט קיין מנוחה. דאָ פעלט אַ גאַנדז, דאָ דאָס פערד אָפּגעבונדן און פאַרטריבן. זאָג איך אים עפּעס, כּעסט ער זיך, אַז ער וועט אַלץ פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש, ער וועט מאַכן פון זיך אַ תּל.

ביז מיטאָג האָט זי פאַרן ברודער געמסרט דעם מאַן, — אפילו ביים פאַרקויפן די סחורה איז ער אויך עקשנותדיק: פוּ-טער, דאָס איז אַזאַ סחורה, וואָס מען קאָן לאַנג נישט האַלטן און ער וועט איבער אַ פּרייז לאָזן די סחורה קאַליע ווערן; שריי איך: אפרימקע, סטייטש אַנדערע לייזן דאָך! ניין, ער האָט זיך אָפּגעסדרט וויפיל צו נעמען, קריגט ער דאָס נישט, איז זאָל איך אפילו זיך האַקן קאָפּ אין וואַנט, ער וועט פון זיינס נישט אָפּ-טרעטן. שריי איך, טוט ער מיר אָפּ, ער וואַרפט אַריין די סחורה אַ געמיינעם קרעמער און לויפט אַ גאַנץ יאָר נאָך די פּאָר גילדן, ווייז איך אים אויף. זע כאָטש, זע אפרימקע! בייזערט ער זיך, וואָס איך מיש זיך אַריין, אַן עקשן אַ מענטש! ער לאָזט פאַלן אַן איבערבעט און הויבט אויף אַ פעדער.

ביים טיש האָט ר׳ אהרן דערציילט וועגן זיין קינד רחל. אפרימקע האָט זיך אַראָפּגערוקט די פאַטשיילע פון דער פאַרבונ-דענער באַק און אויך גענומען אויסלויבן זיין הענעכן. האָט אים שרהלע איבערגעריסן.

— איך דאַרף נאָר האָבן צו אים אַ גרויסע הילף.

זי האָט זיך געוווּנטשן, זי זאָל אים קענען האַלטן אין

שטאָט, ער זאָל באַקענען אַ וועלט, קומען צווישן מענטשן; זי האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט פעיקייטן צום שניצן. זי האָט געוויזן זיינע אַרבעטן: אַ אויסגעזעגטן וויאַטראַק און זייער פאָל־וואַרק מיט די באַזונדערע שטאַלן.

ר' אהרן האָט די שניצערייען לאַנג געהאַלטן און באַוווּנ־דערט.

— דאָס אַלץ איז העניעס אַרבעט, אַלץ אַליין? — האָט ער מיט אַ פאַרטרוקנטער שטים געפרעגט און גענומען די באָרד אין מויל.

— ווייסטו וואָס, שרהלע, זאָל ער מיטפאָרן מיט מיר. ער וועט זיך פילן, ווי ביי אייגענע טאַטע־מאַמע און מיין רחל וועט אַלץ פאַר אים טון. דאַרפן מיר זוכן אין דער פרעמד, אַז מיר האָבן אַזעלכע צוויי טויבן.

— דו האָסט גאָר אַ גוטן איינפאַל — האָט אפרימקע ווי בגילופין זיך אָנגערופן. שרהלע וואָלט וועלן מאַכן פון אים אַ לערער, איך זאָג טאַקע, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט ער זאָל קלערן וועגן אַ תּכלית, דיין רחל אַ גאָלדן קינד, פאַר וואָס טאַקע נישט!

העניעך איז אָנגעקומען, שלעפנדיק אַ יאַלושקע ביים קאָרק און געוואָלט זי ווייזן דעם פעטער.

די מוטער איז אים אַנטקעגן און געבעטן, ער זאָל אָפּלאָזן די יאַלושקע. זי האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז דער פעטער נעמט אים מיט אין שטאָט.

העניעך האָט די יאַלושקע געלאָזט פאַר דער טיר, זינגענ־דיק אַרומשפּאַצירט זיך נעבן די סטאַדאָלעס און שפּייכלערס, ווי ער וואָלט זיך דאָ מיט אַלעם געזעגענען.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס געשפּאַן פאַרן פערדל, עס נעוואָלט איינצוזמען אין וואָגן. די מוטער האָט אים גערופן, ער זאָל זיך איבערטון און אַז דאָס מאָל וועט ער פאָרן אויף אַ פרעמדער פור. ער האָט זיך פון איר געלאָזט קושן און האַלדזן.

* *

*

בײַ רחלען איז דעם פֿאָטערס אַוועקפֿאָרן נישט געווען קײן בײַעס. זײַער אָפֿט פֿלעגט ער זײַן אונטערוועגס, אַמאָל טאָקע עטלעכע טעג; אָבער שטענדיק האָט זי געוווּסט, נאָך וואָס ער איז געפֿאָרן: קויפֿן האָלץ, פֿאַרקויפֿן אָדער זיך אָפּרעכענען.

דאָס מאָל האָט זי געפֿרעגט די מאַמען, נאָך וואָס דער טאַטע איז געפֿאָרן און גאָרנישט געקאָנט דערגײן. די מאַמע האָט אַפֿילו אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו ער איז. רחל איז דאָך נישט זיכער געווען, אַז נאָר דאָרט איז ער געפֿאָרן.

קײן סך אויספֿרעגן האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי אָפּגעטרעטן, ווײַל זי האָט געזען, ווי די מאַמע ענטפֿערט נישט גערן.

דאָס האַרץ האָט איר דאָך עפּעס געזאָגט און זי באַאומרויקט. איבער וואָס און וועגן וואָס צו קלערן האָט זי נישט געוווּסט. זי האָט דאָך נישט געהערט, וואָס די מומעס האָבן געשמועסט און נישט דערבײַ געווען, ווען טאַטע-מאַמע האָבן זיך געזעגנט.

— אפֿשר האָבן זײ זיך געקריגט? — האָט רחל געפּרוווט פֿאָרשן אין איר אײגענעם געדאַנק, — אפֿשר איז ער אַוועק אויף אָפּצושרעקן די מאַמע און דערפֿאַר וויל זי נישט רײדן? איז טאָקע גלײַכער, איך זאָל נישט דערמאָנען, וועט זי פֿאַרגעסן און וועט זיך באַרויקן. — זי האָט אַוועקגעלײגט דאָס פּרעסן און אָנגעהויבן זינגען. איר האַרץ האָט דאָס זינגען נישט געפֿילט, האָט זי אויפֿגעהערט.

זי האָט אָבער געוואָלט ווײַזן דער מאַמען, אַז זי דאגהט זיך נישט, האָט זי זיך גענומען צירן, אָנטון די שנור בורשטינען. די מאַמע האָט געקוקט און רחל האָט אין איר בליק געפֿילט אַ באַדויערונג. פֿאַר וועמען האָט זי נישט געוווּסט; זי

האָט זיך אויף דעם אָפּגעשטעלט און געקלערט. איר שטער־ האָט זיך געפּאַלדעוועט, — אפשר פילט זיך די מאַמע שוואַכער און זי רייצט זי נאָך מיט איר אָנטון זיך און צי־ רונג; זי פּוצט זיך פאַר איר חתן און די מאַמע באַדענקט זיך אין איר אייגענער לאַגע, — זי שרעקט זיך, אַז זי וועט דאָס נחת מיט איר רחלען נישט מיטמאַכן — זי האָט גענו־ מען זיך קעמען אויף דער לעצטער מאָדע און האָט געפרעגט די מוטער צי עס קליידט איר אַזוי בעסער.

— אַמאָל זיך איבערקעמען אַנדערש שאַדט נישט, עס פרישט אויף דאָס פּנים.

רחל פלעגט אויף דער מוטערס אַ בליק ענטפערן מיט אַ שמייכל. דאָס מאָל האָט זי אפילו קיין אָנשטעל נישט גע־ קאָנט מאַכן, עס איז איר פּלוצלונג נישט־גוט געוואָרן. זי האָט געפילט אַ ציק אין די מוח־אָדערן, עס האָט איר גע־ שווינדלט פאַר די אויגן, זי האָט זיך אַ בויג געגעבן אין די פּיס און זיך אויסגעגליטשט.

זי פלעגט אַמאָל אַרומגיין מיט גרויס ווייטיק און דאָך געדענקט נישט זיך צו קלאָגן, כּדי צו שוינען דער מוטערס רויקייט. דאָס מאָל האָט זי זיך פאַרלוירן און איז זיצן גע־ בליבן אויף דער פּאָדלאָגע.

די מוטער איז אַרויס פון בעט און געהאָלפן איר אויפ־ שטיין.

רחל האָט דערפילט אויף איר שטערן דער מוטערס וואַ־ רעמע ליפּן און זי האָט געוואָלט לאַכן. עס איז איר אָבער אוממעגלעך געווען. די מוטער האָט איר געווישט די טרערן פון די אויגן.

* *

*

ר׳ אהרן מיט הענעכן זענען אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט. אין שטוב האָט קיינער זייערע טריט נישט געהערט.

רחל האָט דעם אָוונט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, זי איז אָני־
געוויינטערהייט אַנטשלאָפן געוואָרן.
עס איז שטיל געווען. דער זייגער איז געשטאַנען. זיי־
זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און גערעדט אויפן אויער.
הענעך האָט געהאַט אַ שווערן טריט. חוץ דעם האָט
זיך אים ביים אַראָפגיין פון וואָגן איין פּאַדקאָווע פון אָפּצאַס
אָפּגעריסן, האָט זי ערטערווייז געקלונגען.
דער פאָטער האָט אים געהייסן אַלס סגולה, אַז רחל
זאָל באַוויליקן צו בלייבן זיין כלה, ארויפלייגן אויף איר זיין
קורטקע.
הענעך איז געגאַנגען.
אין מיטן וועג האָט זיך אים די פּאַדקאָווע פּאַרטשעפּעט
אין קראַטענעם דיוואַן, אַ שטול איז אומגעפאַלן און האָט האַס־
טיק אַ קלאַפּ געטון. רחל האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעענ־
דיק אַ מאַנספּאַרשוין נעבן זיך, האָט זי גערופן „הילף!" —
האָסט איבערגעוועקט די מאַמען, — האָט דער פאָטער איר גע־
ענטפערט מיט אַ הייזעריקער שטים.
זיי האָבן אַ רגע אויפגעוואַכט מיטן ריידן, כדי צו זען, צי
די מוטער האָט זיך טאַקע איבערגעוועקט.
עס איז שטיל געווען.
ר' אהרן איז צוגעגאַנגען צום ווייבס בעט. זי איז געלעגן
אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם קאָפּ אַרונטערגע־
בויגן, ווי אַ געשאָכטענע. ר' אהרן האָט זי געצויגן ביים אָקסל.
זי האָט זיך נישט געוועקט.
ער האָט אָנגענומען איר האַנט.
זי האָט זיך נישט באַוויגן. ער איז געוואָרן אומרויק און
אָנגעדרייט איר קאָפּ,—ער איז שווער געווען, ער האָט צוגעלייגט
די האַנט צום אָטעם, — ער האָט נישט געצויגן. ר' אהרן האָט
מיט אַ געשטיקטער שטים אויסגעשריגן: — אוי ווי איז מיר!
און אויפן קול זי גערופן — אסתּרשי! ער האָט געריבן אירע
שלייפן, — זי איז געווען טויט.
רחל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעפאַלן צום

טויטן קערפער, זי האָט אים געקושט און רייסנדיק געוויינט. דער פאָטער האָט אויפגעריסן די פענצטער. עס האָט געשאַרעט אויף טאָג און ער האָט אין איין אָטעם איבערגעחזרט — אוי ווי איז מיר! רחל איז אַרויס אויפן הויף און זיך געריסן אויפן קול; אַלע הויף-שכנים זענען געקומען זען, וואָס עס איז פּלוצלונג געשען.

באַלד זענען אָנגעקומען די מומעס און דאָס געוויין האָט זיך געשטאַרקט. זיי האָבן זי אָפּגעהויבן, אָנגעצונדן ליכט או דערביי אויסגערעכנט פאַר רחלען, וואָס פאַר אַ גוטע מאַמע זי האָט געהאַט, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן, ווען זי איז אַ קליין קינד געווען.

רחל איז געזעסן נעבן דער טויטער. זי האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו וויינען און רייסן זיך, איז זי געזעסן פאַרשמאַכט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן פענצטער און שווער געזיפצט.

די מומעס האָבן געזען רחלען זיצן שטיל נישט וויינענדיק און ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס אומגליק איז געשען בעתן פאָטערס אָפּוועזנהייט און דער יינג, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב איז זיין שוועסטערס זון, האָבן זיי נאָכגעקלערט און זיך אָנגעשטויסן, אַז רחל האָט מסתמא דער מאַמען דערעסן די יאָרן, פאַר וואָס זי האָט דעם טאַטן געלאָזט פאָרן. זיי האָבן מיט שפּיציקע אויגן געקוקט אויף רחלען, אַז זי איז אודאי ברוגז געוואָרן אויף דער מאַמען און איר נישט געוואָלט דערלאַנגען עפּעס אין מויל אויף צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ, איז זי אויסגעגאַנגען. און זיי האָבן מיט אַ רמז עטלעכע מאָל געזאָגט דעם שוואָגער: — אַ שיינע טאָכטער אויפגעהאָדעוועט!

דער שוואָגער האָט גוט געהערט די ווערטער, ער האָט זיי אָבער נישט פאַרשטאַנען; ער האָט געמיינט, אַז זיי באַדויערן, וואָס זי האָט אויפגעהאָדעוועט אַזאַ שיינע טאָכטער און נישט דערלעבט איר חופּה. ער האָט געהערט נאָך עטלעכע ווערטער: — עס לוינט צו האָבן קינדער, — עס איז אים אָבער

נישט איינגעפאַלן, אַז דערמיט ווילן זיי אָפּשוואַכן רחלס כבוד.

זיצנדיק אין אבילות, האָט ער מיט רחלען געגומען נאָכ־קלערן, וואָס דאָ האָט געקאָנט פּאַרקומען, וועלכעס האָט גע־ברענגט דעם פּלוצלונגן טויט. ער האָט שטיל אין זיך איבער־געקייט דער שוועסטערס ווערטער. זיי האָבן זיך אים איינגאַנצן אַנדערש געטייטשט און ער האָט אָנגעהויבן פֿאָרשן רחלס גע־וויסן: צי זי שרעקט זיך נישט, צי זי האָט נישט חרטה, צי זי שווידערט נישט פֿון שרעקלעכן מאָמענט? ער האָט איר נאָכ־געקוקט אויף יעדער באַוועגונג, צי זי זוכט נישט אַן אויסוועג אויף אָפּצוּווענדן דעם צער?

ער האָט זי געטראָפֿן מיט דער מוטערס אַ זשאַקעטל. זי האָט עס געהאַלטן בײַ די ליפּן און ער האָט זי געפֿרעגט, צי די מאַמע האָט יענע נאַכט געהייסן זיך געבן דאָס אָנצוטון?

*   *

*

שרעקעוודיקע נעכט, שווערע חלומות האָבן געפּרעסט רחלס ברוסט; זי האָט שטענדיק געזען דער מאַמעס ליידיק בעט. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי זעט זי און זי פֿילט ווי זי האַלט איר האַנט, — זי בעט זיך אויף איר חתונה. רחל לאַכט, זי וויל נישט די מאַמע זאָל אַזוי ריידן און די מאַמע שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי ווייסט בעסער פֿון איר, זי פֿילט, אַז זי וועט נישט לעבן. אַן אַנדערש מאָל כאַפּט זי זי אַן אין מיטן שלאָף און ווייזט איר אָן איר נאַס קבר; זי פֿירט זי אַרום און באַקענט זי נעבן וואָס פֿאַר אַ שכנים זי ליגט. אירע פֿינ־גער זענען שטייף, דאָך פֿרעסן זיי נישט איר האַנט, נאָר עס איז איר שווער זי אָוועקצושטעמען. זי נעמט אַרויס אַן אויג און ווייזט איר, אַז עס האָט נאָך לעבן, אָבער זי קאָן נישט קוקן.

רחל האָט געוווּסט, אַז זי ליגט אויף דער קאַנאַפּע. אין

שטוב איז ליכטיק, עס זיצט דער טאַטע, עס זיצט הענעך. זי דאַרף כּלל נישט מורא האָבן. דאָך האָט זי נישט געוואָלט עפענען די אויגן, ווייל אויפן פענצטער איז געשטאַנען א גלאָז וואַסער, ווו די נשמה טובלט זיך די ערשטע אַכט טעג נאָכן טויט. זי האָט דאָס נישט געוואָלט זען. זי האָט אויך נישט געוואָלט קוקן אויפן סופיט: די מאַמע איז יאָרן געלעגן אין בעט און נאָר אויף אים געהאַלטן איר בליק. זי האָט צוליב דעם אייגענעם טעם נישט אָנגערירט קיין שום זאַך, וואָס די מאַמע האָט די לעצטע צייט געטראָגן. פון אַלעם האָט זיך איר געדוכטן, אַז די מאַמע רעדט צו איר.

אין דער וואָך האָט זי מורא געהאַט און אין חלום האָט זי געוואָלט די זעאונג זאָל זיך ציען אָן אַן ענדע, די מאַמע זאָל צו איר ריידן, אָן אויפהער ריידן.

דורך דער גאַנצער שבעה-צייט, איז הענעך יעדן טאָג געווען אין גאַס, יעדן טאָג איז ער א צייט אָפּגעשטאַנען ביי אַ שויפענצטער פון אַ שענק, ווו עס איז געשטאַנען אַ גלע-זערן קעסטל מיט וואַסער. אינעווייניק זענען אַרומגעשווימען קליינע פישעלעך, אויפן גרונט אין זאַמד זענען געלעגן שלעג-געלעך און אַנדערע ווערעם. די פישעלעך האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ וואָרעם, איינס איז אַנטלאָפן פאַרן צווייטן. הענעך האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם געיעג און ער וואָלט פאַרגעסן ווען אַהיימצוגיין. מיט איין מאָל איז ביי אים די באַוווּנדערונג פאַר-שווונדן. דאָס איז געשען, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען פאַר דעם פענצטער און געקוואָלן פון פישעלעך-געיעג. איז צוגעקו-מען אַ נידריק מענטשל מיט אַ ברייטער קאַרטאָפל-נאָז און ווען הענעך האָט אָנגעוויזן, אַז דאָרט איז דאָ איין פישל, וואָס כאַפּט ביי אַלע אַנדערע פישעלעך אַרויס די געפאַנגענע ווע-רעמלעך, האָט יענער זיך געשפּאַרט מיט אים, אַז ס׳כאַפּט נישט. הענעך האָט זיך געוואָלט מיט אים וועטן. יענער האָט

צוגעזאָגט אַ געבראָטן גענדזל, אַ גלאָז ביר און אַ הערינג מיט פּאָמידאָרן. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעמאָלט אויף דער שילד פון שענק און ער האָט טאַקע געטראַכט אַוועקצולייגן אויפן טיש די גאַנצע שילד.

הענעכן איז געווען אַ ווונדער, וואָס יענער איז ביי זיך אַזאַ תקיף און ער האָט זיך אויסגעטייטשט, אַז ער איז אַ שטאָטישער האָט ער שוין מסתמא געזען, ווי דאָס פּישל כאַפּט נישט דעם וואָרעם. ער האָט זיך אומגעקוקט, — יענער איז געשטאַנען ביי דער שילד און מיט די פינגער אין איר געפּויקט.

— איך הייס נישט נטע און האָב נישט קיין חרטה, — האָט ער מיט אַן איינגעשרומפּטן געלעכטער געזאָגט. ער האָט אים דוקא געוואָלט נעמען אויפן שפּיצל. הענעך האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט. זיין אויג האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן געמאָלעכץ פונם שילד. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דער „שטאָטישער" קאָן אים דאָ אָפּטון. האָט ער נישט געענטפערט, נאָר ווילעריש פאַרמאַכט איין אויג און איז שמייכלדיק אַוועק.

אויף צומאָרגנס איז ער שוין צום שענק נישט צוגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער נייעס: אין שוי-פענצטער ביי יידל דעם זייגערמאַכער האָט ער געזען אַ זייגער-געשטעל אין פאָרם פון אַ ווינטמיל. ער האָט שוין געהאַט אַמאָל אויסגעזוכט אַ „וויאַטראַק", האָט ער זיך איצט פאַרצייכנט אין וויפיל סעקונדן עס רוקט זיך אַראָפּ אַ פליגל. ער איז אַריין צו יידלען און געקויפט אַ געווערקל אויף צוצופּאַסן צו זיין „וויאַטראַק". דאָס האָט ער גערעכנט זאָל זיין פאַר זיין היים אַ מתנה.

קיינער אין שטוב האָט אים נישט געפרעגט, וואָס ער טוט אין גאַס. עס איז נישט געווען צו אים דאָס געמיט. די ווונד צוליב דער מוטערס פלוצלונגן טויט האָט נאָך געבלוטיקט סיי ביי רחלען, סיי ביים פאָטער.

נאָר איין מאָל איז הענעך אַהיימגעקומען אַ פאַרענדערטער. ער איז געווען ראַזירט און פון וועסטל-קעשענע האָט ער

אַלע מאָל אַרויסגענומען אַ בערשטל מיט אַ שפּיגעלע פון דער צווייטער זייט און זיך געבערשט די האָר אויף אַ יעזשאָר. ער האָט אויך גערויכערט פּאַפּיראָסן. אויפן טיש זענען געלעגן שוועבעלעך, האָט ער אַרויסגענומען אַ זאַפּאַלניטשקע און דער־מיט פאַררויכערט. ער האָט געזען, אַז מען קוקט, האָט ער ספּעציעל נאָך אַמאָל געריבן דאָס שטיינדל, — אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געגרויסט מיט דער „מאַשין" און ער האָט דערציילט, ווו ער האָט דאָס געקויפט.

נאָך דעם האָט דער פעטער צוגענומען פון אים די פּאָר גילדן און אים שוין אין גאַס נישט אַרויסגעלאָזט.

רחל האָט איבערגעלייגט די שאַנק, האָט איר הענעך צו־געהאָלפן. ער האָט געפונען אַ ניסן־קנאַקער, האָט ער אים אַריינגעכאַפּט אין קעשענע. ער האָט זיך מיט אים פּאַר רחלען באַהאַלטן און געפּרוווט אים נוצן צו זיינע שניץ־מכשירים. ער האָט אים איר נישט געוואָלט אָוועקגעבן. זי האָט דערפאַר מיט אים נישט געוואָלט ריידן און פון אים געלאַכט. הענעך האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב. אויפן וועג האָט ער געטראָפן דעם אַפּטייקערס הונט, וועלכער האָט געהאַלטן צווישן די צייי־נער אַ קוישל מיט שפּייז. ער איז אים נאָך ביזן הויז, נייגי־ריק געוועזן צו זען, צי דער הונט וועט עס נישט אָוועקוואַרפן אין רינשטאָק אַריין. ער האָט זיך געוווּנדערט. אין דאָרף זע־נען די הינט אָנגעבונדן אויף קייטן, זיי טראָגן אויף די מאָר־דעס דראָטענע שאַטקעס און דאָ אין שטאָט זענען אפילו הינט אויך אַנדערע, ווי אין דאָרף.

פאַרנאַכט האָט אים דער פעטער אָפּגעריסן פון דער מאַרק־חברה און אים אַהיימגעשלעפּט, אים געדראָט, אַז ער וועט אים אַהיימשיקן, — שטאָט איז נישט דאָרף!

און רחל האָט געלאַכט.

הענעך האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, — ער וועט שוין נישט מער. זאָל רחל נישט לאַכן — האָט ער זיך גע־בעטן — זאָל רחל נישט לאַכן.

* *
*

גאַנצע טעג איז הענעך געזעסן און געשניצט הייזלעך פון קאַלירט פּאַפּיר. דער פעטער האָט אים געבראַכט דיקטן, האָט ער זיך גענומען צום זעגן. ער האָט געזעגט דעם טורעם פון דור הפלגה, דאָס משכּון. די לעגענדעס זענען אים געווען גוט איינגעבאַקן אין דער פאַנטאַזיע נאָך פון קינדערווייז, ווען ער האָט געלערנט אין חדר. רחל איז צו אים גוט געווען. זי האָט אים צוגעהאָלפן. זי האָט אים געגעבן פּראָיעקטן פון נייער מאָדערנער סטרוקטור און נאָך דעם, ווי זיין פאַנטאַזיע האָט עס באַגריפן, האָט ער איר דאָס אַלץ געוויזן אילוסטרירט אין שניט.

זי האָט אים אויך געלערנט שרייבן. טיילמאָל איז מיט-גענומען אין געזעלשאַפט. אַזוי אַ נאָך האָט זי זיך דערוואָרבן גוטס-קייט פון אים צו זיך און זי האָט גערעכנט, אַז ווען זי וועט זאָגן: „ניין", — וועט ער נישט וואַגן זיך קעגנצושטעלן. זי האָט אים געלערנט זי פאַרשטיין און ביי יעדער געלעגנהייט אים דערמאָנט, אַז אויב עס איז נישטאָ צווישן מענטשן קיין קעגנזייטיקייט, הייסט דאָס, אַז איין פּערזאָן אונטערדריקט די צווייטע צוליב דעם אייגענעם עגאָיזם.

אין אַ בריוו אַ היים האָט הענעך געשריבן, אַז רחל האָט אים ליב, ער וועט שוין קיינמאָל נישט אַהיימפאָרן. אויב די מאַמע וויל ער זאָל קומען, מוז זי זען רחל זאָל מיטפאָרן. רחל העלפט אים אין זיין אַרבעט, ער זעגט שיינע אַרבעטן. אָפטמאָל אינמיטן דער אַרבעט, ער דאַרף קוקן אויפן מאָדעל, אַליין איז אים שווער. ער האָט נישט מער ווי צוויי הענט, קומט רחל און האַלט אים דאָס פּאַפּיר פאַר די אויגן; זי ברענגט אים וואַסער צום באַנעצן דאָס זעגל, עס זאָל נישט גליען.

ער האָט בדעה געהאַט צו גיין אין גאַס קויפן אַ דלוטל,

ער האָט דערציילט דעם פעטער, אַז מיט אַזאַ דלוטל וואָלטן די שניצערייען אַרויסגעקומען פאַרביקער און רייכער מיט באַ־פוצונגען. אויף צומאָרגנס האָט ער באַמערקט, ווי רחל האָט צווישן זיינע שניץ־כלים אַריינגעלייגט אַזאַ דלוטל. ער ווייסט נישט פון וואַנען זי האָט דערפון געוווּסט, זאָל דער פעטער איר האָבן דערציילט? ער ווייסט, אַז זי וויל, זיין אַרבעט זאָל דוקא אַרויסקומען שיין. און צום סוף בריוו האָט ער צוגעשריבן, אַז ער וויל זיך מאַכן אַ פּאָר לאַטשן, ווייל אין שטאָט טראָגט מען נישט קיין שטיוול.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זי פאַרטראַטן ביי דער שטוב־אַרבעט: ער האָט זי גאָרנישט געלאָזט נעמען קיין שווערס, קיין טשייניק וואַסער נישט געלאָזט אויפהויבן און ווען זי איז פאַרנאַכט אַרויס פון שטוב, האָט ער זי באַגלייט ביז איבערן קאָרידאָר. ווען זי איז געשלאָפן, האָט ער פאָרזיכטיק געעפנט די לאָדנס, איין העלפט צוריק צוגעלענט, פאַרטשעפּעט מיט אַ שטריקל אין אַ ציגל, כדי די זון זאָל רחלען נישט שיינען אין די אויגן.

נאָך אַ רעגן איז שטענדיק פאַר די הויז־טרעפּ געוואָרן אַ בלאָטע, מען האָט ביים דורכגיין אָנגעשעפּט פולע שיך. זינט העניך האָט תּופס געווען, אַז רחלען מוז אָפּט שווער זיין דאָ אַריבערצושפּרייזן, האָט ער אָװעקגעלייגט הויכע שטיינער און זי אָפּגעוואָרט ביים אָנקומען אויף אָנצווייזן, אין וועלכן שטיין זי זאָל אָנלענען איר פוס. ער האָט זיך געקויפט אַ באַטעריע און ביי נאַכט איר צוגעלויכטן איבער די טרעפּ.

און רחל האָט אים געבראַנגט ביכער, דערציילונגען, ראָ־מאַנען, ווו מען באַשרייבט געצוווּנגענע ליבעס, דאָס לעבן פון אַזאַ אומגליקלעך פּאָרפאָלק. זי האָט אים אַרויסגעפירט אויף די העלדן, ער זאָל זיי גוט אָפּשאַצן און מיטליידן.

— רחל געדענקט נאָר אין מיר — האָט ער מיט אַ הכנעה־טאָן געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די געדיכט־באַוואַקסענע וויעס.
— איך טו דאָך פאַר דיר גאָרנישט, — ער האָט איבערגעהאַקט די ווערטער גלייך די צונג וואָלט אים געווען זיין איינגעשניטן.

— דו ביזט נאָך יינג, דאַרפסט זיך לערנען, — האָט רחל געענטפערט מיט אַ פריי קול און דערביי צעפּלאָשעט זיך די האָר.

איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. הענעך האָט עס גוט געהערט.

— איך וועל אַלץ פאַר דיר טון, אַלץ וואָס דו וועסט נאָר ווילן, — האָט ער מיטן פריערדיקן טאָן געענטפערט און דערביי זיך געריבן די הענט פאַר פרייד.

— אפילו שווייגן, אַז איך וועל הייסן?

זי האָט דאָס געפרעגט מיט אַ כּוונה אויף דער צוקונפט. זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן, די ליפּן צוגעצויגן אויף אַ שמייכל און פאַרשנדיק אויף אים געקוקט.

— אַז דו וועסט הייסן! — האָט הענעך מיט שווערן אָטעם אָן ישוב געענטפערט.

רחל האָט צוגעלייגט איר האַנט צו זיינע ליפּן און הענעך האָט געקושט איין מאָל און נאָך אַמאָל. זי איז געוואַקסן אין זיין בליק. ער איז באַרוישט געווען דורך איר קול, ער האָט זיך געשפּייזט מיט אירע ווערטער. אַלץ וואָס האָט אין אים געלעבט איז געווען פאַרלאָפן מיט איר רעש. ער האָט געפילט דאָס וואַרעמקייט, וואָס יאָגט פון איר קערפּער. אירע שמאָלע ברוסטן האָבן, ווי שפּיזלעך, זיך דורכגעריסן דורך איר סאַמעט-שוואַרץ קלייד און זיי האָבן, ווי אַן אַקעראַייזן אים צעפּאַלפּט זיין האַרץ. ער וואָלט צוגעשפּרונגען און זי אַרומגעכאַפּט. ער האָט אָבער דערזען איר ווייסן ווייז-פינגער, וועלכער וואָרנט אים און פאָכעט אים פאַר די אויגן, ער זאָל נישט וואַגן זי אַרומצונעמען.

אַ קאַלטער שווייס האָט זיך אים געזעצט אויפן שטערן. ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויף דער קאַנאַפּע. רחל האָט געמיינט, אַז עס איז אים נישט-גוט געוואָרן, האָט זי זיך געזעצט נעבן אים און מיט איר גלאַטהויטיקער האַנט געגלעט זיין שטערן. זי האָט אים פאַרשאַרצט זיינע געקרייזלטע האָר און געקוקט אויפן זייגער. זי האָט נאָך געהאַט אַ פערטל שעה

צייט ביז צום טרעפן זיך מיט הערשלען. הענעך האָט זיך דערוויגן און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל. רחל האָט געשוויגן.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זי אַוועקגענומען איר האַנט פון זיין פּנים. זי האָט געוואָלט, ער זאָל אַנטשלאָפן ווערן. עפּעס איז איר שווער געווען אים אַ וואַכנדיקן איבערצולאָזן. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אייגענעם אָטעם און לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינער. זי האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דער קאַנאַפּע און ווען זי איז געשטאַנען אויף איין פוס, איז שוין הענעך געשלאָפן.

הענעך האָט אָנגעהויבן מיטגיין מיטן פּעטער אין טאַרטאַק, אַמאָל אויף אַ האַלבן, אַמאָל אויף אַ גאַנצן טאָג. ער האָט זיך בלויז צוגעקוקט, ווי עס גייט צו דאָס שניידן די ברעטער. דער פּעטער האָט אים געקויפט אַן איינגעלייגטע מעטער-מאָס און ער האָט נאָכגעמאָסטן די קוואַדראַט-מעטער. ער האָט שוין אויך געהאַט אַ בלויע גריפּלע. ווען די שותּפים זענען נישט געווען, האָט ער געפּרוווט אויסטיילן די ברוך-צאָלן, ווי דער סך-הכּל קומט ביי אים אויך אַזוי אַרויס, ווי ביי זיי. ער אַליין האָט זיך געשטעלט אויפגאַבן צום חשבונען און איינגעזען, אַז ביי אַ טאַרטאַק איז גאָרנישט אַזאַ שווערע אַרבעט. ער האָט געקוקט אויף דער געביידע און ער האָט זי אויסגעמאָסטן, אַז עס איז נישט גרעסער, ווי זיין טאַטנס אַ שטאַל. דער טאַטע וואָלט אים געגעבן דעם גרעסטן תּבואה-שייער און ער וואָלט ביי זיי אין די אַרומיקע וועלדער געקאָנט אויפקויפן ס'געהילץ. ער וואָלט זיך אויפגעבויט אַ שטוב און פאַר רחלס פענצטער וואָלט ער פאַרזייעט אַ גערטנדל. זי וואָלט דאָס גערטנדל געהיטן און זיך פאַרזייעט די שענסטע בלומען. זי וואָלט זיי געהיטן, אַז אפילו אום ווינטער וואָלטן זיי געלעבט.

ער האָט זיך געהזרט צו דערציילן רחלען זיין טרוים, אָבער

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט שוין רחל גרייט געהאַט דאָס מיטאָג אויפן טיש, זיי זאָלן זיך גלייך זעצן צום עסן. ער האָט נישט געהאַט די געלעגנהייט מיט איר צו שמועסן. דאָס ביסל צייט ביים מיטאָג, האָט דער פעטער פאַרנומען מיטן שמועסן וועגן גאַנג פון מסחר: ווו עס ליגט דער ריווח, ביי וועלכן האָלץ מען טרעפט אַמבעסטן, וויפל אַ קלאָץ דאַרף אַרויסגעבן צאַלעוועס ברעטער.

אין אָוונט ווידער, ער וואָלט שוין יאָ געקאָנט דערציילן, האָט ער אָבער נישט ליב געהאַט, אַז ביי זייער שמועס זאָל נאָך ווער זיין.

ער האָט געוואַרט אויף שבת, ווען דער פעטער וועט שלאָפן. דאָסמאָל איז דעם פעטער איינגעפאַלן צו גיין צום שוחט אויף אַ פּרק משניות און דוקא אים מיטרייסן. דאָרט איז ער פאַרבליבן ביז הבדלה און ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז שוין רחל נישט געווען אין שטוב.

דעם צווייטן שבת האָט אים דער פעטער ווידער פאַרבעטן צום שוחט, האָט זיך שוין העניך קעגנגעשטעלט. ער וויל נישט גיין. אַז עס וועט זיך אים גלוסטן, וועט ער צוקומען.

רחל איז געשטאַנען ביים שפּיגל און זיך אָנגעטון די שנור קרעלן. אויף איר ווייסן האַלדז האָט זיך געשלענגלט אַ בלוי אָדערל, וואָס האָט זיך מיט איר האַנט־באַוועגונג אָנגערוקט און צוריקגעקערט. העניך איז געשטאַנען נעבן איר. זיין ברייט פּנים איז געווען בלייך, ווי מאַרמאָר. ער האָט גאָרנישט גערעדט נאָר בלויז געקוקט.

רחל האָט אים דערזען אין שפּיגל און זיך צו אים אויסגעדרייט, געשמייכלט אים אין די אויגן.

העניך איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך געשטעלט אונטער דער פאָרהאַנג.

רחל האָט נאָך אַלץ אויף אים געקוקט.

— איך וויל היינט נישט גיין מיטן פעטער, — האָט העניך מיט אַ דיקער שטים איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— וועסטו זיך אויסרועז פון אַ גאַנצע וואָך, — האָט רחל שמייכלדיק געענטפערט און גענומען אַ בראָשקע צום אָנשפּילן זיך אונטערן קעלנערל.

— ניין, נישט צוליב דעם בין איך נישט געגאַנגען. עס איז מיר בעסער מיט דיר, ווי אומעטום.

רחל האָט גענומען גיין.

— איך וויל נישט, דו זאָלסט מיך איבערלאָזן.

— איך גיי צו אַ חברטע, דו קאָנסט זי נאָך נישט, קאָן איך דיך נישט מיטנעמען.

— איך וויל נישט דו זאָלסט גיין!

און ער איז איר פאַרשפּרונגען דעם וועג.

— דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו פאָלגן!

זי האָט געשמייכלט און אָנגענומען די קליאַמקע.

— איך האָב צוגעזאָגט, אָבער איך קאָן נישט. איך וועל דיך נישט אָוועקלאָזן. דו וועסט נישט גיין, ניין, דו וועסט נישט גיין!

און ער האָט זיך געשטעלט מיט ביידע פיס, ווי פאַר־באַריקאַדירט די טיר.

רחל האָט נישט־קוקנדיק אויף זיין עקשנות געפּרווט עפענען די טיר.

הענעך האָט אָנגעלענט זיין האַנט אויף איר אַקסל און דערמיט דערפילט, זי זאָל זיין נענטער נעבן אים. ער האָט גע־פילט דאָס וואַרעמקייט פון איר קערפּער און מער זיך צוגע־דריקט צו איר. רחל האָט קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט, ער האָט אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף אירן. זי האָט געלאָזט. ער האָט געקושט איר שטערן, איר האַלדז, זי האָט געלאַכט און געגלעט זיין פּנים.

— נו שוין, נו שוין.

— איך וויל אין דעם אָרט אַ קוש געבן, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן חן־גריבעלע.

רחל האָט מיט צוויי פינגער צוגעפּרעסט זיינע ליפּן און גלייכצייטיק מיט דער צווייטער האַנט געעפנט די טיר. הענעך

האָט זי ווידער צוגעצויגן צו זיך. זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן, הענעך האָט זיך פאַרלוירן און אָפּגעלאָזט איר האַנט.

ער איז שטיין־געבליבן ביי דער אָפענער טיר און אין זיינע אויגן האָבן געשוועבט די קליינע פיסלעך. דער קלאַנג פון אירע פעסטע טריט האָט רוצחיש געטריפט אין זיין פאַר־חלשט האַרץ.

אומעטיק און ווי פאַרכשופט איז הענעך אַרומגעגאַנגען היין און צוריק איבערן צימער. ער האָט די הענט געהאַלטן אויפן קאַרק. ער האָט זיך געזעצט און באַלד צוריק זיך אויפ־געהויבן. ער האָט געזוכט אַן אויסרייד, מיט וואָס רחלען ביי זיך צו פאַרטיידיקן: ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זי וועט זיכער קומען צוזאַמען מיט דער חברטע. זי וואָלט אים מיט־גענומען, גייט ער אָבער נישט אָנגעטון „שטעטיש". און אפשר האָט זי מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך שלעכט פילן? זי וועט מיט דער חברטע אַהערקומען דאָ, וועט רחלען זיין באַקוועמער אים מיט איר צו באַקענען. ווען זי זאָל אַנדערש מיינען, וואָלט זי דאָך אים נישט דערציילט, ווו זי גייט. זי האָט מסתמא געוואָלט, ער זאָל זיך גרייטן אויפצונעמען אַ גאַסט און ער האָט זיך געפוצט די שיך, אָנגעטון דעם צווייטן קראַוואַט, וועלכן רחל האָט געקויפט. זי האָט אים אויסגעקליבן, ער איז טאַקע שיין. דאָס ווייסע שטרייפעלע אין אים, שלענגלט זיך אויפן זיידענס, ווי אַ בליץ.

ער איז צו צו דער שאַנק און ווידער זיך פאַרטראַכט.

— זי איז אין כעס געווען, זי האָט זיכער געדאַרפן קומען צו דער אָפּגעשמועסטער צייט און ער האָט זי פאַרהאַלטן. נאָך אַ רגע ווען ער שפּאַרט זיך איין, וואָלט זי זיכער פאַרשפּע־טיקט. די חברטע וואָלט אויף איר נישט געוואַרט און אפשר האָט זי צוליב מיר פאַרשפּעטיקט און זי וועט שוין דערפאַר איינגאַנצן נישט קומען, נאָר אים לאָזן אַ גאַנצן אָוונט איינעם

אַליין? ער האָט פאַרפּלאָכטן ביידע הענט אין זיינע געדיכט־גע־קרייזלטע האָר און זיי געריסן ביז ווייטיק, — ער האָט זיך אַליין באַשולדיקט.

עס זענען אַוועק עטלעכע שעה. דער אָוונט איז צוגע־פאַלן און רחל איז נישט געקומען.

ער איז צו צום פענצטער. די גרינע נאַכט־שיין האָט אָפּגעשלאָגן אין די שויבן מיט אַ נאַפּט־קאָליר און ער האָט דערזען זיין זויערן אויסדרוק אויפן פנים, דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר. האָט ער זיך דערשראָקן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אין די שכנישע הייזער האָבן יינגע קולעכלעך זיס גע־צויגן אַ ניגון. הענעך האָט זיך צוגעהערט. ער האָט אים דער־קענט. דאָס איז געווען דער המבדיל בין קודש לחול. ער מיטן טאַטן פלעגן דאָס אָנהויבן יעדן שבת־צונאַכטס. די צוויי ברו־דערלעך זענען זיי באַלד נאָכגעקומען. עס האָט געקלונגען איבערן גאַנצן פּאַלוואַרק. די קינדער האָבן דעמאָלט נישט גע־וואָלט שלאָפן גיין, עס איז זיי אַ שאָד געווען, וואָס דאָס זינ־גען ענדיקט זיך.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און אַראָפּגעוואָרפן די שיך. ער האָט אויפגעזוכט זיינע אַלטע שטיוול און זיי אָנ־געצויגן אויף די פיס. עס איז אים ווי לייכטער געוואָרן. ער האָט אָפּגעעטעמט, ווי דאָס פריערדיקע וואָלט אים שטאַרק געקוועלט.

— צוריק צו דער אַרבעט — האָט ער צו זיך גערעדט — אַהיים צוריק צו דער ערד. שוואַרצע ערד, אָבער זי לייגט זיך, ווי איינער וויל. שוואַרצע גערוכדיקע ערד, וואָס מען האָט צו איר איז גוט און וואָס מען דאַרף קאָן, מען האָבן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן און זיך געוואָלט אויסברעכן די ביינער. די געהאַקטע קאַפּאָטע האָט אים געפּלאַצט אונטער די אָרעמס, האָט ער אָנגעטון די קורטקע און גוט אין איר זיך איינגעהילט. ער האָט זיך אין איר געפילט אַ סך באַקוועמער און פרייער. — די מאַמע האָט אויסגעקליבן די סחורה — האָט ער ווידער צו זיך געטענהט — דער פּאַסעק קומט אויך

אַמאָל צונויף. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מיטן פּאַסעק קליידט מיר די קורטקע בעסער. איך וועל אים איצט אָנטון און מאָרגן, מאָרגן באַלד באַגינען וועט די מאַמע מיך זען, ווי איך וועל קנעטן ערד, — שוואַרצע, פאַרחושכטע ערד.

ווען הענעך איז שוין געשטאַנען אויף די טרעפּ, איז דער פעטער אָנגעקומען.

— האָ, הענעך, וווהין עפּעס אין אַזאַ הולך? — ער האָט געפרעגט אונטער דער נאָז, ער איז נאָך בייז געווען, וואָס הענעך איז נישט געקומען צום שוחט.

הענעך האָט געשוויגן.

— ווילסט אַזוי אַרויס אין גאַס? שטאָט איז נישט דאָרף!

— איך פאָר אין דאָרף, — האָט הענעך האַרט געענטפערט און זיין קול האָט אין הויז אָפּגעקלונגען, ווי דאָס עכאָ אין אַן אַריינגערעדטן פאַס.

— און דאָס איז מיט רחלס הסכמה? — האָט ר' אהרן מיט אַ האַלב אָפן מויל געפרעגט. די ווערטער האָבן זיך אים געדרייט צווישן די ציין און ער האָט זיך געגלעט די באָרד.

הענעך האָט באַהאַלטן דאָס פנים צווישן זיינע קלאַפּעס פון דער קורטקע.

— זעסטו, ביי לייטן פירט מען זיך נישט אַזוי — האָט דער פעטער גענומען ווייכער ריידן — דו מוזט וויסן, אַז איך האָב געטראַכט ס'זאָלן זיין תנאים צווישן דיר מיט רחלען און דו וואָלסט גאָר אַנטלאָפן. איך זע, אַז רחל איז צו דיר גוט, דאַרפסט זיך פרייען. קום נאָר אַריין. איך וועל פרעגן רחלען, וואָס האָט זי דיר געטון? ביזט אפשר נישט געזונט?

— ניין — האָט הענעך געענטפערט, קוים באַוועגנדיק די ליפּן.

דער פעטער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און מיט אים אַריין אין שטוב.

באַלד איז רחל אויך אָנגעקומען. דער פאָטער האָט אָנגעצונדן דעם גרויסן הענג-לאָמפּ און אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק. רחל האָט געגרייט צום טיש, זי האָט עטלעכע מאָל

זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ בליק אויף הענעכן, פון וועלכן הענעך האָט געדרינגען, אַז זי איז אויף אים אין כעס. רחל האָט אין דעם נישט געדענקט. זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער טראָגט די קורטקע, די שטיוול.

הענעך איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער קאָמאָד. ער האָט געביסן די ליפּן, געמישט אַ ספּרל, ער האָט אפילו נישט געענטפערט, צי ער וועט עסן געשטאַנענע פּיס.

אין קיך האָט דער פאָטער געהאַט מיט רחלען אַ שמועס, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער געאַרבעט צו האָבן דאָס, וואָס ער פאַרלאַנגט. רחל איז געווען זיין איינציקע זאָרג. ער ווערט גרוי מיט יעדן טאָג. איצט וויל זי זיך אָפּזאָגן פון אים, אַ פאַריתומטן אים איבערלאָזן. ער האָט אַרויסגעריסן אַ קלימפּן האָר פון זיין קאָפּ און עס אונטערגעשטעלט אונטער רחלס אויג, זי זאָל זען, ווער עס שטייט פאַר איר. די מאַמע האָט עס נישט דערלעבט און ער, און ער!

יעדן פאַרנאַכט און יעדן פרימאָרגן האָט דער פאָטער איבערגעחזרט דעם שמועס מיט רחלען. ער האָט איר צוגע- זאָגט דאָס גאַנצע פאַרמעגן, אַז נישט וועט ער עס פאַרברענען. הענעך האָט אַלץ אינאיינעם געניקעט אויף אַהיימצופאָרן און רחל האָט אויף דעם אַ סך געשטעלט. זי האָט גערעכנט, אַז עס וועט אים נמאס ווערן דאָס זיצן דאָ און ער וועט אַנט- לויפן.

שוין זייענדיק מיד פון ווערן-זיך קעגן דעם טאַטנס אָנ- גריפן און ווייסנדיק, אַז הענעך פאָרט אַוועק אין דאָרף, האָט זי נישט געוואָלט בלייבן ביים טאַטן קיין שלעכטע און שוין מער נישט געענטפערט אויף זיינע פראַגן.

דער פאָטער האָט איר שווייגן אָנגענומען פאַר אַן הסכמה און ער האָט די משפחה מודיע געווען, אַז הענעך איז רחלס חתן.

הערשל! הערשל!

ווי די זון שיינט אויף יעדן טאָג, אַזוי האָט רחל אַלע פרימאָרגן אָפּגעזיפּצט מיט זיין נאָמען. זי האָט געזעצן אַרום זיך די טרויביקע זאַפּטיקייט, מיט וועלכער ס'וועט פול זיין זייער לעבנס-וועג. זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און געקעמפט מיט זיך אַליין. זי האָט ליב געהאַט זיינע בלויע אויגן, זיין ברייט מויל. זי האָט געגלעט די שראַם אויף דער האַנט, וואָס הערשל האָט זי אַזוי האַרציק אָפּגעדרוקט דורך אַ קוש. זי האָט געבענקט נאָך זיין קול.

שטיל אין זיך האָט זי געחזרט דעם טאָן פון זיין רופן זי ביים נאָמען. זי האָט געפּרוּווט נאָכמאַכן דעם צי פון זיין אָטעם און עס האָט איר ווײ געטון, ווען זי האָט אים נישט אַרויסגעהויכט, פּונקט ווי הערשל.

זי איז אַ כלה מיט הענעכן. דאָס האָבן אַלע געוווּסט. זי האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר הערשלען. ער וועט איר נישט גלויבן, אַז זי ליבט נאָר אים — האָט זי אין זיך געפּרעסט די ווערטער – ער וועט זאָגן, אַז זי האָט אים פריער אויך נישט ליב געהאַט; ער וועט מיט איר נישט וועלן ריידן אפילו. עטלעכע מאָל האָט זי אים אָפּגעוואָרט ביי דעם שענ- קערס הויז, כדי אים צו טרעפן צוריקגיין פון דער לעקציע. ער האָט זי געזען און האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט עס באַמערקט. ווי שרעקלעך — האָט זי הויך אַרויסגערעדט די ווערטער און זיך געקנייטשט אין די אָקסלען – ווי שרעקלעך ער האָט אויסגעזען! זיינע אויגן זענען אים טיף אַריין אין קאָפּ, זיין פּנים איז אָפּגעצויגן, צוויי באַקן-ביינער שטאַרן שפּי- ציק אַרויס. ער איז געל, ווי וואַקס. דאָס האָב איך פון אים אַזוי געמאַכט, איך! ער וועט עס נישט איבערהאַלטן. ער וועט אַוועק. ער וועט זייער גלייך טון. ס'איז דאָך אין מיר זייער לייכט צו פאַרגעסן! איך וועל אים דאָס זאָגן, ניין, ער וועט נישט אַוועק. ער, ער וועט קאָנען פאַרגעסן? ניין, איך וויל נישט, איך וויל נישט, ער זאָל פאַרגעסן!

דער טאַרטאַק איז שטיין געבליבן און שוין דריי טאָג,

ווי הענעך איז אין שטוב. רחל האט מיט קיין שום תירוצים נישט געקאנט גיין אין גאס. וואס זי האט געוואלט טון האט הענעך פארויסגעכאפט. איין וועג, ווו ער איז נישט געגאנגען, איז געווען אין געוועלבל איינקויפן עסנווארג.

זי האט באשלאסן פאר יעדן פרייז זיך צו טרעפן מיט הערשלען און האט גענומען א קוישל צו גיין אין געוועלבל איינקויפן. זי האט דאס קוישל געלאזט אין קארידאר, זי האט נישט געוואלט דורכגיין נעבן זייער פענצטער. זי האט פארשטאנען, אז הענעך קוקט ארויס. איז זי געגאנגען דורכן אונטערשטן טויער, דורך וועלכן מען לאזט אריין פורן האלץ. דארט ארום האט זי זיך אריבערגעקריגן אין בראווארנע-געסל און כסדר זיך גערוקט ביי די ווענט, כדי נישט צו טרעפן קיין באקאנטע. עס איז געווען א קילער טאג. זי איז געווען אן א מאנטל. זי האט זיך דורכגעקריגן דורך אן אפן פארקנדל איבער א ליידיקן פלאץ, וועלכער פירט פון מאשע-לאהס בעקעריי צו יחיאל מאנטשערס שפייכלער. פון דארט איז זי אריין אין פארבע געסל. ביים בריקל איז זי שטיין געבליבן און זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, ווי זי וואלט פארלוירן דעם וועג. זי האט זיך דערמאנט, אז אויף דעם וועג קאן זי טרעפן די מומע נעכעלע. זי ווינט אין גאלדשמידס הויז. רחל האט געדארפט איבערקומען נאך דריי הייזער, כדי זיך צו געפונען אויף דער פאסט-גאס נעבן חזנס הויז. זי האט זיך ווייטער געשארט ביי די ווענט, ווייל טאמער קומט אן די מומע נעכעלע, זאל זי קאנען אריין אין א דערנעבנדיק טויער, ווו עס ווינט דבורה די שניידערקע. זי וואלט האבן דעם בעסטן תירוץ: זי גייט צו דבורהטשען. אבער ווען זי איז אנגעקומען צום גאלדשמידס הויז, איז אנגעפארן א וועגעלע מיט צוויי זעקלעך ראזשינקעס. זי איז שוין געהאט דורכגעגאנגען דבורה דער שניידערקעס טויער, ווו די מומע נעכעלע איז ארויסגעקומען צו נעמען די ראזשינקעס.

רחל האט געגלויבט, אז די מומע האט זי נישט געזען. זי האט זיך ארומגעקוקט, צי זי מעג זיין רויק; האט זי געזען

די מומע שטייט אויפן טרעפל; זי האַלט די האַנט איבער די אויגן און קוקט איר נאָך. זי האָט זיך געפּרוווט באַהאַלטן אין אַ טויער. די מומע איז צוגעגאַנגען ביזן עק פאַרנע און פּאַס־טאָווע. זי האָט זיך איינגעקוקט, ווי רחל גייט אַריין אין אברהם חיט׳ס הויז.

דער חזן האָט געוווינט אין דער אַפּיצינע אויפן ערשטן שטאָק. די טרעפּ האָט מען אָנגעזען פון דרויסן, ווייל דאָס הויז אַרום איז געווען אָן אַ פאַרקאַן. די מומע איז געשטאַנען ביז רחל האָט פאַרמאַכט די טיר פון חזנס שטוב.

* * *

בעת רחל האָט געעפנט די טיר, איז הערשל געזעסן בײַם טיש, זיין ברוסט איז געווען האַרט אָנגעשפּאַרט אָן ברעט, די האָר פון קאָפּ האָבן אים פאַרדעקט אַ האַלב פּנים, — ער האָט געשריבן.

דאָס האָט ער געשריבן אַ בריוו צו רחלען. עס האָט גע־זאָלט הייסן דאָס לעצטע וואָרט זיינס, זיין לעצטער פּרווו צו מאַכן רחלען דעם פאַרשלאַג, צי זי וואָלט באַשטיין מיט אים אַוועק אין אַ דערנעבן שטעטל אויף איין שעה און דאָרט מיט אים שטעלן אַ חופּה. דעמאָלט וואָלט נאָך די וועלט געווען זיינע. דו טוסט עס נישט — האָט ער געשריבן — דו וועסט עס נישט טון, האָסט מיך נישט ליב געהאַט, האָסט זיך מיט מיר געשפּילט און איינגעוויגט. נישטאָ די זון, נישטאָ אַזאַ כּוח אין ווינט, וואָס זאָל אַזוי אויפמונטערן מיינע ר׳מ׳ח אברים, ווי דיינס אַ וואָרט. ווען די זון שיינט אויף, ווען די זון גייט אונטער, ווען עס פאַלט מיר צו דער שלאָף, ווען דאָס האַרץ האָט נאָר אָטעם, האָב איך נאָר איין ווונטש — רחלען זען, רחלען הערן. האָב איך מער געוואָלט? מיין בענטשן דיך איז פאַרביטן געוואָרן אין אַ קללה פאַר מיר.

איך ווייס נאָך נישט, צי איך שיק דיר דעם בריוו. איך געזעגן זיך נישט מיט דיר. אויף צו להכעיס דיר וועל איך לעבן...

ביי דער שורה איז רחל אַריינגעקומען. די חזנטע איז אין שטוב נישט געווען. ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע איז אַוועק און וועט קומען שפּעט. נאָר אויף דעם שוואַכן באַוועגן מיט דער טיר האָט ער זיך אומגעקוקט.

— דו!? — איז ער אויפגעשפּרונגען דערשטוינט.

— יאָ, צו דיר.

— בין איך גליקלעך?

— הלואי — האָט רחל מיט אַ פּאַרסאָפּעטן אָטעם געענט־פערט און איז נענטער צו אים צוגעטרעטן.

— אָך, איך האָב פאַרגעסן! — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געגעבן אין שטערן — אַ קאָפּ איך האָב, איך האָב פאַרגעסן, אַז דו ביזט... ער האָט געלאַכט — זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל פאַר מיין באַגער.

— דו ביזט אויפגערעגט.

— יאָ, אויפגערעגט, איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס צו טון. נאָך וואָס ביזטו געקומען?

רחל האָט געשוויגן. זי האָט מיט די פינגער געפלאָכטן די פראַנזן פון דעם טוך און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, ווי זי וואָלט עפּעס זאָגן באַפעלערישעס...

— איך גיי!

— וואַרט, איך האָב דיר וואָס צו דערציילן.

— ביזט אויפגערעגט און איך פאַרשטיי דיך נישט.

— ניין, איך בין נישט אויפגערעגט: מיינע נערוון האָבן זיך פריי געלאָזט. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון העניען.

ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש. רחל האָט געזען דעם אָנגעשריבענעם בריוו צו איר, האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט צום אָננעמען אים. הערשל האָט אים פון אונטער איר האַנט אַוועקגעכאַפּט און צעריסן.

זי האָט פאַרוואונדערט אויף אים געקוקט.

— העניע גיט מיר אויף איר אַדרעס. — זי האָט גע־הערט, אַז דו האָסט... ער האָט געלאַכט און נישט דערזאָגט דעם זאַץ.

— מיינסט דאָס ערנסט — האָט רחל מיט אַ שמייכל גע־פרעגט, און די אויגן האָבן באַקומען אַ פריילעכן גלאַנץ. — מיינסט עס טאַקע ערנסט?

— יאָ, זי וויל מיר שיקן אויף רייזע־הוצאות, — האָט הערשל געענטפערט מיט איראָניע און בראַוו געהויבן דעם קאָפּ.

— דאָס איז אַלץ, — קאָן איך שוין גיין?

— איך זוך אַן אַדרעס, וועמען דעם בריוו איבערצוגעבן. איך האָב געקלערט דעם בריוו איבערצושיקן בערל קאַמאַשן־שטעפּער. אָבער איך האָב זיך באַרעכנט, אַז פאַר דיין קוזין איז העניע ווי געוווּנטשן. ער איז געזונט, אַ יינג מיט ברייטע פּלייצעס, דורכגעווייקט מיט פּוטער, און זי אַ מויד אַ פּאַר־נעם. ער וואָלט געהאַט אויף וואָס צו קוקן. פון זייביידן וואָלט אַרויסקומען אַ גרויס און געזונט דור. ער איז זי ווערט, ווי מיינסטו?

— דו חוזקסט!

— האָב נישט מורא, זי כאַפּט אים נאָך נישט אויף.

רחל האָט פאַרוואָרפן דאָס טוך צום גיין.

— און דו גייסט צוריק? — האָט הערשל אויפן הויכן קול געפרעגט און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— ווילסט דען אַנדערש? דו זעסט כ׳בין געקומען, נעמסטו זיך מיט מיר רייצן און חוזקן. ביזט אויפגערעגט און איך פאַרשטיי דיך נישט!

זי האָט אויסגעצויגן איר ווייס שמאָל הענטל צום געזע־גענען זיך.

הערשל האָט זי אַריינגעכאַפּט אין ביידע הענט.

— בלייב מיט מיר!

איר ווייס שמאָל הענטל האָט געגלעט זיין אַקסל.

— ביזטו גערעכט געווען מיט דיין בייזערן זיך אויף מיר?

— ניין איך האָב געזינדיקט קעגן דיר, איך בין אויפגע־רעגט. אָבער אַזוי ווי ביז איצט קאָן נישט בלייבן. איך וועל זיך פאַרברענען, איך וועל פאַר קיינעם נישט איבערלאָזן פון זיך קיין שפור.

— רעד נישט אַזוי.

זי האָט געלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און שטיל געשעפּטשעט.

— מיין האַרץ איז מיט דיר, ערגעץ אַנדערש קאָן עס זיך קיין אָרט נישט געפונען. אונזערע נשמות זענען שוין לאַנג באַהאָפטן.

— ניין, דאָס וויל איך נישט, ס'וואָלט גלייכער געווען ווען דו קומסט נישט. איך וויל, דו זאָלסט זיין אינגאַנצן מיינע.

רחל האָט געשוויגן און ער, טולענדיק זיך צו איר, האָט זי איינגעהילט אין קושן.

די זון איז צוגעקומען צו זייער פענצטער. אַ געדיכטער בלויער זייל האָט זיך משופּעדיק דורכגעריסן דורך די פאָר־האַנגען און רחלען מיט הערשלען איינגעהילט אין אַ שטראַלנ־דיקן וואָלקן. — — —

❁ ❁

❁

אין דערזעלבער צייט איז די מומע נעכעלע געווען ביי מלכהן און איר דערציילט, וווהין רחל איז געגאַנגען. זי האָט מורא געהאַט, עס זאָל דאָ מיט רחלען עפּעס נישט געשען. זי האָט דערמאָנט, אַז ס'איז מעגלעך, דאָס רחל גרייט זיך צום אַנטלויפן. עס האָט זי צעגומען אין די גלידער. די נאָז איז איר רויט געוואָרן, פאָרשטעלנדיק זיך די חרפה, וואָס דער שוואָגער וועט האָבן אויסצושטיין.

מלכהן דאַקעגן איז נישט אָנגעגאַנגען דעם שוואָגערס צער. זי האָט נאָר געוואָלט זען רחלס דורכפאַל. ביי יעדער

געלעגנהייט איז איר געקומען אויפן רעיון, אַז רחל איז נישט מער מורינו פון איר. פאַר וואָס קומט עס איר אַזאַ שווילטאָג? אַ פרייער פויגל וויל זי זיין?

דער עיקר איז איר געגאַנגען, רחל זאָל זיך נישט אַרויס-דרייען פון הענעכס הענט. זי האָט עס באַלד צעלייגט אויף טעלערלעך: וואָס באַדייט, ווען אַ מיידל גייט צו אַ יינגל איינע אַליין און וואָס עס קאָן אַרויסקומען זייענדיק אין יחידות מיט אַ מאַנספּאַרשוין. זי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף שוין אויפ-זוכן דעם פאָטער און אים שיקן צום חזן אין שטוב, ער זאָל זי טאַקע דאָרט טרעפן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס ערג-סטע און זי וואָלט צופרידן געווען, ווען עס געשעט אַזוי.

ווען זיי האָבן דעם שוואָגער נישט געטראָפן, האָבן זיי זיך געזעצט אויפוואַרטן און געפלוידערט וועגן שטוב-זאַכן. ווען די שוועסטער האָט געלעבט, איז אַ נחת געווען אַריינצוקומען, יעדע כלי האָט געבלאַנקט, עס האָט געשמעקט אין יעדן ווינקל.

נעכעלע האָט דערציילט אַ מעשה וועגן אַנטלאָפענע. דאָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אויף דעם עיקר שמועס. איינע האָט נעפרעגט די צווייטע, וואָס זי זאָגט אויף אַזאַ אויפ-פירן זיך?

הענעך האָט אָנגעצינדן דעם לאָמפּ. ער האָט עס געוואָלט זייער גוט מאַכן, רחל זאָל זיין צופרידן, און ער האָט עס באַ-קוקט איינמאָל און נאָך אַ מאָל, צי ער האָט ביי דער אַרבעט גאָרנישט פאַרפעלט.

מלכה האָט אַ קניפּ געטון נעכעלען, זי זאָל זען די העויות, וואָס ער מאַכט ביים אָנצינדן פייער, ווי ער וואָלט אַרום דעם געטאַנצט. — ער איז משוגע — האָט מלכה גע-האַלטן און איז צופרידן געווען, וואָס רחל וועט האָבן אַ מאַן אַ שמעגדע. נעכעלע האָט פאַרביסן די ליפּן און געענטפערט, אַז ער איז מסתמא מתפלל.

ווען דער שוואָגער איז אַריינגעקומען, האָבן זיי אויף זיך גענומען איבערגעשראָקענע מינעס. זיי האָבן מיט פאַרבראָכענע הענט, ווי ביי אַ גרויסער אבידה אים דערציילט, אַז עס שטייט

אים פאַר אַ געפּאַר, ער וועט אפילו זיין גאַנץ פאַרמעגן אָפּ־
געבן און עס וועלן זי קיין צען רייטער נישט דעריאָגן!

ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן.

— וואָס איז דאָ געשען, זענט איר משוגע געוואָרן? —
זאָל איינע ריידן!

מלכה האָט אַ ריס געטון נעכעלען ביים אָרבל און מיט
אַ דונערדיקן קוויטש זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— אַ בראָך צו מיינע שונאים, — ער וויסט דאָך גאָר־
נישט פון זיין אומגליק?

— משוגעים, וואָס ווילט איר זאָגן?

— רחל איז אַנטלאָפן! — האָט מלכה מיט אַ פאַרחלשטער
שטים אים אַריינגעזאָגט אין אויער.

ר׳ אהרן האָט דערפילט אַ קלעם אין די שלייפן און
געמאַכט אַ ברייטן טריט פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך וועלן צו
עפּעס כאַפּן. ער האָט מלכהן אַ שטופּ געטון זי זאָל אַוועק־
גיין. זי האָט אַ ריטש געטון.

— ער וויל מיך דורסן!

און די מומעס האָבן צושאַרנדיק זיך צו דער טיר אים
פאַרגעוואָרפן זיין שלעכטקייט. — ווען די שוועסטער וואָלט
געלעבט, וואָלט רחל אַזעלכעס נישט פאַרשאַפט אונזער משפחה!

דערשלאָגן און פאַרקלעמט איז ר׳ אהרן געשטאַנען ביים
טיש, האַלטנדיק דאָס ווייסע טישטוך אין די פויסטן. ער האָט
געהאַט פאַרשפּאַרט די ליפּן און אָנבלאָזנדיק די באַקן אין
זיך געברומט. — רחל איז אַוועק, איך בלייב עלנט, די שטאָט־
מענטשן וועלן מיך מיט די פינגער אויסטייטלען: „ער מיט
זיין שטרענגקייט איז נישט אימשטאַנד געווען צו האַלטן דאָס
קינד“. אַזוי האָט דאָך שוין נעכעלע געהאַט אים פאַרגעהאַלטן:
„די מאַמע כּל זמן זי האָט געלעבט“.

עס איז אים אָנגעלאָפן אַ שטראָם מיט געדאַנקען, דער

מות איז אים פול געוואָרן, אָן אָדער האָט אים געציטערט אין די שלייפן, די ברעמען האָבן זיך אים געשפּיזט.

פון ווייטיק האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און לאַנג אַזוי געשטאַנען. ער האָט געזען רחלען מיט הערשלען. ער האָט זיי געזען לויפן.ביידע לויפן. הערשל האַלט זי פעסט. ער לויפט זיי נאָך. רחל וויל זיך אומקוקן צום טאַטן, הערשל לאָזט זי נישט. ער איילט און פאַררעדט רחלען, זי זאָל נישט הערן דעם פאָטערס רוף. אָבער ער האַלט נאָך נישט פאַר פאַרשפּילט. ער יאָגט פונדעסטוועגן ווייטער און שוין מיט די לעצטע כוחות. ער איז שוין ביי דער באַן. דער צוג רירט פון אָרט. רחל רייסט זיך צום פענצטער. זי וויל רופן דעם טאַטן, נאָר הערשל פאַרשטעלט איר דאָס מויל. ער גייט נאָך די ערשטע טריט גלייך מיטן צוג. די מאַשין סיקעט און פונקען פליען צוזאַמען מיטן רויך. ער וויל זיך אַרויפכאַפּן אין מיטן פאָרן. עס לויפט דורך דער לעצטער וואַגאָן, דער פּאָסט-וואַגאָן און ער הערט, ווי די באַאַמטע לאַכן פון אים: — וואָס לויפט ער, וואָס וויל ער איבעריאָגן דעם צוג? — זאָגט איינער צום צווייטן. ער הויבט אויף זיין בליק און אַ ווייסער טעלער שוועבט אים דורך פאַר די אויגן. עס איז דער לעצטער וואַגאָן און ער ווערט אַלץ קלענער און קלענער.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ און ווייטער אין זיך פאַרגעשטעלט די זעונג.

און אָט גייט ער צוריק פון דער באַן. עפּעס פילט ער נישט קיין גאַנג. ער טשאַפּעט. קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. יונה קאָלעקטאָר דרייט אַוועק דעם קאָפּ, ער זאָל אים נישט דאַרפן זאָגן קיין גוט-מאָרגן. עס שטייט אברהם אשרס און מעכל מאָנטשער. זיי מאַכן זיך אים נישט זען. עס גייט דורך דער רעפערענט פון מאַגיסטראַט. ער איינער, ער איינער אויף דער גאַנצער גאַס הויבט נאָך פאַר אים דעם הוט.

הענעך איז צוגעגאַנגען צום שופלאָד און אַרויסגענומען דאָס עלעקטרישע לעמפל. ער האָט אָפן געלאָזט דאָס שופלאָד,

דער פּעטער זאָל נישט וויסן, וואָס ער האָט געטון און ער איז אַרויס פון הויז אָפּוואַרטן רחלען.

אין הויז איז אַפילו געהאָנגען אַ לעמפּל אויף צו באַלויכטן די טרעפּ. דאָס האָט אַ שכן באַשטעלט דעם דאָקטאָר צום קינד, האָט ער ליכטיק געמאַכט, כּדי דער דאָקטאָר זאָל נישט דאַרפן לאַנג זוכן זיין וווינונג.

הענעך האָט געוואָלט נוצן זיין לעמפּל און דער עיקר צולייכטן רחלען, האָט ער די ליכט אויף די טרעפּ אויסגעלאָשן און זיך געשטעלט אין אַ ווינקל, רחל זאָל נישט וויסן פון וואַנען עס קומט די ליכט.

דער פּעטער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף און דערזעענדיק דאָס שופלאָד אָפן, איז ער צוגעגאַנגען אַ קוק טון, אפשר האָט רחל מיט זיך מיטגענומען דאָס צירונג. אויב יאָ, וועט ער מעלדן דער פּאָליציי און זיי וועלן זי שוין ברענגען. ער האָט אַרויסגענומען זיין פּאַס אויף צו ווייזן, אַז רחל איז זיין טאָכטער. ער האָט געדענקט דאָס בלעטל, ווו רחל איז איינגעשריבן, — דאָרטן איז אַ גרויסער גרינער סטעמפּל אָפּגעדרוקט אויף די געשריבענע אותיות.

ער האָט געקלערט. אַלע אופנים געוואָלט אויסנוצן רחלען צו שטערן דאָס אַנטלויפן, אָבער ער האָט דאָס נישט געקענט אָפּטון. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך זיינע גאַנצע געיאָרן געאַרבעט נאָר פאַר איר. די גאַנצע וועלט האָט ער געוואָלט איינעמען פאַר אירעטוועגן, און איצט זאָל ער דעם קרן פאַרטיליקן? — איך האָב זיך אויף איר געבייזערט. איך האָב עס געוווּסט. עס איז אוממעגלעך געווען, איך זאָל אין מיין לעבן איינשאַפן איר די וועלט. דאָס האָב איך געזען אויף יעדן טריט און האָב עס דוקא די מתנה געוואָלט רחלען דערלאַנגען. זי איז זי ווערט געווען. איך האָב געוואָלט, זי זאָל איבער איר הערשן. עס איז דאָך אוממעגלעך געווען. בין איך בייז געווען. בייז געווען אויף זיך אַליין. און זי האָט געמיינט, אַז איך בין שטרענג צו איר. איך האָב איר טאַקע אַמאָל עפּעס

צ. זאקאליק

מיט פּעס געזאָגט, איך האָב נישט געקאָנט מיט מיין קול כאַפּן דעם אמתן טאָן, צו וועלכן איך האָב געשטרעבט.

— אַ פאַרשאָלטן קול!

דער פּאַס איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און ער איז שטיין-געבליבן ווי פאַרגליווערט. דאָס בילד, ווען רחל וועט שפּעטער אַהיימגעבערענגט ווערן דורך אַ פּאָליציאַנט און די גאַנצע שטאָט וועט צוקוקן, ווי מען פירט זיין רחלען מיטן עטאַפּ; דאָס בילד, ווי דער גאַנצער הויף וועט פול זיין מיט מענטשן אויף צו זען די אַנטלאָפענע און זי וועט ווערן דאָס שפּרוך-וואָרט אין שטאָט, — דאָס האָט אים מער געקלעמט ווי אַלץ. עס האָט אים געשטאָכן אין די זייטן און ער האָט מיט די הענט זיך געקנעטן אין גאַרטל. עס איז אים קאַלט געוואָרן. טראָפּן בלוט זענען אים געריינען פון דער נאָז און זיך אָפּגעזעצט אויף דער באָרד; ער האָט געציטערט. געפילט ווי ער פאַלט, — האָט ער זיך צו-געשאַרט צו אַ שטול און איז אַוועקגעפאַלן.

רחל איז אָנגעקומען. זי האָט געוווּסט, אַז הענעך גייט אונטער איר. ער האָט איבערן גאַנצן וועג געלויכטן מיט דער באַטעריע און זי האָט ענערגיש צוגעקלאַפּט די טיר. זי האָט געוואָלט הענעך זאָל נישט קאָנען אַריין אין שטוב.

דורכן האַסטיקן קלאַפּ איז דאָס ליכט אין דער ערשטער שטוב אַרויסגעפאַלן פון לייכטער, פאַלנדיק אויף הענעכס שני-צערייען. זי איז שנעל צוגעשפּרונגען און פאַרלאָשן. זי האָט געזען, אַז דער פאָטער שלאָפט, איז זי צופרידן געווען און שנעל געדעקט דעם טיש, עס זאָל אויסזען, אַז זי איז שוין לאַנג אין שטוב. זי האָט אַרויפגעשטעלט אָנצוואַרעמען דעם געפּרעגלטן הערינג. הענעך האָט געזען, ווי זי פאַרנעמט זיך אַראָפּצונעמען עפּעס פון דער שאַנק, איז ער פאַרויסגעלאָפן און אַראָפּגענומען אַ גאַנשער ווישניק, האַלטנדיק זיך ביים קאָפּשטיק פון שאַנק. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט די שאַנק אַ סקריפּ געטון. אַ קאָרק פון אַ פלעשל ווייםפּערלעך האָט אויסגעשאָסן. רחל איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט אי-בערגעוועקט דעם טאַטן און זי האָט זיך אויף הענעכס הילף

געשטויסן — וואָס „דאָס״ וויל פון מיר, אַז איך וואָלט מיר אַליין גענומען?

דער פּאָטער האָט זיך נישט געוועקט.

ווען הענעך האָט אין דער פינצטער געוואָלט מיטן גאַנ־צער דורכגיין די שטוב, האָט דער גאַנשער זיך אָנגעשלאָגן אין דער טיר און צעבראָכן געוואָרן. דאָס העלדזל איז אים געבליבן אין דער האַנט. רחלען האָט עס גערעגט, — צו אַלעם כאַפּט „עס״ זיך! — און זי איז אַריין אַ קוק געבן, וואָס דאָרט איז געשען. פון דעם קלאַפּ איז זי זיכער געווען, אַז דער טאַ־טע איז שוין אויף און ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער באַ־וועגט זיך אפילו נישט, איז זי צו זען ווי אַזוי ער שלאָפט. זי האָט געזען בלוט און מורא געהאַט צו שרייען. זי האָט אָנגע־רירט זיין קאָפּ, ער איז געווען פאַרחלשט. עס האָט נאָך גע־קלאַפּט אַן אָדער, האָט זי אים גערופן, געשריגן. הענעך האָט אים געשנעלט אין נאָז, געקוועטשט אין די שלייפן און גע־גאָסן אויף אים וואַסער. שכנים זענען אָנגעלאָפן. זיי האָבן געברענגט בשמים. ר׳ אהרן האָט אָפּגעעטעמט. ער האָט גע־הערט רחלס רוף. האָט ער זי צוגערופן צו זיך און געגלעט איר פּנים, די הענט — יאָ, דאָס ביזטו, רחל — האָט ער שטיל גערעדט — זי איז דאָס, אמת, הענעך?

עטלעכע וואָכן האָט געדויערט ביז דער פּאָטער איז צו זיך געקומען. רחל איז געזעסן אויף זיין בעט און מיט פאַר־בענקטע אויגן געקוקט. זי איז געווען פאַרטראָגן מיטן רעיון, ווי זי וואָלט נאָכגעשפּירט עמיצנס טריט. זי האָט דערוואַרט טריט. זי האָט דערוואַרט אַ ידיעה פון הערשלען. זי האָט זיך מיט אים געהאַט אָפּגעשמועסט, ער זאָל מיטן שפּיליטער באַ־זאָרגן אַ ביכל און אין ביכל אַריינלייגן אַ בריוו פאַר איר. זי האָט נישט פאַרלאָזט די שטוב, טאָמער קומט דער שפּילי־טער מיטן פּעקל און עמעץ אַנדערש נעמט עס צו און גיט עס איר נישט אָפּ.

הענעך האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט. ער איז אַלע וועגן פאַר איר געגאַנגען. ווי נאָר דער דאָקטאָר האָט אָנגעשריבן די

רעצעפּט, האָט ער זי צוגענומען און איז מיט איר אַוועקגע־לאָפן אין אַפּטייק. ווען מען האָט געדאַרפן אַ וואַרעם־פלאַש צו קאָמפּרעסן, נאָפט קויפן, אין טאַרטאַק געלט באַזאָרגן, זוי־ערע מילך שאַפן, איז ער איר אַלץ פאַרלאָפן דעם וועג.

און קיין בריוו פון הערשלען איז נישט געקומען. זי האָט זיך טיילמאָל געשטעלט פאַר דער טיר. אַזוי אַרום גע־וואָלט אַנטקעגן שפּרונגען דעם, וואָס דאַרף געשען, — אפשר גייט דער שפּיליטער? אפשר איז ער שוין אויפן וועג צו זיי? און אפשר האָט ער שוין איבערגעגעבן דעם בריוו, נאָר מען גיט אים איר נישט איבער? זי האָט אַנדערש נישט געקאָנט פאַרשטיין. ווייל נאָכן לעצטן מאָל זיין ביי הערשלען, ווען ער האָט זיך געבעטן, זי זאָל אים נישט פאַרטרייבן, צו גאָט זיך געוואָנדן מיט איר נאָמען באַשיצט צו ווערן; ווען זיין קאָפּ איז געלעגן אויף איר שויס און ער האָט גערופן רחל, רחל! — די דריי אותיות פון איר נאָמען, וואָס יעדעס אות איז געווען איינגעזונקען אין אַ גיהנומדיק פייער, - איצט איז דער קלאַנג פון די אותיות איר נאָכגעריטן מיט יעדער אויג־באַוועגונג; זיי האָבן איר געשטאָכן אין די מוח־אָדערן, זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ גריל וואָלט ביי איר געגרילצט. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך, אָפּוואַרפן פון זיך דעם נאָמען. עס האָט זיך איר געדוכטן, אַז ווען זי וואָלט נישט געהייסן רחל, וואָלט זי אַזעלכע פּיין נישט געהאַט אויסצושטיין.

זי איז ביין געווען אויף הערשלען. אויב זי האָט גע־קאָנט ביי אים פועלן, ער זאָל נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד, האָט ער זי געדאַרפן פאָלגן און נישט פאָרן. ער האָט געדאַרפן בלייבן, בלייבן דאָ, ווו ער לאָזט איבער זיין בלוט.

זי האָט באַשלאָסן צוצוגיין צום שפּייכלער און קוים אויס־געבעטן ביי הענעכן, ער זאָל זי לאָזן איינמאָל גיין נאָך דער רעצעפּט.

זי איז געגאַנגען. אָבער נאָר דאָס מאָל. מער האָט זי נישט געוואָלט אַרויס אין גאַס, ווייל אויפן וועג צום שפּילי־טער האָט זי זיך געטראָפן מיט הערשלס מוטער. רחל האָט זי

דערקענט אין רויטן שייטל. יענע האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרצערט פנים און די ברוין-אַפּלען אין די אויגן האָבן זיך איר איבערגעקערט, ווי רחל וואָלט איר געוויזן דעם מלאך-המות. רחל האָט געזען, ווי זי שפּיזט איר נאָך מיטן בליק. עס האָט זיך איר געדוכטן, ווי זי שרייט אויף איר — דו האָסט מיר פאַרטריבן מיין קינד!

פון דעמאָלט אָן איז זי צופרידן געווען, וואָס זי בלייבט אין שטוב.

די מומע נעכעלע האָט געוואָלט שמועסן מיטן שוואָגער וועגן זיין רחלען: זי האָט יעדן טאָג געוואַרט ביז שפּעט אין אָוונט, אפשר וועט רחל באַלד אַרויסגיין זיך איבערשפּאַצירן, וועט זי האָבן די געלעגנהייט. זי איז אָבער אַוועק אומבאַפרידיקט. דערפאַר האָט זי זיך אָפּגעשמועסט מיט מלכהן, אַז ווען דער דאָקטאָר וועט זיין, זאָל זי אַוועקשיקן הענעכן און דעם דאָקטאָר זאָל זי אָנזאָגן, ער זאָל עצהנען באַלד צו באַזאָרגן די רעצעפּט, וועט רחל מוזן אַרויסגיין אויף אַ ווייל.

נעכעלען האָבן געפלאַמט די באַקן, די נאָז האָט זיך איר געשפּיצט. די פאַנטאַזיע האָט זיך אין איר צעשפּילט, ווי זי וועט אויסזען אַלס מחותנתטע. זי איז דאָך רחלס מוטערס עלטסטע שוועסטער. זי וועט נעמען דאָס אונטערפירן. פון אַלע עקן וועלן די געסט זי רופן מחותנתטע און איר ווינטשן, אין דעם זכות אויפגעריכט צו ווערן מיט אַ בן זקונים. אוי, ווען גאָט העלפט איר אַזוי!..

ביידע מומעס, מלכה און נעכעלע, הגם יעדע האָט גע-האַט באַזונדערע כּוונות, פּרוּוואָס זיך צו אינטערעסירן מיט רחלס גורל, זענען דאָך געגאַנגען האַנט אין האַנט.

ווען די שפּיל מיטן דאָקטאָר איז זיי געלונגען, האָט די מומע נעכעלע מיט אַ חנדל אָנגענומען די זשופּעצע און זיך צוגעזעצט צום שוואָגער. זי האָט געהיימנישפול דערקלערט, אַז זייער זיידע ע"ה האָט געפלעגט זאָגן, אַז אויב ביי אַ חולה אין שטוב איז דאָ אַ כּלה איז גלייך צו שטעלן אַ חופּה. דאָס מאַכט דעם קראַנקן פיל לייכטער.

די מאַמע אירע איז מיר היינט געקומען צו חלום — האָט דער אַלטער מיט אָנמאַכט געוואָרפן די הענט.

— אָ, די צדיקות, אין גן-עדן זאָל זי זיין — האָט נע-כעלע מיט אַ געבעט-טאָן געזאָגט און זיך געווישט די ליפן — זי רוט נישט. איצט קאָנסטו ביי רחלען אַלץ פועלן. מיט אַלע כוחות, מיטן לעצטן אָטעם זאָלסטו דאָס פאָדערן. דאָס קומט דיר, דו הערסט אַהרן? — ער וועט לעבן, עס איז נאָך דאָ געגנוג יאָרן פאַר זיינעטוועגן — האָט מלכה ראַפּטום איבער-געריסן. זי האָט אפנים נישט פאַרטראָגן נעכעלעס פלאַפּלען וועגן טויט.

— איך וויל נאָר, דו זאָלסט זיין אויף דיין טאָכטערס חתונה. מגדל זיין אַ קינד, איז אַ האַלבער גן-עדן, — האָט נעכעלע פאַרזויערט געענטפערט.

רחל איז אַריינגעקומען. די מומעס זענען שטיל געבליבן און זיך פאַרשטעלט די פנימער, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשעמט. רחל, זעענדיק זייערע פאָזעס, האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אַ צאַפּל געטון. אַ מוראַדיק געפיל איז איר דורכגעשווימען דורך די אברים. זי האָטברייט צעעפנט די אויגן, געוואָלט באַגרייפן די שטילקייט און די משונהדיקע פאָזעס, איז זי צו צום בעט. דער פאָטער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי האָט נחמהדיק אָפּגעטעמט.

— רחל, רחל! — האָט ער שטיל גערופן. די ווערטער האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין האַלדז, ער האָט נישט באַ-וויגן מיט די ליפן, ער האָט גערעדט ווי אין שלאָף, — גיי נישט אַוועק, בלייב מיט מיר, איך בייזער זיך שוין נישט אויף דיר, אמת?

רחל האָט אַ שלוכץ געטון. זי האָט נישט געקאָנט לענ-גער שטיקן אין זיך די טרערן און זי איז געפאַלן אויף זיין ברוסט, ווי זי וואָלט דעם קאָפּ געגעבן אין זיינע הענט.

* *

✿

און די מומעס האָבן אויסגעקליבן אַ טאָג אין דער וואָך — פרייטיק, אַ מזלדיקער טאָג אויף חתונה.

רחל האָט געקלאָגט, די מומעס האָבן איר צוגעהאָלפן: זי דאַרף וויינען — האָבן זיי געזאָגט. אַ כּלה אין חופּה־טאָג וויינט. — זי איז געווען צעבראָכן, מען האָט זי געקאָנט פאַרברענען, וואָלט זי אויך קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט.

זי איז בייז געווען אויף הערשלען. זי האָט געפילט, אַז זי וואַקסט, אַלץ אין איר וואַקסט. פון שעה צו שעה ווערט זי פולער, זי פילט עס שוין אונטערן האַרצן, דאָס קינד זיינס וועט קומען — און ער האָט זיך געקאָנט אַזעלכעס פאַרגינען, זיין אייגן בלוט לאָזן צוּוואַרפן אַ פרעמדן! אַלע אָדערן אין איר האָבן זיך געבונטעוועט, און דערפאַר האָט זי געפאָלגט, וואָס מען האָט איר באַפוילן.

דאָך איז זי צו דער חופּה געגאַנגען נישט מיטן גאַנצן ווילן. זי האָט קרום געקוקט אויף די קרובים, וועלכע האָבן זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט איר גורל. זי האָט צו זיי נישט גערעדט. זי האָט אפילו נישט געענטפערט אויף די ווונטשן. די גאַנצע צייט האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַלע האָבן דערפון געקוואָלן — אַ כּלה, אַ ווילע כּלה, זי באַנעמט די גרויסקייט פון טאָג, — קיינער האָט זי נישט געלערנט. זי פאַרשטייט און פילט עס אַליין.

די מומע מלכּה האָט געהאַלטן דעם חופּה־קוכן און גייענדיק אונטערגעטאַנצט. אין האַרצן האָט איר געפּיקט דער נצחון. זי האָט שוין געוואָלט זען רחלען מיט איין יאָר עלטער, מיט אַ קינד ביי דער ברוסט.

* *

*

גאַנצע טעג איז רחל געשלאָפן. אַמאָל איז איר געקומען אויפן רעיון הענעך, אַז באַלד קומט ער אָן און אָט זיצט ער

מיט איר ביים טיש. ער פּאַטשט מיטן מויל, ער נעמט איר אַוועק דעם אַפּעטיט. דערמאָנענדיק זיך אין דעם געפיל, האָט זי זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט און איז ווייטער געשלאָפן.

זי האָט קיין מאַטעריעלע דאגות נישט געהאַט. זי האָט איבערגענומען דעם פאָטערם פּאַרמעג. מיט אַזאַ דערהויבנקייט האָבן זיך פיל משפחות געוווּנטשן באַגליקט צו ווערן כאָטש אין יאָרן אַרום. רחל האָט פונדעסטוועגן מיט פּאַרדרוס גע-רעדט וועגן איר משפחה. זי איז צו זיי נישט געקומען. טייל פון די קרובים האָבן געהאַלטן, אַז זי איז רייך — שעמט זי זיך מיט זיי און זענען טאַקע צוליב דעם געווען אויפגעבראַכט און ברוגזדיק אויף איר.

די מומעס האָבן דערקענט, אַז זי וועט ווערן אַ מוטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז רחל שעמט זיך מיט דעם, דעריבער ווייזט זי זיך נישט פאַר קיין באַקאַנטע. מלכה אָבער, ווייל רחל האָט זי געוואָלט אויסמיידן, איז דווקא געקומען צו איר עפטער און דווקא געשמועסט, ווי אַזוי רחל דאַרף זיך פירן ווען מען גייט ווערן אַ מאַמע.

— אויב דו ווילסט האָבן אַ געזונט קינד מוזטו גוט עסן און אַ סך גיין.

רחל האָט איר נישט געענטפערט. זי האָט זיך אַוועקגע-דרייט, גלייך זי האָט נישט געהערט, וואָס מלכה רעדט.

זי איז שוין געווען אויף דער צייט. די משפחה האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עפּעס אַזוי פרי, — צו זעקס חדשים? און זיי האָבן זי חושד געווען אין נישט דערעסן און אין אָפּסמן די אייגענע געדערעם: זי האָט זיך געוואָלט דערפון אָפּוואַרפן, — פאַרן קינד קיין אויסדויער נישט צוגעלאָזט.

די מומעס האָבן זיך דערמאָנט אין אַ אַנדערער סיבה פון קינדס פריצייטיקן געבורט. זיי האָבן זיך געוווּנדערט אויף רחלען, און האָבן אין זיך געטראָגן אַ חשד, צי דאָס קינד איז נישט אַמאָל הערשל דעם חזנס? אָבער זיי האָבן עס נישט געבערענגט פאַרן מויל. זיי האָבן נאָר צווישן זיך אַזוי געטראַכט

און פּאַר פרעמדע האָבן זיי אויסגעטייטשט, אַז עס קאָן אַזוי געשען ביי אַן ערשטלינג.

אָבער וואָס האָט דאָס געהאַט צום קינד? כאָטש אַ זיבעלע, האָט עס געטון דאָס, וואָס אַנדערע ניי־געבוירענע, אויס־געטראָגענע ניין־חדשימדיקע קינדער טוען.

עס וואָלט אים אָנגעשטאָנען נישט אָנצונעמען דאָס לעבן! דעם „זיבעלע" (לויט דער משפחהס רעכענונג) האָט דאָך עפּעס געפעלט צו זיין פאַרפולקאָמענהייט און ווען ער זאָל אפילו אַוועק פון דער וועלט, וואָלט דאָך די משפחה צו רחלען נישט געקאָנט האָבן קיין טענה. ער איז אָבער געווען פון צוויי שטאַרקע בלוטן און זיך געפילט געזונט שטאַרק. ער האָט גע־זויגן מיט געוואַלטקייט, צו אָפּט זיך געריסן און געשניאָקעט און רחל האָט פאַרשנדיק אויף דעם געקוקט. אין יעדער באַ־וועגונג זיינער, האָט זי געמיינט, ווייזט זיך שוין אַרויס זיין קאַמף מיט זיך אַליין. זי האָט אים אַלעמאָל אינמיטן זויגן אַרויסגעריסן די ברוסט. באַזונדער האָט זי ליבערשט באַנומען זיין רייסן זיך, איידער זיין שלאָף.

מען האָט איר דערציילט, אַז לילית דרייט זיך צווישן קימ־פּעט־קינדער, זי לאָקט אויף יינגע נשמהלעך. געוווסט האָט רחל, אַז דאָס קערפּערל איז אומעגלעך צו כאַפּן, נאָר דאָס נשמהלע און דאָס קאָן געשען ווען עס שלאָפט. עס האָט זי דעריבער דאָס געפיל פון אַנטשלאָפן־ווערן שטאַרק געשראָקן. זיין צי מיטן נעזל האָט ביי איר נישט געוועקט אַזוי פיל צו־טרוי אין זיין דערצויגן ווערן, ווי זיינס אַ ריס. ווען זי האָט דאָס פון אים געהערט, האָט זי געזען בחוש, אַז ער לעבט און איז זיכער געווען, אַז אויב ער וויל נישט די ברוסט, איז מסתמא דאַרף ער אַן אַנדער ווינדל. אויף דעם האָט זי גע־וואַרט. דאָס האָט זי אויסגעקוקט. איז עס געשען, האָט זי שנעל, ווי אַ פויגל, וועלכע דערפילט די ערשטע זון, אַ שוועב גע־טון און אַרונטערגעכאַפּט אַ ווינדל אונטער די פערענע צום אַנוואַרעמען. אונטערלייגנדיק אים דאָס פרישע ווינדל, האָט זי אויסגערעכנט, וואָס ער איז אַלץ פאַר איר. אַלס מאַמע

האָט זי גוט געפילט זיין זיסקייט, וואָס באַשטייט פאַר פרייד, גליק, לעבן און טרוים.

אָבער דאָס שרעקעוודיקע פאַר איר איז געווען, וואָס זי האָט אויך אָנגעהויבן גלויבן אין די מומעס אויסטייטשונגען. זי איז נישט זיכער געווען, אַז ער איז טאַקע פולקאָם מיט אַלעם. זי האָט אים געוויגן און געמאָסטן; זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, געפאָרשט, צי ער איז נישט צו קליין, אָדער וועגט צו ווייניק לויט זיין גרויס? עס האָט עפּעס ביי אים נישט געשטימט. נישט די וואָג, נישט די גרויס האָבן געענטפערט איינס דעם אַנדערן.

אַ יינג אין קישן געוויקלט.

געוויג איז ער געווען קליין, רוי און רויט, קיין איין אבער איז אים נאָך נישט געווען געפאָרמט. ליגנדיק אין קישן, פון וואָס מען האָט מער ווי דאָס פּנימל נישט אַרויסגעזען, האָט מען דאָך נישט געקאָנט לאַנג זיך איינקוקן אין זיינע אייגעלעך, וועלכע הגם זיי האָבן נאָך גאָרנישט געזען, האָבן זיי דאָך געגעבן דאָס געפיל, ווי נישט מען באַוווּנדערט אים, נאָר ער דעם אָנקוקער.

די שכנטע מאַטעלע האָט געוווינט מיט רחלען אַ טיר אין אַ טיר. נאָך גאַנץ יינג אויסגעזען, כאָטש שוין פיר יאָר געווען נאָך דער חתונה און געהאַט דריי קינדער. אויף איר איז גאָרנישט קענטיק געווען, אַז זי איז אַ מאַמע. זי האָט זיך געקליידט ווי אַ שילערין: געטראָגן אַ שוואַרץ סאַטינען פאַר-טוך מיט ווייסע פּערלמוטערנע קנעפּ ביזן האַלדז; די האָר געהאַט פאַרנומען אין אַ קליין גרעקל און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע שעמעוודיקע אויגן. זי איז נאָך געווען נאַיוו און קינדיש.

איידער רחל האָט זיך אַריינגעצויגן, זענען די שטובן גע-זוען פאַרנומען דורך בערלען דעם דרדיקן מלמד. מאַטעלען האָט מען שטענדיק געזען צווישן די חדר-יינגלעך. זי איז געווען

אַ נידריקע און אַ דראָבנע. זי האָט מיט זיי געשפּילט אין ניס, זיי האָבן אויסגעקאָפּעט אַ גריבל אין מיטן הויף און ווער עס האָט וואַרפנדיק די ניס נישט געטראָפן אין גריבל, דער האָט געמוזט איינזאַלצן. דער אָבער, וועלכער האָט געטראָפן אין גריבל האָט צוגענומען אַלץ, וואָס אין גריבל איז געלעגן.

מאַטעלען האָבן די חדר־קינדער גערופן „מזיק". זי האָט שטענדיק געטראָפן אין גריבל און זיי אָפּגעדאַצט. אַלע זענען געבליבן ביי לײדיקע קעשענעס און מאַטעלע ביי פולע. אָבער זי האָט זיי נישט געלאָזט אַוועקגיין. זי האָט אַלע געוווּנענע ניס, אויך אירע אייגענע, צעטיילט צווישן די קינדער.

זינט רחל האָט זיך אַריינגעצויגן, איז מאַטעלע געזעסן ביי איר מער ווי ביי זיך. מאַטעלע האָט דערציילט, אַז זי זויגט נישט קיין קינד, זי טאָר נישט אַרבעטן, זי האָט אַ שוואַך האַרץ, אַ שוואַכן מאָגן, עס גייט איר קאַפּויער. אָבער געוויקלט האָט זי אַליין. קיינער האָט עס אַזוי גוט נישט געמאַכט, ווי זי.

און מאַטעלע איז דערפאַר צוגעלאָזט געוואָרן וויקלען דעם יינג. זי האָט געוווּסט, ווי אַזוי צו אים צו סמאָטשקען. זי האָט גערעדט צו אים פאַרצויגן: — דו שוואַרצער יינג דו, דו לאָבעסל דו.

פונדעסטוועגן האָט זי אויך נישט געקאָנט ביישטיין זיין בליק. עס איז איר אָנגעקומען שווער דאָס וויקלען אים. ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענט, ווי אַ פיש. זי האָט געאַרבעט ביז שווייס און געוואָלט לאַכן פון זיין שרפהדיקן בליק. עס איז איר אָבער צוגעטרעטן דער כראָנישער גרעבס, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ סיק פון אַ ליידיקן באַלאָן סאָדע־וואַסער. דעמאָלט האָט זי זיך צעבייזערט און געשריגן, אַז זי האָט נאָך אַזאַ וואָרעם נישט געזען, — ניין דאָס איז נישט קיין קינד!

גראָד זענען דעמאָלט דערביי געווען די מומעס און אויפּכאַפּנדיק מאַטעלעס ווערטער, האָבן זיי זיך איינע די צווייטע איבערגעשטויסן מיט די עלנבויגנס און זענען געקומען צו אַ הסכם וועגן זייער השערה, אַז דאָס מוז שוין גאָר קיין סוד נישט

זיין, — קיינער געפינט נישט אינם קינד קיין ענלעכקייט צו הענעכן.

נעכעלע האָט אָנגעטרעטן מלכהן אויפן שוך און פאַר־בייסנדיק די ליפּן געגעבן אַ צייכן, אַז מען דאַרף דאָ עפּעס זאָגן, אַז ווען אפילו מאַטעלע קלערט וועגן עפּעס, זאָל מען זי צעחושן.

— יאָ, דאָס וועט אויסוואַקסן אַזעלכעס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! — האָט מלכה שנעל אָפּגעזאָגט און זיך אָוועקגעדרייט צום פענצטער.

מען האָט נישט גערעדט מער, ווי אַ בליק געבן אויפן קינד און עפּעס וואָס צו זאָגן האָט נישט געפעלט.

מלכה האָט זיך ספּעציעל מיט דעם פאַרנומען.

נאָכן ברית פונם יינג—דן איז געווען זיין נאָמען—האָט ער נישט געוואָלט זויגן פון דער ברוסט. מיט אַ לעפעלע האָט ער יאָ געטרינקען. מלכה האָט בשום אופן נישט געהייסן נאָכגעבן. זי האָט אויפגעקלערט דעם „פאַרוואָס”: אַז די מילך איז מסתמא איבערגעבערענט, מען דאַרף אָפּצאַפּן, אָדער די ברוסט-וואָרצלען זענען צו האַרט, זיינע דזשאָנסעלעך קאָנען עס נישט פאַרטראָגן.

דאָס קינד האַלט קרום ס׳קעפּל, — האָט מלכה באַמערקט, זי האָט דוקא געוואָלט אויף דנען געפונען אַ מום און זי איז נישט אָפּגעטרעטן, רחל זאָל דורכויס אים אַרונטערקוקן אונטערן העלדזל. זי האָט איר צוגעבערענגט די פּושקע פּודער און זיך באַשווירן איבער איר אייגענעם קאָפּ, אַז רחל וועט אים איצט איינשיטן. אין איינוועגס האָט זי אים אַרונטערגעקוקט אונטער די קניעלעך און אָרעמלעך. דער יינג האָט געשריגן. אָבער ווער האָט אים געהערט? זי האָט אים געוואָרפן אויף אַלע זייטן און האָט זי באַמערקט אַ ביסל רויטקייט, האָט זי זיך געקנייפּט אין די באַקן,— אַ מערכה, וואָס איר איז איינגעפאַלן אַ קוק צו טון, — די אָרעמ־לעך זענען רויט געווען, זיי האָבן גענעצט און זי איז צופרידן געווען, וואָס גאָט האָט מיט איר געטון דאָס חסד און צוגעשיקט איר דעם געדאַנק. אַז נישט וואָלט דאָך דעם יינג געקאָנט פוילן אַ הענטל.

זי איז אויך געקומען מיט אַ נייעס, אַז עס דאַכט זיך

איר, דאָס דער קליינער לאָזט נישט קיין טרער ביים וויינען און אַז אַ קינד וויינט אָן טרערן, איז ווער ווייסט, צי ער וואַקסט נישט קיין שטומער.

שווער איז געווען רחלס צער, וואָס דנעלע וועט זיין אומבאַהאָלפן, — אַ קאַליקע, מען וועט דאַרפן אויף אים רחמנות האָבן. דאָס וועלן דאַרפן טון גוטע מענטשן. זיי זענען דאָך אָבער זייער ווייניק פאַרהאַן. מען וועט אים אָפשטויסן, דער-צערנען.

און ווי זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט דאָס אומגליק-לעכע לעבן זיינס, האָט זי דאָך נישט געוואָלט, מען זאָל קוקן אויף אים נעבעכדיק. זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין פאַרבי-סענעם עקשנות, וואָס איז גאָרנישט געווען איר טבע און זי האָט אַלעם פאַרזאָגט נישט צו מישן זיך, נישט דאגהן וועגן איר קינד. זי דאַרף נישט פון קיינעם קיין הילף. די מומע מלכה קאָן זיך זיין אַ מאַמע ביי אירע קינדער און זי וויל זיין ביי אירס.

פון די ווערטער האָט זיך מאַטעלע אויך געפילט באַליי-דיקט און זי האָט באַשלאָסן מער איר שוועל נישט אַריבער-צוטרעטן.

* *
*

איינע אַליין איז רחל געזעסן איבער זיין וויג און זיך צוגעקוקט צו זיינע תנועות: ווי ער האַלט די צונג צווישן די ליפּן, ווי ער רייבט זיך מיטן פויסטל זיין נעזל; פאַר יעדער באַוועגונג האָט זי אים אויסגעקושט דעם שטערן. זי האָט אים אַרויסגענומען פון וויג צו זיך אויף די קני און אַוועקגענומען דאָס ליכט, עס זאָל אים נישט רעגן די אויגעלעך. זי האָט אין זיי געזען הערשלס אויגן. די אייגענע קאָליר. זי האָט אים גע-רייצט אין קין-גריבעלע. זיינע בעקעלעך האָבן זיך אָנגעצויגן.

ער האָט אויפגעדעקט די רויע דזשאַנסעלעך. דאָס שפּייעכץ איז אים גערינען אונטערן העלדזל, און רחלען זענען געקומען אויפן רעיון, דער מומע מלכּהס ווערטער: — די טרערן רינען אים פון מויל, נישט פון די אויגן. זי האָט אים אָפּגעווישט די סליניע און געקושט זיינע אויגן. דורך איר אָטעם זענען זיי נאַס געוואָרן און איר האַרץ האָט זיך גרינג געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט אַ פרייד דערפילט, אַז דער מומעס השערה איז נישט ריכטיק, — זיינע אויגן טרערן יאָ!

ווען הענעך איז געקומען, האָט זי אים דערציילט, וואָס די מומע מלכּה האָט אויסגעטראַכט אויף דנעלען. זי האָט זיך נישט געפרעגט, צי עס איז אמת, אָדער נישט, נאָר זי האָט שטאַרק דערפון געלאַכט.

פאַר הענעכן איז גענוג געווען, וואָס רחל לאַכט ער זאָל אַריינפאַלן אין התפּעלות און אַ לענגערע צייט, ביי יעדן מאָל נעמען דנעלען, האָט ער דערמאָנט אין מלכּהן און זיך געשאָטן פון געלעכטער. אים האָט זיך דאָס איינגעגעסן אין מוח און דאָס נאָר צוליב רחלס געלעכטער. דנעלע, האָט ער געוווסט, איז זיין קינד. אָבער ער איז אים נישט נאָענט געווען. נישט מער ווי ער האָט געזאָגט: — מיין קינד. ער האָט אים גערופן: דנעלע מיין. ער האָט אַליין נישט געוווסט פאַר וואָס ער איז צום קינד קאַלט, ער האָט עס זיך אויפגעקלערט דערמיט, וואָס ער איז געראָטן אין זיין טאַטן און דאָס געפיל קומט אויך בירושה. זיין טאַטע איז אויך זייער קאַלט צו די קינדער.

ווען רחל האָט אים איבערגעלאָזט, ער זאָל אַכטונג געבן, אַז ווען דער קליינער וועט זיך וועקן, זאָל ער אים צוריק איינוויגן, האָט הענעך אין דעם פאַרגעסן. ער האָט זיך גאָר געמאָסטן דעם קאַרק, ווי גרויס פאַלד פלייש עס לייגט זיך אים שוין אָפּ איבערן קאָלנער; ער האָט זיך געגלעט דעם בויך, וועלכער האָט זיך אים געהויבן פון טאָג צו טאָג. אַז רחל איז געקומען, האָט זי געטראָפן דנעלען זיך רייסן, איין פיסל געהאַט איבערגעוואָרפן אויפן קאַנט פון וויג, דאָסווינדל איז אים נאַס גע-

ווען. הענעך איז גאָר געזעסן ביים פענצטער און זיך געגלעט זיין קאַרק.

— וואָס זיצסטו? דו הערסט דאָך, ווי ער רייסט זיך! איך קאָן שווערן, אַז דו ביזט קיין איין מאָל צו אים נישט צוגעגאַנגען.

— איך וויל דיר טאַקע זאָגן, מען דאַרף זען ער זאָל נישט סטענקען. די נאַכט איז אַ שעה. ער הויבט זיך אָן רייסן, וועקט ער מיך איבער פון שלאָף און איך בין שוין אַ גאַנצן טאָג, ווי געהרגעט.

רחל האָט אים אָנגעקוקט מיט שטייפע אויגן.

— עס איז נישט דיין קינד!

זי האָט זיך געכאַפּט, וואָס זי האָט געזאָגט און באַלד צוריקגעדרייט.

— אודאי, דיר האָט נישט וויי געטון. וואָס קאָן ער דיך אָנגיין?

זי איז מיט דנעלען אַריין אין דער צווייטער שטוב.

הענעך האָט געפילט דעם שטאָך. אים האָט וויי געטון נישט דאָס, וואָס זי האָט אַוועקגענומען דנעלען, ער זאָל אים נישט זען, ווי דאָס, וואָס זי איז אַוועק און איז אויף אים ברוגז.

ער איז אַריין אין צווייטן צימער.

רחל האָט געשפּרייזט הין און צוריק, דנעלען געהאַלטן צו זיך גוט צוגעטוליעט. זי האָט אים געזונגען אַן איינוויג־ליד און האָט דערביי ביטער געוויינט.

אויף דער נאַכט האָט זי דנעלען גענומען צו זיך אין בעט, אַז ער וועט זיך וועקן, זאָל זי אים גלייך קאָנען דערלאַנגען די ברוסט, זיין רייסן זיך זאָל נישט דערגרייכן הענעכס אויער. נאַכט ביי נאַכט האָט זי איבער אים געוואַכט. זי האָט מורא געהאַט אַנטשלאָפן צו ווערן, טאָמער וועט ער זיך רייסן, און זי וועט נישט הערן.

ווען דנעלע געהאַט אַ רויקע נאַכט, האָט זיך איר געדוכטן, אַז זי איז די גאַנצע צייט געשלאָפן. אויב ער האָט זיך נישט געוועקט, איז עס איר געווען אויפפאַלנד: נישט אַנ־

דערש, ווי ער איז נישט געזונט. ער ליגט אין אַ נעץ און קווענקלט נישט, — איז ער אָפּגעשוואַכט, איז ער קראַנק.

זי איז געווען אומרויק און גערן געוואָלט מיט וועמען זיך עצהנען. הענעכן האָט זי נישט צוגעלאָזט צום קינד. זי האָט געוואָלט ער זאָל רופן אַ דאָקטאָר. זי וואָלט באַשטאַנען, דער דאָקטאָר זאָל זיצן ביים קינד אַ גאַנצן טאָג, אַבי זי זאָל זיין זיכער, אַז דנעלען וועט גאָרנישט געשען.

זי האָט פונדעסטוועגן זיך געלאָזט צוריידן פון הענעכן, זי זאָל צושיקן נאָך מלכהן.

די מומע האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם „יינג" איז זיכער גאָרנישט קיין געפערלעכס.

— די קליינע שמויזעלעך לאָזן נישט קיין השתנה, קריגן זיי באַלד היץ.

רחלען האָט זי דוקא געוואָלט ווייזן איר מבינות, האָט זי זי געשראָקן.

— זאָל זי וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן — האָט מלכה צו זיך גערעדט – איין קינד איז נאָך גאָרנישט. ווען זי וועט האָבן נאָך איינס, ווען דאָס עלטערע וועט זי שלעפּן ביי אַ פּאָלע און דאָס צווייטע וועט איר אָפּרייסן די הענט, דעמאָלט וועט זי וויסן, וואָס עס הייסט לעבן!

זי האָט דנעלען געטראָפן מיט גלאַנציקע אויגעלעך. זיי האָבן ממש געשפּריצט מיט חכמה. דאָס האָט ביי מלכהן נישט געטויגט. זי האָט מיט קאַלטע הענט געטאַפּט זיין שטערן. ער איז וואַרעם געווען. אַ הייסער שטערן אונטער קאַלטע הענט, איז דאָך זיכער, אַז ער האָט היץ. דער בעסטער סימן — ער שלאָפט צופיל, ער שמאַכט פון היץ.

רחל האָט דנעלן גערופן, געוועקט, ער זאָל קוקן אויף דער מומען; זי אַליין האָט זיך באַהאַלטן און געבעטן מלכהן, זי זאָל אים פרעגן, צי ער וויל גיין צו דער מאַמען.

דנעלע האָט זי אָנגעקוקט און מיט אויפגעדעקטע דזשאָנ־סעלעך געלאַכט.

מלכהן איז דאָס לאַכן נישט געפעלן. ווי האָט אים גע־
רופן תמעלע.

צוליב דעם וואָרט האָט רחל געוואָלט, אַז מלכה זאָל שוין אוועק. זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ האַלב לעבן, אַבי עס זאָל זיך עפענען די פֿאָדלאָגע און מלכהן איינשלינגען.

מען האָט געקלאַפּט אין טיר. רחל איז געגאַנגען עפענען. אַן אָרימאַן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט אים אַריינ־גענומען און געבענדיק אים אַביסל וואַרעמס, געבעטן ער זאָל אין אַ פּאָר מינוט ווידער אַריינקומען און זאָגן, אַז ער איז געשיקט געוואָרן נאָך מלכהן, — זי זאָל שוין קומען אין קראָם.

נאָך מלכהס אַוועקגיין האָט זי פינצטער געמאַכט אין שטוב. טאָמער פאַלט איר איין צוריקצוקומען, זאָל זי זען, אַז מען שלאָפט שוין. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין וויג, אויסגעקושט זיין פנימל, — אפשר וועט די היץ זיך איבערטראָגן אין איר.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי אים געלאָזט זויגן און ער האָט נישט נאָר געזויגן, נאָר אויך געביסן. די וואָרצלען זענען איר געוואָרן ווי שפּילקעס. זי האָט מיט קיין פינגער זיי נישט גע־טאָרט אָנרירן. יעדער ריר אין דער ברוסט האָט זיך איר אָפּ־געשלאָגן מיט אַ שטאָך אין פּלייצע.

פאַרטאָג האָט זיך דנעלע געוועקט דער ערשטער. ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים נעמען אויף דער האַנט, רחל האָט געפּרוווט אים נעמען, אָבער זי האָט אים געמוזט אָפּלאָזן. עס האָבן איר וויי געטון די הענט.

הענעך האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים לאַנג נישט האַלטן.

— רחל דו ווייסט, אַז איך מוז אַוועקגיין?

זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

— איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן. דו קאָנסט גיין!

הענעך האָט זי צוריקגעשטופּט, זי זאָל זיך צוריק לייגן.

— קאָנסט פונדעסטוועגן שלאָפן, ווי לאַנג איך בין דאָ.

— איך בין דיר מוחל, דו וועסט פאַרשפּעטיקן, דערנאָך האָבן צו מיר טענות.

זי האָט בײַ אים אַרויסגעריסן דאָס קינד. און אָפּווישנ־דיק אים דאָס מײַלעכל, האָט זי באַמערקט, ווי אין זײַנע דזשאָנ־סעלעך ווײַזט זיך אַ ווײַסע קרישקע. זי האָט אָנגעטאַפּט און פעסטגעשטעלט, אַז אים וואַקסט אַ צײנדל. זי האָט עס פאַר־שטעלט מיט אירע ליפּן. — אַ צײנדל, אַ צײנדל, — האָט זי ווי בגילופין טויזנט מאָל איבערגעחזרט.

און דאָס געפיל, אַז מאָרגן זעט זי דנעלען אַלס מענטש מיט איר צוגלײַך, האָט צוריק אויפגעמישט די בלעטלעך פון איר לעבן. דער געדאַנק האָט צוריקגעשטעלט דעם בלויז אין איר מחשבה, וועלכע איז ביז איצט געגאַנגען זיג־זאַגיש געקנופּט מיטן בלויזן געפיל. איצט האָט זי געזען דעם גורל אירן וואַקסן מיט נשמה און כאַראַקטער. זי האָט זיך דערמיט אויסגעגלײַכט אויפן טראַקט.

זי וועט קומען צו הערשלען, ווען דנעלע וועט זײַן אַ דערוואַקסענער און זאָל הערשל זיך דעמאָלט פאַרגינען איבער־צוטראָגן אויף אַ צווייט אָרט!

אַזוי האָט רחל שטיל אין זיך געצייכנט די ליניע אויף דער „מאַפּע" פאַר אירע ווײַטערטיקע לעבנסטריט.

— אויב זי וועט באַשטיין אויף זײַן גלײַכגילטיקייט, וועט אָבער דנעלע, זײַן קינד, נישט וועלן בלײַבן אָן אַ טאַטן. וועט הערשל קאָנען פאַרלײַקענען זיך אַליין, אַנטקעגן גיין זײַן אייגן געוויסן, קעגן זײַן אייגן קינד?

ווי אַ שכור, וועלכער פילט נישט די אייגענע שוואַכקייט און אים דוכט זיך, אַז ער וואָלט קענען די גרעבסטע וואַנט אײַנלייגן, אַזוי האָט רחלען דער געדאַנק צו שטעלן זיך מיט דנעלען פאַר הערשלען, אָנגעלאָדן מיט עקשנות. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון בעט און גענומען דנעלען אויסבאָדן. זי האָט פאָרזיכטיק געמאָסטן די טעמפּעראַטור פון וואַסער, זי זאָל דנע־לען חלילה נישט פאַרקילן אָדער אָפּבריען. זי האָט אים דורכ־געקוקט יעדע האָר אויפן קעפּל. ער האָט זיך געריסן צום שטיין, האָט זי אים אַרײַנגעשטעלט אין אַ „סטאָיאַק", — אַ בענקל מיט אַ לאָך, דאָס קעפּל אַרויס, די הענטלעך אָנגעשפּאַרט אויפן

ברעטל. דער ייִנג האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גרעזעסל און זיך אַרויסגעשאַרט אין מיטן שטוב. שטיין האָט ער נישט געקאָנט, איז ער געווען אָנגעלענט אויף אַלע פיר און האָט געקוויטשעט.

רחל האָט דערלעבט פרייד. דאָס האַרץ איז איר געוואָקסן מיטן בליק אויף דנעלען. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פינגער און ער האָט האַלטנדיק זיך ביים נאָגל גלייך אויפגעשטעלט.

זי האָט אים געלערנט גיין. זי האָט געלאָזט קלינגען דעם וועק-זייגער און ווען דנעלע האָט אויסגעצויגן צו איר די הענט-לעך, האָט זי זיך מיטן וועקער אַוועקגערוקט אַ פּאָר טריט. ווען ער איז צוגעקראָכן, האָט זי זיך אָפּגערוקט נאָך אַ פּאָר טריט און אים גערופן, ער זאָל צוקומען, וועט ער דאָס קריגן.

מלכּה האָט זיך דערוווּסט, אַז רחל לערנט דאָס קינד גיין, האָט זי זיך משער געווען, אַז זי וועט אים מסתּמא איני-גיכן אַנטוויינען. דאָס האָט איר נישט געשמעקט, — רחל וועט ווייניקער ליידן, ווי זי? נאָר זי איז אַזוי געשטראָפט געוואָרן. אירע קינדער געמוזט האַלטן ביי דער ברוסט ביז אַנדערטהאַלבן יאָר און רחל ערשט ביי קוים צען חדשים, וועט שוין פריי ווערן און ווידער קאָנען אַרומשלאָנדרעווען.

שבּת נאָכן דאַווענען האָט זי ביי דער שול אָפּגעוואַרט הענעכן. זי האָט געוואָלט מיט אים שמועסן וועגן רחלען, וועגן עפּעס אים וואָרענען, ער זאָל רחלען באַשווערן דאָס לעבן.

הענעך איז געגאַנגען מיט שלמהלען מאַלאַזש און דנטשען שניידער, האָט זי געמוזט זיך באַגנוגענען מיט אַ בלויזן „גוט שבּת" און אַוועקגיין.

דעם צווייטן שבּת האָט זי אים ווידער אָפּגעוואַרט. ער איז שוין דעמאָלט געגאַנגען איינער אַליין. ביים עק גאַס האָט זי אים פאַרהאַלטן און געבעטן, ער זאָל זען, רחל זאָל נישט דערוועגן דנעלען שטעלן אויף די פיסלעך, ווייל זיינע קניצלעך זענען נאָך ווייך און וועט זי אים פרי לערנען גיין, וועט ער האָבן קרומע פיס, אָדער ער וועט אינגאַנצן נישט קאָנען מיט זיי באַוועגן. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל אַ קוק טון, צי דעם

קינדס קנעכל זענען אויף איין הויך. און אפשר זענען שוין די לידקעס אין פאָרם פון אַ האַלבער לבנה, — האָט זי שוין אַ תל געמאַכט פונם קינד. אויב ער וועט עפּעס וואָס אויסגע־קרומטס באַמערקן, זאָל ער תיכף קומען איר צוּוויסן געבן, וועט זי אים זאָגן, וואָס מען דאַרף טון. אין שטאָט זענען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע קינדער און זיי קאָן נאָר העלפן דערוואַרעמט זאַמד דורך דער זון. אויב רחל וועט דאָס דאַרפן פאַר דנעלען, וועט זי איר אָפּטרעטן איר אָרט. איר דודלען האָט זי צוויי זומערן דאָרט געהאַלטן און ער גייט שוין צוביסלעך. אויב זי וועט פאַרשפּעטיקן איר אָרט, קאָן רחלען אויסקומען דנעלען צו זעצן אויף קאַלטער ערד און דאָס מאַכט נאָך ערגער.

הענעך האָט די גאַנצע צייט געקוקט מלכהן אין מויל אַריין און מיט אַן אויסגעצויגן פּנים איר צוגעשאָקלט, אַז רחל רייסט טאַקע, דנעלע זאָל וואָס פריער קאָנען גיין. זי וויל זיך באַפרייען פונם עול. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זאָגן רחלען זי זאָל זיין אַ ביסל איבערגעגעבענער דעם קינד. ער וועט איר דערציילן, אַז זיין מאַמע טרעט נאָך היינט נישט אָפּ פון זיין קליין שוועסטערל, הגם זי איז שוין דריי יאָר אַלט.

ווען הענעך איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז רחל גע־זעסן נעבן דנעלען, האַלטנדיק די האַנט אויף זיין שטערן. דאָס קינד האָט געצויגן מיטן אָטעם, ווי אַ זעג בעת מען ציט זי אויף האַלץ הין און צוריק. עפּעס איז מיט אים פּלוצלונג וואָס געשען. זיצנדיק ביי איר אויף דער האַנט, האָט ער זיך אָנגע־הויבן צו מאַזשען: ער האָט געלייגט דאָס קעפּל, די ליפּעלעך האָבן אים געטרוקנט, — ער האָט אינגאַנצן געפלאַמט.

— הענעך! — האָט זי איבערגעשראָקן אים געכאַפּט פאַר דער האַנט — איך האָב מורא. ער גליט אינגאַנצן. איך האָב אים נאָר איין רגע, נישט מער, ווי איין רגע געהאַלטן ביים פענצטער, — האָט זי פאַרטרוילעך צו אים גערעדט, ווי זי וואָלט מורא האָבן, הענעך זאָל זי אין עפּעס באַשולדיקן.

— עס איז די צייט פון זיין שלאָף — האָט הענעך גלייכ־גילטיק אָפּגעוואָרפן און געגלעט רחלס אַקסל — דו האָסט נאָך

גאָרנישט טועם געווען! ער וועט זיך איבערשלאָפן זיין צייט, וועט ער ווידער קאָמאַנדעווען. שרעק זיך נישט, מאַמעלע!

רחל האָט זיך צו אים צוגעטוליעט.

— וואָס רעדסטו? אים איז עפּעס. ער האָט זיך נישט געשפּילט. ווו איך בין מיט אים געשטאַנען, האָט אים נישט געטויגט. וואָס איך האָב אים געוויזן, האָט ער אַוועקגעשאַרט מיטן הענטל און געקווענקלט. אָבער הענעך, איך בין נאָר איין רגע מיט אים געשטאַנען ביים פענצטער. נישט מער ווי איין רגע.

הענעכן האָט אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט, ווי ער וואָלט געווען איינגעטונקען אין זונען-שטראַלן. אין זיינע אָדערן האָט געזידט דער שטראָם פון מורא און ער האָט אַליין פאַר זיך געזוכט הילף. ער האָט פאַרגעסן, וואָס מלכּה האָט מיט אים גע-שמועסט. עס איז אים אינגאַנצן פאַרשוווּנדן דער געדאַנק מיט זיינע באַמערקונגען. ער האָט אויך פאַרגעסן אָן דנעלען, אָן דער גאַנצער וועלט. ער האָט נאָר געדענקט אין זיך מיט רחלען. ער מיט רחלען, זיי ביידע, זייער לעבן, — איינער איז ווי צוגעוואַקסן צום אַנדערן.

רחל האָט געפילט, אַז הענעך איז אַנטשלאָפן געוואָרן שטייענ-דיק, איז זי אַרויס אין דרויסן און געהויכט אין דער לופט איר איי-גענע פאַרע פון מויל און האָט זי די פאַרע געזען, האָט זי זיך נישט געגלייבט. זי האָט זיך אויסגערעדט, אַז זי איז דערהיצט. זי קומט פון שטוב, דעריבער שלאָגט פון איר אַ וואַרעמקייט. כּדי זיך צו באַרויקן, האָט זי צוויי מאָל איבערגעשפּרייזט דעם הויף און נאָך אַמאָל געפּרוווט איר פאַרע פון מויל, צי זי וועט זיך אָנזען אין דער לופט. זי האָט אָבער שוין מער קיין נעפּל פאַר זיך נישט געזען. עס איז געווען גענוג וואַרעם. אויפן הויף האָבן אַלע שוין געהאַט אָפן די פענצטער.

מאַטעלע האָט זי געזען און צו איר זיך געגרוסט. זי האָט געבעטן, רחל זאָל אַריינקומען. אגב האָט זי איר דער-ציילט, אַז די שענקערין האָלט ביי נטן זיך מיטן מאַן. זי האָט געוואָלט נאָך הויף-נייעסן דערציילן. זי האָט אָבער געמוזט אי-בעררייסן, ווייל רחל האָט דערהערט, ווי ביי איר אין שטוב

טו מעט ווער מיט די פיס און זי האָט מאַטעלען איבערגעבעטן.

הענעך האָט געהאַלטן דנען אויף דער האַנט. ער האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע. דער קליינער האָט געהוסט און אין הוסטן האָט ער זיך פאַרקייכט. רחל האָט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער. מאַטעלע איז אַריינגעקומען און אַרויסגעריסן דנעלען פון הענעכס הענט. זי האָט אים אויפצודערמונטערן געריצט אין פּיסל, ביז ער האָט זיך צעוויינט.

פון דעמאָלט אָן האָט רחל זיך באַשווירן, מאַטעלע זאָל איר צוזאָגן אַריינצוקומען אַלע טאָג. זי האָט געוואָלט „עפּעס" טרויען מאַטעלען, — דער איינציקער מאַטעלען, מיט וועלכער זי רעדט אַ וואָרט. זי האָט זיך איבערצייגט, אַז מאַטעלע איז איר איבערגעגעבן און ווינטשט איר דאָס בעסטע אין לעבן. זי האָט אויך געגלויבט, אַז ווען זי זאָל וויסן, ווי שווער איר איז אין דער שטוב, וואָלט זי איר אוודאי גוט געעצהט. מאַטעלע וואָלט אויך שטרענג געהאַלטן אַ סוד.

זי האָט אַרויסגענומען אַ העפט איבצוגעבן אים מאַטעלען.

אין דעם זעגען אָנגעקומען די מומעס. מאַטעלע האָט געוואָלט אַוועק. רחל האָט זי באַשווירן, זי זאָל בלייבן.

— דער קליינער שלאָפט? — האָט נעכעלע פאַרצערט געפרעגט.

— מנחה-צייט איז נישט גלייך צו שלאָפן, — האָט מלכּה דערקלערט און זי האָט צו אים געסמאָטשקעט. דנעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוועץ. מלכּה האָט דערזען דאָס ציינדל, האָט זי זיך אַ קנוף געטון אין באַק און זיך איינגעגעסן מיט די נעגל אין האַלדז.

— ער האָט שוין אַ צאָן! אַ קינד וואָס וואַקסט פרי ציין — האָט מלכּה געשריגן — שטייט-פאַר אַ גרויס געפאַר. דער קליינער איז נישט נאָרמאַל — האָט זי אַריינגעזאָגט נעכעלען אין אויער — ער האָט שוין אַ צאָן. ער וועט זיין אַ משוגענער!

רחל האָט געהערט מלכּהס ווערטער און ווי זי איז פאַרטון געווען אין שמועס מיט מאַטעלען, האָט זי אַ קריץ געטון מיט די ציין און פאַר כּעס זיך צו זיי נישט אומגעקוקט.

נעכעלען האָט פאַרדראָסן רחלס גלייכגילטיקייט און דאָס נישט וועלן מיט זיי שמועסן, האָט זי אַ צי געטון מלכהן פאַר דער האַנט און זענען אַוועק.

ווי נאָר גאָט האָט געגעבן דעם ליבן טאָג, איז מאַטעלע דאָס ערשטע געלאָפן צו רחלען. דער קליינער איז נישט געזונט געווען, האָט זי געוואָלט וויסן, ווי עס איז אַדורך די נאַכט. אגב האָט זי זיך שטענדיק נאָכגעפרעגט ביי איר מאַמען, וואָס מען טוט צו אַזאַ שלאַפקייט און ווי זי איז נאָר עפּעס געוואָר געוואָרן, האָט זי שוין געוואָלט זיין ביי רחלען.

דנעלע האָט געהאַט אַ קאָקלוש-הוסט. די מוטער האָט איר געזאָגט, אַז די בעסטע היילונג, דער בעסטער דאָקטאָר איז, ער זאָל בייטן די לופט, מען זאָל מיט אים אַרויספאָרן צום וואַסער. בעלות השחר, האָט מאַטעלע אַוועקגעשיקט אירע קינדער צו איר מאַמען און אַריינגעשפּרונגען צו רחלען, זי האָט זי אַרויסגעריסן פון בעט, זי זאָל שוין פאָרן מיט אים אונטער דער שטאָט. זי וועט מיט איר מיטפאָרן.

איין טאָג איז מאַטעלע מיט איר מיטגעווען ביים וואַסער. מער האָט רחל נישט געלאָזט זי מיטפאָרן. זי האָט נישט געוואָלט, מאַטעלע זאָל זיך פאַר אירעטוועגן אויסמוטשען. די איבעריקע פינף טעג האָט הענעך זי באַגלייט און זי אָפּגעוואַרט. ער האָט איר איבערגעגעבן אַ קמיע, וואָס די מומע נעכעלע האָט אים געגעבן, ער זאָל דאָס אָנהענגען דנעלען אויפן העלדזל אַלס סגולה צו אַן עין-הרע און אַנדערע שלאַפקייטן. ער האָט איר אויך דערציילט, דאָס די מומע זאָגט, אַז מען דאַרף דעם קינד שטעלן פּאָקן.

רחל האָט אים נישט געוואָלט אָנטון די קמיע. — אָדער, אָדער — האָט זי ביין געוואָרפן מיטן צעפּלאָשעטן קאָפּ האָר — אויב שטעלן פּאָקן, איז נאָך וואָס דאַרף ער טראָגן דאָס פאַרפּעצטע זעקעלע, פון וועלכן מען דערקענט שוין נישט די קאָ-

ליר פון דעם שטאָף? נאָך וואָס זאָל זי דאָס אָנהענגען, ווען קיינער ווייסט נישט וואָס דערין ליגט?

הענעך האָט אויף איר ווידערשטאַנד נישט געקוקט און די קמיע אים דאָך אָנגעהאָנגען. רחל האָט עס אַראָפּגענומען. ווען זי איז אַוועק אויף אַ ווײַלע, האָט ער אים דאָס ווידער אָנגעטון. ער האָט זי דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל יאָ געגלויבט אין אָפּשפּרעכונגען. ער האָט איר צוגעבערענגט איר קישן און געוויזן, אַז צווישן די פּעדערן געפינען זיך מטבעות.

אין אויגנבליק האָט זי נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען עס קומען אין קישן מטבעות. נאָך אַ לענגערן איבערקלערן, האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון נעכעלען, וועלכע האָט איר איינגעשיט דאָס בעטגעוואַנט און אַזעלכעס אַרײַנגעלייגט.

זי האָט געשמועסט מיט מאַטעלען און איר פאַרזיכערט, אַז זי גלויבט נישט אין קיין שום אָפּשפּרעכונגען.

מאַטעלע האָט איר געוויזן אַ גאָלדן רייפל. זי האָט זיך דאָס געמאַכט פון אַ „גאָלד-שטיקל”, וואָס מען האָט איר איינגעקנופּט אין חופּה-שלייער, — זי גלויבט אויך נישט!

רחל האָט איבערגענישטערט דאָס בעטגעוואַנט און אַרויסגעקריגן פון דאָרט די מטבעות, קופּערנע, ווי אויך קליינע זילבערנע, אַלטפרענקישע.

— איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די קישנס זענען אַזוי שווער — האָט זי מיט געלעכטער גערעדט צו מאַטעלען — און עס האָט מיך פאַרדראָסן: נישט שוין-זשע, האָט מיין משפּחה, וועלכע האָט אַזוי פיל פאַר מיר געזאָרגט, זיך נישט געקאָנט פאַרגינען פאַר מיין טאַטנס געלט בעסערע פּעדערן צו קויפן? אויב עס דאַרף זיין אַ סגולה צום געזונט און לאַנג לעבן, האָט דאָך מיין מאַמע אויך געהאַט אַזעלכע שווערע קישנס, מסתמא פול מיט אַזעלכע קלעפּאַקעס, פון וועלכע זי האָט אין דער צייט פון איר קרענק קיין איין טאָג דעם קאָפּ נישט אַראָפּגענומען, טאָ פאַרוואָס-זשע איז זי אַזוי יינג געשטאָרבן? אויב ווידער שלאָפן אויף געלט דאַרף זיין אַ

סגולה רייך צו ווערן, האָט דאָך מיין זיידע שטענדיק זיינע פּאָר גראָשן געהאַלטן אין שעניק און פונדעסטוועגן נישט געהאַט אויף קיין תּכריכים?

דנעלע איז רויק געווען. ער האָט זיך אַליין געשפּילט. וואָס זי האָט אים געגעבן אין הענטל, האָט ער וואָכן דערמיט אַרומגעוואוויוועט. רחל האָט שוין צייט געהאַט אַרומצוזען זיך אין איר לאַגע, ווי זי געפינט זיך און וואָס זי האָט דערגרייכט.

זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּקע, זיך געשפּילט מיט איינפלעכטן און אויפפלאָשען די צעפּ. מיט יעדן קנופּ אין צאָפּ האָט זי אָנגעצייכנט די חדשים, ווי לאַנג זי האָט הערשלען נישט געזען. זי האָט געגלויבט, אַז עס וועט דאָך קומען אַ שעה, ווען זי וועט זיך טרעפן מיט הערשלען. אפשר וועט ער צו איר אַליין אַראָפּקומען? ווען זי זאָל וויסן זיין אַדרעס, וואָלט זי אים געשריבן, אַז דנעלע ווערט פון טאָג צו טאָג מער מענטש. הערשל וואָלט אַ מינוט נישט געזוימט, ער וואָלט פון פייער זיך אַרויסגעריסן אים צו זען.

און ווי וואָלט זיין, — האָט זי זיך געפּרוווט אין גע־דאַנק, — ווען הערשל זאָל זי באַשווערן, זי זאָל אים מיטגעבן דנעלען? אָבער צי וועט ער ביי זיך פועלן, אים פון מיר צו־צונעמען, מיך אַליין איבערלאָזן?

אַ קיל ווינטל האָט פעדער־גרינג באַוועגן די פאָרהאַנג. ביסלעכווייז האָט זיך דאָס טאָג־ליכט אַראָפּגערוקט פון די געל־געבלומטע ווענט. דאָס פינצטערניש האָט זיך צום ערשטן אָנ־געזען אין ווינקל צווישן שאַנק און אויוון, נאָענט פון דער קאַנאַפּקע. רחל איז געשלאָפן.

אַזוי זענען אַדורך יאָרן. רחל האָט געוואַרט אויף אַ חודש פונם יאָר, אויף אַ טאָג פונם חודש און אויף אַ שעה פונם טאָג. זי האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון די שטאָט־מענטשן, כּדי ווען זי וועט אַוועק, זאָל קיינער נישט וויסן וו ע ר ס׳איז אַוועק. זי איז דערפאַר צו קיינעם נישט געקומען און מיט קיינעם קיין מגע ומשא נישט געהאַט. די איינציקע מיט וועמען זי האָט גערעדט און זיך געחברט, איז געבליבן מאַטעלע. אפילו מיט

הענעכן זיך טרעפן האָט זי אויך אויסגעמיטן. זי האָט וואָס ווייניקער מ'ט אים גערעדט און געענטפערט בלויז אויף זיינע פראַגן. טיילמאָל האָט זי אים אינגאַנצן געלאָזט אָן אַ תשובה.

מאַטעלע האָט איר געבּרענגט די לעצטע נייעסן פון שטאָט: האָט זיך געטראָפן אַ שרפה, האָט איר מאַטעלע דערציילט ווען מענס פאַרמעגן עס איז אַלץ חרוב געוואָר־ן. האָט ווער געבוירן אַ קינד, האָט זי איר דערקלערט, ווער עס איז די געווינערין, פון וואַנען זי שטאַמט, מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך. אין שטאָט האָט מען די טשייניכע אַריינגעלייגט אין חרם, נישט צו נעמען ביי איר שבת קיין טיי. מאַטעלע האָט געוווּסט די טעמים: די טשייניכע איז אַ משומדת; די וואָך טאַקע איז איר פאָטער געווען ביים בורמיסטוש און האָט אים אָנגעגעבן, אַז זי האָט אים באַגנבהט, כּדי זי זאָל מוזן צוריק אַהיימקומען. זי איז אָבער מיט די מאַגיסטראַט־לייט איינס, האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויפטון.

רחל האָט זיך באַשטעלט מיט מאַטעלען מאָרגן צו גיין אין גאַס, — זי קאָן נישט די טשייניכע, וויל זי זען, צי זי האָט אַ יידיש אויסזען.

צוליב פאַרשידענע סיבות איז זי אָבער נישט געגאַנגען: איינמאָל צוליב אַ געוועט, אַ צווייט מאָל ווידער, ווייל זי האָט זיך שפּעט אויסגעפּאָרעט מיט הענעכס מיטאָג. אַזוי האָט זי דאָס גיין אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג.

מאַטעלע האָט זיך פאַרנומען רחלען אַרויסצורייסן פון שטוב און איז גאַנץ פרי, ווען הענעך איז אַוועק אין טאַרטאַק, געקומען צו רחלען אָנגעטון אין גרין־זשאָרזשעטן קלייד, זי זאָל שוין מיט איר גיין. זי האָט איר דערציילט, אַז זי האָט געהערט אין שפּייז־געוועלבל, דאָס מרים ראכפעלד איז אַנטלאָפן מיטן שרייבער פון באַנק. דעם סע..טאַר פון מאַגיסטראַט האָט מען געפונען אַ דערשאָסענעם אונטערן גלחס גאָרטן, — די ביקס איז אים געווען אָנגעשפּאַרט ביי דער נאָז.

רחל איז געלעגן נעבן דנעלען מיט איין האַנט אָנגעלענט איבער זיין קעפּל. זי האָט זיך געקרומט אויף מאַטעלעס דערציילן, גלייך זי וואָלט איר שוין געווען צוגעגעסן מיט איר

פלאַפלען. מאַטעלע האָט איינגעצויגן די שמאָלע אייגעלעך און זיך געוווּנדערט אויף רחלס שווייגן. זי האָט זיך געוואָלט באַ־ליידיקן און געזאָלט אַוועקגיין, האָט זי רחל צוריקגערופן. זי האָט פאַר איר אויפגעדעקט דנעלעס קערפּערל און איר געוויזן, אַז ער האָט געקריגן רויטע פלעקן אויפן לייב.

— איך האָב שוין נישט קיין כח, וואָס איז דאָס מיטן קינד? — אַלע מאָל אַ נייע שלאַפקייט. וואָס איז דאָס, — ווידער עפּעס געפערלעכס?

מאַטעלע האָט זיך נענטער צוגעקוקט און אויסגערעכנט, אַז לויט די סימנים, וואָס איר מאַמע האָט איר אָנגעצייכנט, ווייזן זיך אים מאָזלען. זי האָט רחלען געוואָרנט, זי זאָל זיין פאָרזיכטיק ביים אַריינגיסן אים אַ ביסל וואַסער אין מיילעכל, זי זאָל חלילה וחלילה נישט נעצן די מאָזלען און דאָס לעמפּל פאַרדעקן מיט אַ גרינער שיין, כּדי די ראיה זאָל אים נישט קאַליע ווערן.

און רחל האָט געוואַכט איבער איר קינדס בעטל. גאַנצע נעכט האָט זי אים געהיטן, ער זאָל נישט קראַצן די הויט. אַז זי האָט צוגעלייגט איר באַק צו זיין שטערן, האָט זי שוין גע־וווּסט, ווי גרויס היץ ער האָט. מאַטעלע האָט געזאָגט, — ווען די היץ דערגרייכט איבער פערציק גראַד, איז עס דער קריי־זיס־טאָג.

רחל האָט געהאַט אויסצושטיין אַ קריג מיטן טויט, ביי וועלכן זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף נישט ריידן, נאָר שווייגן און זיך מאַטערן. זי האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנ־טרויען די „נאַכט". אַליין, מיט אייגענע אויגן, מיט אייגענע חושים, האָט זי געוואָלט אויפכאַפּן די מינוט פון ישועה.

יעדע נאַכט האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז שוין די קריי־זיס־נאַכט. זי האָט געזען, ווי דנעלע וואַרפט מיטן הענטל, האָט זי אָנגענומען, אַז ער ראַנגלט זיך מיט דער קרענק. איר איי־גענער קערפּער האָט אין דער פינצטער זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ שאָטן אויף דער וואַנט. ווען זי האָט זיך באַוועגן, האָט דער שאָטן זיך אויך אָנגערוקט, ער האָט זיך געטיקט גלייך מיט איר

ציטערן. זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אויפן קאַרק, כדי מער מוט זיך אָנצונעמען קעגן דער שרעק. האָט זי אָבער אויף דער וואַנט געזען דאָס אייגענע בילד. זי האָט אָנגענומען, אַז דער שאָטן חוזקט פון איר און מורא געקריגן זיך אומצוקוקן.

זי איז געזעסן פאַרטיפט אין דנעלעס באַוועגונגען. זי האָט דורכגעזייעט דנעלעס יעדן צוק, וואָס ער מאַכט מיטן גוף. די היץ האָט אים געוואָרפן, זיין בייכל האָט זיך געהויבן און אַראָפּ־געלאָזט ווי אַ מיעכל. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם שאַרך פון די פאַרהאַנגען, וועלכע זי אַליין האָט פון אומפאַרזיכטיקייט פאַר־טשעפּעט מיטן פוס און די ברייט־נאָכהענגענדיקע קאַראָנעס האָבן אַ לענגערע צייט געציטערט, ווי פון ווינט געבלאָזן. זי האָט מורא געקריגן, אַז זי איז נישט אַליין אין שטוב. עס שוועבט ווער אַרום. האָט זי זיך איינגעקאָרטשעט און געוואָלט קליין ווערן, — אַ זאַמדעלע אויף נישט אָנצוזען זיך.

דורכן לאָדן האָט אַ שמאָלער זונען־שטראַל מיט פאַרבן פון אַ רעגנבויגן רעפלעקטאָריש געזידט איבערן צימער. דנעלע איז געשלאָפן רויק און גרינג געצויגן דעם אָטעם. רחלס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט מיט דער שירה — „אז ישיר".

— די פּלעקן גייען אָפּ, די הויט שיילט זיך — האָט זי געוויזן הענבכן — אַ פרישע, ניי־גלאַנציקע הויט האָט באַדעקט זיינע הענטלעך. ער וויל שוין נישט ליגן אין בעט, ער שליי־דערט דאָס איבערבעט. מיטן צוזאָג, אַז אויב ער וועט ליגן רויק צען מינוט, וועל איך אים אַליין אַראָפּשטעלן, האָב איך אים קוים־קוים איינגענומען. איז אָבער נישט מער ווי אַ רגע אַדורך, האָט ער שוין געשריגן, אַז עס זענען אַדורך די צען מינוט און איך בין נישט קיין גוטע!

מאַטעלע האָט געקוואָלן פון זיין שאַרפן מוח און האָט ביי רחלען געפועלט, זי זאָל אים איינהילן אין פּלושענעם מאַנטל, אויסשפרייטן דאָס באַראַנקאָווע פוטער, וואָס הענעך האָט אַראָפּגעטרענט פון זיין פּעלצל און זאָל ער אַרומוויוען.

דנעלע האָט שוין נישט געוואָלט צוריק אין בעט. מאַ־טעלע האָט זיך מיט אים געשפּילט. זי האָט פאַר אים פון

אַ האַנטוך אויסגעבונדן אַ הונט און אים געלערנט נאָכמאַכן דאָס בילן פון אַן אמתן כלב. רחל האָט זיך זייער שלעכט געפילט. עס האָט איר געבראָכן אין רוקן. מאַטעלע האָט זי מיט גע־וואַלט געשטופט אין בעט און איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט פאַר העבעכן קאָכן און צוהעלפן דער דינסט ביים וואַשן דאָס גרעט.

איין טאָג נאָך איז רחל געלעגן, טראַכטנדיק, אַז דאָס איז אויך איבעריק, — זי זעט נישט אויס שלעכט. — איך וועל נישט געפעלן מיין אַן, — הלואי!

זי האָט זיך געגרייט מיט דנעלען אַרויסצוגיין אויף אַ שפּאַציר.

מאַטעלע האָט פונדעסטוועגן נאָך אַמאָל געפּרוווט אויף איר ווירקן, זי זאָל נישט גיין און איר צוגעזאָגט, אַז אויב עס גייט איר, וואָס דנעלע עטעמט נישט מיט פרישער לופט און זון, וועט זי אים מיטנעמען צו זיך און מיטשיקן מיט אירע קינדער אין נייעם גערטנדל.

רחל האָט מיט צוגעשפּאַרטע ליפּן און שנעלער קאָפּ־באַוועגונג געענטפערט, אַז ניין און ניין. זי האָט דנעלען איינגע־הילט אין אַ טוך און איז אַרויס פון שטוב.

מאַטעלע האָט געמיינט, אַז דערמיט, וואָס רחל כאַפּט אַזוי שנעל דאָס קינד און אַנטלויפט, איז זי מיט עפּעס קעגן איר שלעכט פאָרגעקומען, איז זי איר נאָך.

איבער אַ האַלבן וועג האָבן זיי געשוויגן.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער בריק, ווו מען האָט אָנגעזען דעם שפּיציקן רויטן דאַך פון ראַכפעלדס הויז, האָט זיך מאַטעלע דערמאַנט, דאָס זי האָט רחלען וויכטיקע נייעס צו דערציילן.

זי האָט צוערשט אַ קוק געטון אויף רחלען, צי זי זעט דאָס הויז.

— איך האָב געהערט, — האָט זי שטיל אָנגעהויבן, — אַז דער סעקרעטאַר פון באַנק איז צוריק געקומען. מרים אָבער איז אַוועק ווייטער. ער האָט זי געזען מיט אַ היגן ייִנגנמאַן, וואָס איז אַוועק פאַר דריי יאָר און וועגן וועלכן מען האָט ביז איצט

נישט געוווסט, צי ער לעבט. דאָס איז זיכער דעם חזנס זון.

ביז זי האַט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, וועמענס זון זי מיינט, האָט רחל זיך צוגעהערט, ווי צו אַלע אירע מעשיות. ווי זי האָט נאָר געבערענגט פאַרן אויער דעם קלאַנג פון די ווערטער „דעם חזנס זון", אַזוי האָט זיך איר אָנגעהויבן וועקן אין מוח פאַרשידענע דערינערונגען: הערשל מיט מרימען. יאָ, זי האָט זיי אַמאָל געטראָפן פאַרגנבהט ביי די ראַכפעלדס אין גערטנדל. אָבער וואָס איז דען דעמאָלט געווען? — נישט מער, ווי אַ פלירט. זי האָט אַ ציק געגעבן מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט זיך זאָגן — וואָס פאַלט מיר איין? — הערשל מיט מרימען? — אַ שגעון!

פאַר אירע אויגן האָט זיך שאַרף געשטעלט הערשלס פנים. זי האָט געזען זיינע טיפע אויגן און איינגעצויגענע באַקן. דער קאָפּ האָר איז אים צעשויבערט, דער שטערן שטאַרק געפאַלבט. ער פילט זיך איבעריק אויף דער וועלט. דריי יאָר האָט ער מיט דער האָפענונג זיך נישט געקאָנט שיידן, זיינע אייגענע ציינער געגעסן פון עקשנות און נישט געוואָלט רעזיגנירן. ער האָט געזוכט, זיכער געזוכט אַ וועג, ווו מיט איר זיך צו טרעפן און זי?...

— איך וועל מוזן אַהיימגיין איבערטוישן דנעלען די מייט־קעלעך — האָט זי שטיל געזאָגט צו מאַטעלען.

מאַטעלע האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס טוך, זי זאָל אים דאָס אונטערלייגן, אָדער זי זאָל אויפוואַרטן אויף אַ באַנק, וועט זי אַהיימגיין איר ברענגען פרישע מייטקעלעך. איידער זי האָט געענדיקט דאָס רעדן, האָט זי שוין געהאַט געמאַכט עט־לעכע שפּרייזן הינטער זיך. זי איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט רחלען פאַרשטאַנען, און וואָס רחל האָט איר געלאָזט מיט עפּעס זיך צודינען.

ווי גרויס איז אָבער געווען איר פאַרוווּנדערונג, ווען זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז רחל גייט איר נאָך. זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פאַרבייגייענדיק איר

פאַבריק פון סאָדע-וואַסער, האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט, ווי זי וואָלט זיך פון בושה אויסבאַהאַלטן.

*　*

*

רחל האָט זיך געפילט דערשלאָגן און אָפּגעצאַרט. זי איז געשטאַנען ביי דנעלעס בעטל און זיך געוויקלט דעם צאָפּ אויף דער האַנט, ווי אַ רצועה. זי האָט נאָך אַמאָל אין געדאַנק זיך איבערגעחזרט די סיבות פון אירע ליידן.

— הערשלען האָט זי אַליין אַוועקגעשיקט, אָבער איר שיקן האָט דאָך נישט געדאַרפן אים צווינגען צום פאָרן. ער איז אַוועק, כדי איצט זיך צו טרעפן מיט מרימען.

זי איז אַוועק פון בעטל און צו צום פענצטער.

— פאַרוואָס האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל האָבן פון אים אַ קינד? איך וועל אַפילו פאַר אים זיך נישט טאָרן ווייזן. ער וועט האָבן אויף מיר אַ רוט און זאָל איך אויסגעבן, אַז דאָס קינד איז זיינס, וועט מען מיר נישט גלויבן. ער האָט אַ ברירה צו זאָגן...

זי איז צוריק צו צום בעטל און זיך צוגעלייגט צו דנעלען. זי האָט זיך אָנגענומען מיט עקשנות צו שווייגן, — וואַרטן ביז דנעלע וועט גרויס-ווערן און דעמאָלט זאָל ער זיך אַליין מאָנען זיין טאַטן. זי אַליין וועט אים דערציילן דעם אמת — אַ שוידער איז איר אַדורך די ביינער — ווי אַזוי, ווי אַזוי אים אַזעלכעס דערציילן?

דנעלע האָט זיך געוועקט און געבעטן, זי זאָל אים דערציילן אַ מעשהלה. רחל האָט נישט געקאָנט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען, האָט זי אָנגעהויבן איין מעשהלע און אַריינגעמישט מאָמענטן פון אַ צווייט מעשהלע. דאָנעלע האָט איר דערמאַנט, אַז דער מאָמענט איז פון אַן אַנדערן ספור, דער ניגון איז אַן

אַן אַנדערער, אַז דאָ ענדיקט זיך מיט געלעכטער און דאָס צווייטע מיט פּאַטשן האַנט אין הענטל.

רחל האָט זיך אויף אים געבייזערט, וואָס ער שלאָפט נישט. זי האָט אים געדראָט, אַז זי וועט אים לאָזן אַליין, ס'וועט קומען דער שוואַרצער קוימענקערער און אים אַוועק־כאַפּן. דנעלע האָט מורא געקריגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געצויגן צו איר אויף דער האַנט, זי זאָל אים באַשיצן. רחל האָט אים אָנגעקלאַפּט אין גזעסל און געלאָזט אים וויי־נען. ער האָט אַזש געקריגן אַ שלוקעכץ.

ווי נאָר דנעלע איז איינגעשלאָפן, איז רחל אַוועק צו מאַטעלען, כדי געבוי גענויער צו ווערן, ווי אַזוי עס איז געשען מיט מרימען.

מאַטעלע האָט איר דערציילט, אַז ביי דער חזנטע איז היינט אַ יום־טוב. זי האָט אָפּגעזאָדן קיילעכדיקע אַרבעס, ווי אויף אַ שלום־זכר. זיי האָבן דערהאַלטן פון אים אַ בריוו און די חזנטע זאָגט, אַז זי האָט אַ ניי־געבוירענעם זון.

רחל איז באַלד צוריק אַריין צו זיך און פון אויפרעגונג האָט זי געשפּרייזט איבערן צימער פון אויוון צום פענצטער און צוריק.

זי האָט פאַרשטעקט די הענט אין טאַליע פונם קלייד און אין געדאַנק געטיישט דאָס געשעענע.

— זאָל דאָס אמת זיין, אַז הערשל האָט מיט מרימען נאָך פּאַר דריי יאָר אַזוי זיך אָפּגעשמועסט? איך אַליין האָב דערצו געפירט, איך בין אַליין זיך שולדיק.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער קאַנאַפּקע, איר געדאַנק האָט ווייטער געשפּינען די פּרוכט פון איר לעבן.

— איך בין שולדיק. ווי נאָר דנעלע איז געבוירן געוואָרן האָב איך געדאַרפט הערשלען אויפזוכן. אָבער הערשל האָט דאָך וועגן אַלעם געוווסט, איך האָב דאָך מיט אים געשמועסט. האָט ער נישט געקאָנט קומען מיט אַן איינפאַל, איך זאָל מיט אים אַוועק אין אַ נעבנדיק שטעטל און מיט אים שטעלן אַ חופּה? ער האָט דאָס נישט געטון, ער האָט קיינמאָל וועגן

אַזעלכעס נישט געטראַכט — זי האָט זיך געבויגן ווי אַ שיכּורע —איך בין אַ נאַרישע קאַץ, ער לאַכט פון מיר. אַ נאַרישע קאַץ!

זי האָט פון שופלעדל אירן אַרויסגענומען אַ העפט, — איר טאָג בוך און אונטער דער לעצטער שורה האָט זי צוגעשריבן: — „דנעלע, געדענק, אַז דיין טאַטע איז הערשל דעם חזנס זון. וועסט זיך נאָכפרעגן. אַלע אין שטאָט קענען אים. ער איז דיין טאַטע. ווען דו וועסט גרויס ווערן, פאַרגיב דעמאָלט דיין מאַמען, וואָס פאַרשאַפט דיר איצט צער מיטן אמת-זאָגן, — ער האָט דיך צוגעוואָרפן צו אַ פרעמדן".

ווען זי האָט דאָס איבערגעלייענט, האָט זי עס געוואָלט אויסרייסן: — וואָס וויל איך פון אים, האָט זי קרענקלעך און בייז זיך אַליין געפרעגט, — ער איז דאָך אומשולדיק. איך בין דאָך אומרחמנותדיק געווען צו אים. זי האָט עס אָבער נישט אויסגעריסן צוליב די פריערדיקע נאָטיצן. באַזונדער, — האָט זי זיך אויסגערעדט — איך שרייב עס דאָך נאָר פאַר זיך. שפּעטער וועל איך עס פאַרברענען.

זי האָט זיך ווידער צוגעטוליעט צו דנעלען, פאַרכאַפּט אין אַ מיש-מאַש פון געדאַנקען. הענעך איז נישט געווען. הגם עס פלעגט איר זיין אַלץ איינס מיט הענעכן אָדער אָן הענעכן, — קומט ער יאָ, קומט ער נישט, האָט זי דעם מאָמענט דווקא געוואָלט הענעך זאָל שוין קומען!

אין טאַרטאַק איז מיט הענעכן געשען אַ פאַרפאַל. אים האָט זיך געדוכטן, אַז דאָס ברעט, וואָס מען שניידט איז דיקער, ווי ער האָט אָנגעצייכנט, האָט ער צוליב דער קלייניקייט נישט געוואָלט שטעלן דעם מאָטאָר, נאָר האָט אינמיטן שניידן צוגעלייגט די מאָס צום איבערציילן זיך און דערביי אַזוי אומגליקלעך פאַרטשעפּעט די האַנט אָן זעג, אַז זי האָט אים מיטגעריסן צוויי פינגער.

די יסורים זענען געווען גרויס. מען האָט אים געוואָלט

אהיימנעמען, אָבער ער האָט זיך אָפּגעבעטן צו בלייבן. ער האָט נישט געוואָלט רחל׳ען אָנטון קיין עגמת נפש.

מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט, אָנגעהאָנגען אויף אַ שוואַרץ טוך, איז ער געזעסן אין אַ ווינקל אויף אַ דיקן קלאָץ און געדריקט אין זיך דעם ווייטיק. ער האָט פּאָר קעלט גע־קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. די קניען האָבן אים געציטערט. עס האָט אים ווי געטון, אָבער ער האָט נישט גערעדט.

פאָרן שליסן דעם טאַרטאַק, האָט ער געבעטן די שותּפים, זיי זאָלן נישט צוויסן געבן ביי אים אין שטוב, — ער וועט אַליין אהיימגיין. ער האָט געקלערט, ווי אַזוי צו קומען אין שטוב, רחל זאָל זיין צעריסענע האַנט נישט באַמערקן, זי זאָל אינגאַנצן נישט וויסן. דאָס איז אָבער אוממעגלעך געווען, ווייל די באַנדאַזשן האָבן דאָך אויף עפּעס געוויזן. האָט ער געוואָלט אויסקלערן אַזעלכעס, וואָס זאָל לכל הפּחות פּאַר איר דאָס באַגאַטעליזירן, פאַרשטעלן איר, ווי ער וואָלט זיך נאָר אַ ראַץ געטון און האָט פאַרבאַנדאַזשירט, כּדי נישט צוצולאָזן קיין אומריינקייט.

דאָס ליכט אין טאַרטאַק איז פאַרלאָשן געוואָרן. קיין אחד איז נישט געבליבן. די היץ דעמפּט. עס שטיקט אַ זויערע לופט. די ברעטער סקריפּען פון איינטרוקענען זיך. פון דער פּלומפּ־רער קאַפּען שווערע טראָפּנס. זיי הילכן ווי אין אַ ליידיקן פאַס. דער טאַרטאַק האָט שוואַרצע ווענט. דאָס פענצטער אין דאַך איז אַרום באַצויגן מיט שפּינוועבס און שטויב. עס רייסט זיך אַפילו קיין ליכט נישט אַדורך. די גאַנצע געביידע שטייט ווייט פון שטאָט, — איבער דער צווייטער זייט פון באַן־קנופּ, אָפּגע־ריסן, ווי די תּיבה אין מבול, די עכּברים נאָרען און פּיש־טשען, ווי די הינט.

הענעך האָט שוין געוואָלט זיין אין שטוב. ער האָט אָבער נישט געוואָלט טרעפן רחלען. ניין, ער האָט זי יאָ גע־וואָלט טרעפן, ווייל אויב נישט צו רחלען, איז צוליב וואָס גייט ער אהיים?

ער האָט זי שוין געוואָלט האָבן נעבן זיך, ער זאָל

קאָנען זיצן נעבן איר און זיך אָנטרונקען מיט איר אָטעם. ער איז אָבער נישט אַהיימגעלאָפן, כּדי זי זאָל נישט זען זיין האַנט.

און רחל זעענדיק ווי שפּעט עס איז און הענעך איז נאָך נישטאָ, איז זי אַרויס פון שטוב און אים אַנטקעגן געגאַנגען. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט אים איז געשען. זי האָט געטראָפן דעם שותּפס ווייב. רחל וואָלט זי געקאָנט אָפּשטעלן און פרעגן. זי האָט אָבער מיט איר נאָך קיין איין מאָל נישט גערעדט, איז איר געווען אומבאַקוועם און זי האָט זי דורכגעלאָזט. שפּעטער האָט זי חרטה געהאַט, פאַרוואָס זי האָט זי נישט אָפּגעשטעלט זיך פרעגן, צי איר מאַן איז שוין אין שטוב. זי האָט זיך צוריקגעקערט, כּדי זי נאָך צו דעריאָגן. אָבער רחל האָט זי שוין נישט געטראָפן אויף דעם וועג.

און זי איז אַ צווייט מאָל אַרויס אויף דער גאַס. אפשר קומט ער שוין אָן. דאָסמאָל איז זי באַלד צוריק אַריין אין שטוב. זי האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז ער האָט זיך מסתּמא פאַרגנבהט צו די מומעס. אין טאַרטאַק זיצט מען נישט אַזוי שפּעט, ערגעץ אַנדערש האָט ער נישט וווּ צו גיין און זי איז בייז געווען אויף אים: — שוין נישט דער הענעך פון אַמאָל, וועלכער האָט איר צוגעלויכטן מיט אַ לעמפּל אויף די טרעפּ, זי זאָל נישט גיין אין דער פינצטער! איצט ווען זי זאָל זיצן אין אַ פינצטער לאָך, וואָלט עס אים אויך נישט געאַרט.

הענעך האָט פאַרוואָרפן די קאַפּאָטע איבער דער האַנט און פאַרדעקט דאָס ווייסקייט פון די באַנדאַזשן. ער האָט די קאַפּאָטע צוגעהאַלטן מיט דער געזונטער האַנט, מען זאָל קיין פּיצל ווייס נישט אַרויסזען. ער האָט זיך אַליין געוואָלט נאַרן און זיך איינגערעדט, אַז עס טוט אים גאָרנישט ווי. ער איז אַריבער די באַן-שינעס. אויפן סיגנאַל-סלופּ האָט געבלישטשעט אַ גרין פייערל, — אַ צייכן, אַז די ליניע איז פריי. קיינער איז נישט ביים וועקסל. די אַלע סימנים האָבן אים געוויזן, אַז עס איז שוין גוט שפּעט און רחל מוז שוין שלאָפן. — עס איז גלייכער, אַז זי שלאָפט — האָט ער זיך געטראַכט — זי וועט

נישט וויסן ווען ער איז געקומען; ער וועט זיצן נעבן איר און זי וועט זיין צעריסענע האַנט נישט זען.

הענעך האָט שנעל געשפּרייזט.

ער איז געשטאַנען רחלען צוקאָפּנס, מיט אַ פול אָנגע־בענקט האַרץ געקוקט אויפן בלויען אָדער, וועלכער האָט שטייף אַרויסגעשטאַרט פון אונטער איר דורכזיכטיקער האַלדז־הויט. דאָס אָרט האָט ער געוואָלט דערוואַרעמען, אָנהויבן, עס זאָל רויט ווערן. – ער האָט זיך אָנגעבויגן.

די יסורים פון דער האַנט האָבן אים גלייכגעשטעלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַראָפּבויגן. עס האָט אים געשטאָכן אין די אויערן. און האָט ער זיך אָנגעבויגן אַוועקצולייגן זיך, האָט ער דאָס אויך נישט געקאָנט. ער האָט די קאָפּאָטע אויך נישט געקאָנט אַראָפּציען. רחלען האָט ער נישט געוואָלט וועקן, האָט ער איין שטיוול אויסגעטון, צוהאַלטנדיק אים מיטן צווייטן. דערפון איז ער צופרידן געווען. ווען אַלץ זאָל אים אַזוי גע־לונגען ווי איצט, וועט ער איבערשלאָפן די נאַכט און רחל וועט אַפילו נישט וויסן, אַז ער האָט זיך עפּעס געטון.

ער האָט געצויגן פון זיך דאָס וועסטל, דערביי האָט זיך אין אים אַלץ אָנגעשטרענגט. עס איז אים אוממעגלעך געווען דאָס וועסטל אַפּצורייסן פון אונטער די אָרעמס. ביי יעדער באַוועגונג האָבן זיך אים אַלע אָדערן אָנגעפּרישט. ער האָט זיך געצאַמפּערט ביז עס האָט אים אַ ציק געגעבן אין מוח און ער האָט אַ געשריי געטון.

רחל האָט זיך אויפגעוועקט און אויף אים אַ קוק געטון. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך. ער האָט גערעכנט, אַז רחל האָט זיך דערשראָקן פאַר די באַנדאַזשן, דערפאַר האָט זי זיך פאַר־שטעלט די אויגן און זי שלאָפט נישט, זי קאָן נישט קוקן, זי פילט די ווייטיקן. – זי האָט זיך אָבער צוריקגעלייגט און ער האָט קיין שאַרך נישט געטון. ער האָט אויפגעוואַרט, זי זאָל צוריק אַנטשלאָפן ווערן, אפשר וועט זיך אים דאָך איינגעבן אַליין זיך אויסצוטון.

רחל איז געלעגן מיט אָנגעשטעלטע אויגן. זי האָט נישט

תופס געווען דאָס געשריי און האָט געוואַרט, עס זאָל זיך איר דייטלעכער אויסוויקלען. עס איז איר געקומען אויפן רעיון דנעלע, — אַז דעם קליינעם האָט זיך מסתמא עפּעס געחלומט, האָט ער זיך געוועקט. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צוגערוקט צום קינד. פאַרשלאָפענערהייט האָט זי אַראָפּגענומען זיין הענטל פון ברוסט־קעסטל.

הענעך האָט ווידער אָנגעהויבן זיך אויסטון. דער שוויס האָט אים דורכגענעצט דאָס העמד. עס איז אים קאַלט געוואָרן.

— רחל, העלף מיר! — האָט ער אין אָנמאַכט געדופן און דעם קאָפּ געבויגן אויף רעכטס, אויף לינקס. ער האָט זיך באַדויערט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט בייקומען און רחלען נישט מצער זיין.

— וואָס איז? — האָט רחל צעצויגן געפרעגט און דאָס פּנים געהאַלטן אין פּראָפיל צו אים.

— קוק נישט אויף מיר, נאָר העלף מיר. מאָרגן וועט מיר שוין גאָרנישט זיין.

רחל האָט זיך שווער אַראָפּגעגליטשט פון בעט.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זי קרום און פאַר־שלאָפן געצויגן אונטער דער נאָז.

הענעך האָט איר אין האַנט אַריינגעלייגט אַן עק פון וועסטל און אַליין האָט ער זיך גענומען אויסוויקלען.

רחל האָט קיין מאַכט נישט געהאַט אין די פויסט; שפּינ־וועבס איז גרינג צו צערייסן, אָבער נאָך גרינגער איז געווען אַרויסצורייסן פון איר פויסט דאָס שטיקל וועסטל.

ער האָט נאָך אַמאָל געבעטן, זי זאָל האַלטן. זי האָט אָנגענומען דעם עק און זייענדיק פאַרשלאָפן, האָט זי זיך אָנ־געלענט אָן אים.

הענעך האָט געזען, אַז זי שלאָפט, האָט ער איר אַ קוש געטון אין שטערן און מיט דער געזונטער האַנט אַרומגענומען איר טאַליע, צוגעפירט זי צום בעט, נאָך אַמאָל זי געקושט און אַוועקגענומען איר די האָר פון די אויגן.

כדי אַראָפּצוציען פון זיך דאָס וועסטל האָט ער אויס־

געעפנט די שאַנק און צווישן דער טיר אַריינגעזעצט אַ האַלבע פּאָלע. אַזוי אַנאָך האָט ער זיך געוואָלט אויסטון. ווי נאָר אָבער ער האָט געגעבן דעם ערשטן צי, איז די טיר אָפּגעפאַלן. ער האָט זיך אויסגעגליטשט און מיטן גאַנצן קערפּער געפאַלן אויף דער אָנגעוויינטיקטער האַנט. די אָדערן אין מוח האָבן אים אַזש געציטערט, די אויגן זענען אים פול געוואָרן מיט טרערן. ער האָט געקוקט צו רחלען.

זי איז געשלאָפן...

✽ ✽

✽

העניעך און רחל — ביידע האָבן געקיניקט איבער זייערע הערצער, ווי אחשורוש איבער זיינע מדינות. ווי אַ גומי-שוואָם, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ האַנט-דרוק אָנזאַפּן יעדע אונטערגע-שטעלטע פליסיקייט, אַזוי האָבן זיי, יעדער מיט זיין געפיל, איינער צום צווייטן אין זיך געזאַמלט מעלות און חסרונות. ער האָט צו רחלס באַוועגונגען, צו איר מרוג מיטן אויג, געזאַמלט נייגונג צו ליבע, צו מסירת נפש און רחל האָט צו זיין מקריב זיין זיך פאַר איר, איבערהויפּט צו זיין עקזיסטענץ, זיך פאַר-האַלטן מיט האַס און אָפּשוי.

זי האָט דערפילט דאָס צווייטע קינד, העניעכס קינד און ווייל דאָס איז געווען זיינס, איז ער איר נאָך מער פאַר-מיאוסט געוואָרן, זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיינע פאַר-בענקטע בליקן. זי האָט זיך ווי אָפּגעגעשאַרט פון אונטער אַ רוצחישן גלוסט.

העניעכס האַנט האָט אונטער די באַנדאַזשן געשווילט פון טאָג צו טאָג. עס האָט אים געשטאָכן די ראָפּע, וואָס האָט זיך אים אין דער וווּנד געזאַמלט. אָבער ער האָט זיך פאַרהאַלטן קאָלט, גלייך עס וואָלט זיין האַנט נישט געווען און זיך געבריהט פאַר רחלען. ער האָט זי גאָרנישט געלאָזט טון, קיין איבעריקן

טריט נישט געלאָזט שטעלן. ער האָט איר די קאָווע אין בעט דער-לאַנגט. רחל האָט נישט געטרונקען. אָ, ווען ער דערלאַנגט איר סם, וואָלט זי מיט אימפעט אויסגעשניאָקעט.

ביים טיש האָט זי צו אים נישט גערעדט. זי איז געזעסן אָנגעדראָדלט און אַריינגעקוקט אין טעלער, ווען ער איז אַפילו ליידיק געווען. זי האָט די הענט געהאַלטן אונטערן טיש נער-וועיש מיט די פינגער געפלאָכטן די פראַנדזן פון טישטוך און עס געשלעפּט מיט אַ כונה צו פּראָטעסטירן קעגן איר האָב און גוטס, וואָס איז איר נישט ניחא.

און זי האָט אַזוי לאַנג געשלעפּט דאָס טישטוך, ביז דער טעלער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון טיש און די יויך האָט זיך צע גאָסן אויף דער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. זי האָט געוווסט, אַז הענעך ריכט זיך, דאָס זי ברענגט אים מיט דער צייט אַ קינד, האָט זי אים געוואָלט פאַרשטויסן פון געדאַנק און נישט געוואָלט פאַר אים זיך ווייזן, ווי זי זעט אויס מיטן גאַנצן קערפּער. זי האָט מיטן אויפשטיין געוואַרט, ער זאָל אַוועק אין טאַרטאַק. ווי פרי ער איז געקומען, האָט זי מיט געוואָלט צוגעיאָגט, עס זאָל אַלץ זיין גרייט נאָך פריער, אויסגעשטעלט איין מאַכל נאָכן צווייטן, ער זאָל נישט מאַכן קיין הפסקות, נאָר שנעל אויפעסן און שנעל אַוועק.

ווען הענעך האָט געטראָפן דעם פול-געדעקטן טיש, איז ער געוואָרן מלא שמחה. ער האָט עס זיך אויסגעטייטשט פאַר אַ מלכותדיקע באַנעמונג. דנעלען האָט ער אַוועקגעזעצט נעבן זיך און מיט כבוד האָט ער זיך צוגעטראָגן דעם לעפל צום מויל און מיט פאָרזיכט אַוועקגערוקט דעם ליידיקן טעלער, ער זאָל נישט קנייטשן דאָס טישטוך. דער בשמים-ריח האָט גע-לופטערט זיין האַרץ. יעדן ביס האָט ער לאַנג געקייט. ער האָט אין אים געפילט אַלע טעמים און דאָס עסן האָט געדויערט לענגער, ווי אַלע מאָל.

ביי אַזאַ עסן איז רחלען אַלץ שטיין געבליבן אין האַלדז. עס האָט זיך איר געדוכטן, אַז ער רייצט זיך מיט איר, אַז ער

האָט שוין ווידער אָנגעהויבן פּאַטשן מיט דער צונג. אַלץ איז איר געגאַנגען קאַפּויער צום ברעכן. זי איז בלאַס געוואָרן און ווי אַ פאַרשט־יינערטע זיך געהאַלטן אויף דער שטול, — זי האָט געחלשט.

הענעך האָט מיט אַ לעפל איר אויפגעריסן די פאַרהאַקטע ציין. דנעלע האָט זיך צעוויינט, ער זאָל נישט שלאָגן די מאַמען און זיך אָנגעהאָנגען אויף הענעכס אַקסלען.

אַ מידע און דערשעפטע האָט הענעך רחלען אויפגעהויבן פון דער שטול. ער האָט זי געפירט זיך אָנשפאַרן און זי האָט נאָכגעפאָלגט זיינע טריט.

זיי זענען געלעגן אויפן בעט. הענעך האָט געגלעט איר שטערן, רחל האָט צוגעהאַלטן זיין אָנגעווייטיקטע האַנט. ער האָט זי געקושט. רחל האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. דערווייל האָט דנעלע זיך אַרויסגעשאַרט אין הויז, איין שיכל האָט ער געהאַלטן אין הענטל, דאָס צווייטע געהאַט פאַרשנורעוועט אויפן פיסל, וועלנדיק אַרויס אויפן הויף. מאַטעלע האָט אים דערזען, האָט זי אים אַריינגעכאַפּט צו זיך אין שטוב. זי האָט אים געוויזן פאַר אירע קינדער און האָט זיי געהייסן דנעלען געבן זייערע שפּילעכלעך. זי האָט אַרויסגענומען די קאָלע און זי געלאָזט לויפן אויף די שינעס. זי האָט אים געוואָלט צוגעוווינען צו די קינדער, כדי דנעלע זאָל שטענדיק וועלן מיט זיי זיין צוזאַמען. רחל וועט אים מוזן אַריינברענגען און זיי וועלן אויפסניי אָנקנופן פריינטשאַפט.

אין אָנהויב האָט דנעלע ווי געקלעבט אין מאַטעלען. ער האָט מורא געהאַט זיך צו שפּילן מיט די קינדער. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קאָראָנקעס פון קעלנערל ביי איר קלייד, זאָגנדיק, אַז זיין מאַמע האָט אויך אַזעלכעס. אַז מאַטעלע האָט אים געפרעגט, וועלכעס איז שענער, — אירס צי זיין מאַמעס? — האָט דנעלע געענטפערט, אַז דער מאַמעס איז אויך שיין. זי האָט אים דערפאַר אויסגעקושט די אויגן, דאָס מויל. די קינדער האָבן זי געריסן — פאַרוואָס זי האַלט אַ פרעמד קינד, זיי האָבן זיך

געצויגן אויף איר שויס און זיי האָבן געוויינט, זי זאָל אים אָראָפּלאָזן.

דנעלע האָט אָנגענומען די שפּילעכלעך, די קינדער האָבן זיי אַרויסגעריסן פון די הענט. איינער דעם רידעל, דער צווייטער די טאַטשקע. זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן. מאַטעלע האָט דנעלען געכאַפּט אויף דער האַנט און ווען דאָס קליינוואַרג האָט זיך צעוויינט, האָט זי זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן אים אָוועקשטופּן פון די שפּילצייגן, וועט זי קיינעם פון זיי נישט ליב האָבן, זי וועט זיך נעמען דנעלען פאַר איר קינד.

די יינגלעך האָבן זיך געעקשנט, זיך געקאָלערט אויף דער פּאָדלאָגע און פעסט צוגעהאַלטן דאָס שפּילצייג. נאָר אסתרל, דאָס יינגסטע קינד — געראָטן אין דער מאַמען מיט די בלויע אויגעלעך און שמאָל מיילעכל — איז געשטאַנען מיט אַ אָנגעבויגן קעפּל אויף אַ חנדל און געשטעקט אין דנעלעס הענטלעך איר לאַלקע, איר קענדל צום אָנשעפּן וואַסער אויף צו באַשפּריצן בלומען.

דנעלע האָט עס גענומען. אסתרל האָט זיך אָוועקגעשאַרט און זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַמען. דנעלע האָט זי געזוכט. ער האָט אַוועקגעשליידערט די כלים. מאַטעלע האָט געמיינט, אַז ער האָט מורא, אסתרל זאָל נישט וויינען, האָט זי צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ, ער זאָל נעמען, נישט מורא האָבן.

דנעלע און אסתרל האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט. מאַטעלע האָט געשפּעט פון די יינגלעך, אַז זיי זענען שוין דערוואַקסן און אָן שכל. זי האָט זיי געהייסן נעמען אַ ביישפּיל פון אסתרלען מיט דנעלען, — פון גוטע, שכלדיקע קינדער. זי האָט פאַר אסתרלען אַריינגעבראַנגט היידלעך מיט פּוטער. די קליינע האָט נישט געוואָלט פאַרזוכן, נאָר זי זאָל דנעלען אויך געבן אין אַ באַזונדער טעלערל.

אויפן הויף איז געוואָרן אַ רעש. הענעך איז געלאָפן מיט אַן אָפענער וועסט, ער איז געשפּרונגען פון הויז צו הויז, ער איז געווען אין די קאַמערן, אין דער אָלעיאַרניע, ער זוכט, זוכט און געפינט נישט.

רחל איז געשטאַנען אונטער מאַטעלעס פענצטער און פון שטאַרקן וויינען אַזש געבראָכן. מאַטעלע האָט געהערט, ווי די מומע מלכה דערציילט, אַז זי האָט היינט גע-זען אַ ציגיינערין אין מאַרק. זי האָט געטראָגן אַ ק ד, וואָס האָט זיך ביי איר שטאַרק געריסן. דאָס קולעכל איז איר שטאַרק קענטלעך געווען. זי האָט געוואָלט צוגיין אַ קוק געבן, צי זי איז זיך נישט טועה, נאָר דאָס האַרץ האָט איר געזבבענקעט, ווי ביי אַ גזלן. מאַטעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס ריידן זיי וועגן דנעלען. זי האָט אויפגעעפנט די טיר און מיט אַ בייזן טאָן געזאָגט צו מלכהן: — פאַרדרייט נישט קיינעם דעם קאָפּ! איך הער, אַז מען רעדט וועגן דנעלען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. דנעלע איז דאָך ביי מיר און שפּילט זיך מיט די קינדער.

— פּי, פּי, פּי, — האָט מלכה דריי מאָל אויסגעשפּיגן — אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ, אויף אונזערע אַלע שונאימס הענט און פיס, מיר זאָלן שוין האָבן אָפּגעקומען פאַר אַלע זינד! אויב עס איז באַשערט געווען עס זאָל ווער פון אונזער משפּחה קראַנק ווערן, זאָל האָבן אויסגעלייזט גע-וואָרן מיט דער שרעק!

מאַטעלע האָט אַרויסגעבראַכט דנעלען און האָט אים די פּיסלעך פאַרוויקלט אין אַ טוך.

רחל האָט אים אַרויסגעריסן פון מאַטעלעס אָרעם און האָט אַראָפּגעוואָרפן פון אים די פּאַטשיילע — אַ שיינעם דאַנק אייך!

מאַטעלען האָט ווי געטון, וואָס רחל אירצט זי. זי האָט אַ קוק געטון אויף הענעכן און מורא געקריגן פאַר זיין אָנגע-לאָדענעם בליק מיט די פאַרקריצטע ציין. זי האָט זיך דער-שראָקן און הינטערווילעכץ זיך אַריינגערוקט אין שטוב.

הענעך האָט מיט דער גאַנצער קראַפט צוגעהאַקט די טיר, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט.

✽ ✽

✽

רחל איז געווען אויף דער צייט. אַלע טאָג, יעדע שעה, האָט הענעך גערעכנט, אַז אַט-אַט געשעט עס. ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון בעט. ווען זי האָט געהויבן דעם קאָפּ האָט ער איר אונטערגעשטעלט אַ קישן, עס זאָל איר נישט קאַלט זיין אין דער פלייצע. ער האָט שוין צוויי מאָל געהאַט גערופן די הייב-אַם, וועלכע האָט כּסדר דערקלערט, אַז עס איז נאָך צו פרי.

און געשען איז עס אין מיטן דער נאַכט. זי האָט גרינג געהאַט. מלכּה האָט עס אָפּגענומען. ווידער אַ זכר. — אַ קליין שמאָל עופעלע, קוים וואָס עס האָט געעטעמט. רחל האָט עס נישט אָנגערירט: „שפּרינגע-דעגינגע" האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך געמיאוסט עס אַ קוש צו טון. הענעך האָט זיך דערביי גע-פּאָרעט, באַהעלפנדיק זיך מיט דנעלען. ער האָט אים געהייסן צוברעננגען זיינע שיך. דער קליינער האָט זיי אָפּגעגעשאַרט פון אונטערן בעט און זיי אים דערלאַנגט.

הענעך האָט אים אויך געטוישט די ווינדלען. ער האָט דעם קינד אָפּגעווישט די שוים פון מיילעכל. דער מאַמעס מילך האָט ער צוריקגעגעבן, ווי קעז.

נאָך דריי טעג האָט דאָס קינד געמוזט האָבן אַ רופא, — עס האָט נישט געקאָנט שלינגען. דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז דאָס קינד איז קראַנק אויף „שוועמעלעך", — עס איז גע-פּערלעך. אויפן פינפטן טאָג איז שוין קיין קינד נישט געווען. נפתלי קברן האָט עס גענומען אונטער דער פּאָלע און אַוועק-געטראָגן.

אין שטוב איז שטיל געווען. דנעלע האָט צוליב דער שטילקייט אויך נישט אַרומרעגירט. הענעך איז געשטאַנען ביים פּענצטער. ער האָט נישט געוואָלט ווייזן רחלען זיין פּאַרגרינט פּנים. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך נאָך צעוויינען.

עס איז שטיל געווען אין שטוב. מלכּה איז געזעסן מיט פּאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, פּאַרדאגהט געצויגן דעם אָטעם און געהעשעט, ווי אַ זעג צווישן אַ האַלב-דורכגעזעגטן נאַסן קלאָץ. איר העשען האָט רחלען געגרילצט אין מוח. זי האָט

געפּרוּווט מיט די פינגער פאַרשטעקן זיך די אויערן. די הענט האָבן איר אָבער ווײ געטון, האָט זי געמוזט די אויערן פרײלאָזן. זי האָט פּאַרט געוואָלט פון איר פּטור ווערן און זי האָט גע־רעכנט, אַז ווען זי וועט אַוועקשיקן הענעכן, וועט מלכּה אויך אַוועק. האָט זי געפרעגט הענעכן וואָס ער שטייט, פאַר וואָס ער גייט נישט אין טאַרטאַק.

הענעך האָט זיך אַוועקגעריסן, ווי פון אונטער אַ קויל, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען, וואָס רחל איז איצט צוגעטרעטן אים אַזעלכעס צו פרעגן. זי האָט אים נאָך קײנמאָל נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט דאָס און נישט עפּעס אַנדערש. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער נישט געוווּסט, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער טיר. ער איז גע־גאַנגען, ווי ער וואָלט געווען אַ מאַשין. מען האָט אים אָנגעצויגן, גייט ער.

באַלד האָט זיך מלכּה אויך אויפגעכאַפּט און אָפּגעשטאַט רחלען מיט אַ בייזן בליק.

איך וואָלט געשווירן — האָט זי געזאָגט צו הענעכן — אַז אויף איר איז אַלץ צו גלויבן. דו פרעג זי, וואָס זי האָט געטון דעם קינד. זי האָט דאָך אים אפילו די ברוסט נישט געוואָלט געבן. און אפשר? מען קאָן נישט שאַצן אַ מאַמעס האַרץ. מיר אין די אויגן האָט זי זיך געשעמט, זי האָט אפשר נישט געוואָלט, ער זאָל לאַנג זויגן און אַז קײנער איז נישט געווען איז זי מסתּמא פאַר פרייד צוגעפאַלן צו אים, צוגע־דריקט עס צו זיך. זי האָט נישט געפילט און האָט עס דער־דריקט. איך קאָן אַזעלכע מאַמעס!

הענעכן איז לייכט געווען אַנצוציען אויף שלעכטס. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי האַלט דנעלען אויף דער האַנט. זי רייצט אים ביזן פאַרכלישעניען און פאַרקײכטערהייט דריקט זי אים נאָך צו צו זיך.

ער האָט אַ ציטער געטון, ווי דאָס בלוט וואָלט אים אָפּ־געשטאַנען אין די אָדערן, ער האָט זיך געחזרט די ווערטער:
— געקוּשט און דערוואָרגן!

ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און נישט געוואָלט נאָכקומען דער מומעס געדאַנק. רחל האָט דאָך דאָס קליינע קיינמאָל נישט גענומען אויף דער האַנט, ווי אַזוי האָט זי דאָס געקאָנט דערשטיקן?

ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין מלכּה נישט געווען. ער האָט זי געזוכט, ער האָט זי געוואָלט פֿרעגן, צי אַזאַ קליינס האָט כּח צו שרייען. ער איז גאַנצע טעג געווען אין שטוב און קיין געשריי נישט געהערט. בייטאָג איז דאָך דאָס זיכער נישט געשען. ביינאַכט אין שלאָף זאָל דאָס האָבן געשען? פֿאַרוואָס האָט רחל דאָס קינד נישט געוואָלט אָנרירן? — זי האָט עס נישט ליב געהאַט, דאָס צוביגן זיך צו אים איז איר אויך שווער געווען. איז דאָס פֿרייד געווען? פֿאַר פֿרייד האָט זי געממיתט איר אייגן קינד? זיינע הענט האָבן זיך געשטייפֿט. ווען ער וואָלט דעמאָלט געהאַט ווען ער וואָלט דעמאָלט געהאַט וועמען אונטער דער האַנט, וואָלט ער אים דערדריקט און זיך איבערצייגט, צי עס איז טאַקע אַזוי גרינג צו דערשטיקן.

— אָבער ניין — האָט ער געקריצט מיט די ציין — דאָס איז אַ בילבול אויף רחלען. ער האָט געזוכט מלכּהן. שטום און דערנידריקט האָט ער געבלאָנקעט צווישן די בודקעס. די אויגן זענען אים געווען פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל. ער האָט נישט דערקענט מלכּהס בודקע, הגם זי איז געווען ברוין געמאָלט און אַלע אַנדערע זענען געווען גראַנאַט געמאָלט. איצט האָבן אַלע געהאַט איין חושכדיקע קאָליר. ער האָט זיך געדרייט, ווי אין אַ לאַבירינט. ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין, האָט ער נישט געקאָנט. עס האָט וויצר געפּיקט אין זיין מוח, אַז נפֿתּלי האָט נישט מקבר געווען דאָס עופֿלע. די ווערטער האָבן געקאַפּעט, ווי קאָכעדיקע סמאָלע אונטער אַ זייער. עס האָט אים געציקט אין די שלייפֿן, ווי אַ רעדל אין אַ זייגער, ווו דאָס טריבל רוקט זיך ציינדל-אויף ציינדל-אָפּ. ער האָט דערזען די פּלומפּ אין מיטן מאַרק, איז ער צוגעגאַנגען און איינגעריבן זיך דעם שטערן מיט וואַסער.

אויפֿן וועג אין טאַרטאַק איז העניעך דורכגעגאַנגען דעם

שול-הויף. דאָס פּליש איז געווען אָפן. אינעווייניק האָט געשאָרע-וועט אַ ווינט, וואָס האָט צעבלאָזן די שמות. הענעך האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז אויב צונויפ-געזאַמלטע פּאַפּירן ווערן געיאָגט דורכן ווינט, זענען אין רעדל פאַרהאַן שדים. ער האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן, נאָר שנעל איבערגעשפּרייזט דעם ליידיקן פּלאַץ, ווי אַ צעלאָזענער לעמ-פּערט וואָלט אים געיאָגט. ער איז אַריינגעשפּרונגען צו מאָטל גלעזער אין הויף. דער אַלטער גלעזער איז געשטאַנען אויף די קני און מיט אַ הילצערן העמערל האָט ער אויסגעקלאַפּט קיט.

אין איילעניש איז הענעך אַריבערגעשפּרונגען איבער אים. דורכן שפּרונג האָט זיך אים זיין פּאָלע פאַרטשעפּעט אין אַ שפּיץ פון אַ פלאַט גלאָז און זי אומגעוואָרפן. עס איז געווען אַ צוגעשניטענע ריזיקע שויב און ביים אומפאַלן איז זי צע-בראָכן געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער היזק איז גרויס, האָט ער אָנגעהויבן לויפן מיט נאָך מער פלאָגעניש און צע-רודערונג.

ער האָט פּלוצים דערפילט, ווי עס ווערט אים גוט און גרינג, האָט ער געוואָלט עס זאָל אים אויסקומען צולויפן אָן אַ ענדע, — עס זאָלן פאַרכאַפּט ווערן זיינע רעיונות, כּדי נישט צו געדענקען אין יושר און עס זאָל זיך אויסמישן פייער מיט וואַסער, אַ ברענענדער דאָרן זאָל שטיין אין מיטן וועג, — ברענען און נישט ווערן פאַרברענט, די זאַנגען אין פעלד זאָלן קיין קערנדלעך נישט האָבן, דער כּח פון געבורט זאָל אויסגע-טרוקנט ווערן, דער סמבטיון זאָל קיין שטיין נישט אויסשפּייען.

ער איז געלאָפן איבער שאָסיי און פעלד, צווישן שטויב, וועלכן דער דורכפאָרנדיקער פּאָסט-וואָגן האָט אָנגעיאָגט, ווי אַ וואָלקן-כמאַרע און ער איז געטרעטן אין די זומפּן, וועלכע האָבן נאָך נאָכן נעכטיקן רעגן געהאַט קליינע וואַסער-הייטלעך. זיי האָבן אים געהאַלטן, ווי אין אַ תּהום און ער האָט גע-פּלאַסקעט, דאָ מיט די פיס, דאָ מיט די הענט, כּדי זיך צו זען אַ באַפרייטן. ער האָט געוואָלט צוריק זיין אויפן „הר-גריזים“, —

ווידער שטיין מיט ליבע צו אַלעם, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן, און וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפט.

האַרט ביים באַן-קנופּ האָט ער זיך ווידער געפילט היימיש. ער האָט דערהערט אַ קינדערשן ריטש און עס האָט איבּ אַ פּישטש געטון אין די אויערן, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס עופלע זיינס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אויפגעכאַפּט פונוואַנען יאָס קול גייט. ער האָט זיך צוגערוקט צום ראָוו.

אַ פרוי ליגט מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט. נעבן איר ליגט אַ קינד. דאָס פּנימל זיינס האַלט זי פאַרדעקט מיט איר האַנט. זי אַליין האַלט פאַרביסן די ליפּן און מיט דער צווייטער האַנט קלעמט זי זיך דעם האַלדז.

הענעך האָט אַ געשריי געטון — דערשטיקסט!

די פרוי האָט זיך נישט אומגעקוקט.

ער איז צו און אַוועקגעריסן פון איר דאָס קינד. די פרוי איז אים נאָך, זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני און געבעטן, ער זאָל איר נישט אַוועקנעמען דאָס קינד. כּל-זמן זי לעבט נאָך, וויל זי עס האָבן. זי איז אַ וועשין, דער מאַן, אַ מאָלער, אַ גרויסער שכּור. ער שלאָגט זי. זי האָט שוין צוויי מאָל דורך דעם געמפילט. דאָס איז איר קינד. זי האָט עס מיט ניסום דערהאַלטן ביז צו דער עלטער פון 6 חדשים. זי האָט דעם קינד גאָרגישט געוואָלט טון. זי האָט נאָר זיך אַליין גע־וואָלט דערווערגן. זי האָט דעם קינד פאַרשטעלט דאָס פּנימל, עס זאָל נישט זען, ווי זיין מאַמע גייט אויס. עס וועט נאָך צייט האָבן צו פילן יסורים. זי וויל, עס זאָל דאָך גוט זיין צו מענטשן!

הענעך האָט זי אָפּגעשטויסן. ער האָט נישט געקוקט אויף איר וויינען און בעטן, אַז פריער זאָל ער זי טויטן, דערנאָך מעג ער צונעמען דאָס קינד. ער האָט זי אָפּגעשטויסן מיטן פוס, און איינהווידערנדיק דאָס קינד, עס זאָל נישט וויינען, האָט ער זיך פאַרקערעצוועט אין טאַרטאַק.

די פרוי איז אים נאָך. די אַרבעטער האָבן זי אַרומגע־רינגלט און געמאַכט פון איר דאָס לצנות. זי האָט געקלאָגט, אַז הענעך האָט איר צוגעכאַפּט דאָס קינד.

— זי האָט עס געוואָלט דערשטיקן — האָט הענעך זיך געשטעלט אויף אַ קלאָץ און זיי אויפגעקלערט, ווי אַזוי עס איז געשען.

קיינער פון די אַרבעטער האָבן אים נישט געגלויבט.

— נישט אמת! — האָבן אַלע מיט אַ טעמפּ קול אָפּגעענטפערט.

— ער וויל דאָס אויף מצות! — האָט איין שטים זיך אַרויסגעריסן.

— גערעכט! — האָבן אַלע צוגעקלאַפּט מיט די הענט.

— ווער האָט דאָס אַזוי גערופן? — האָט הענעך ענערגיש אויסגעשריגן.

אַ ברייט-פּלייציקער אין אַ לעדערנער קורטקע, ווי אַ באַן-מאַשיניסט, מיט אַ פעטן רויטן קאַרק האָט זיך אַרויסגערוקט.

— איך! — האָט ער ווילעריש פאַרריסן דעם קאָפּ און איין פיס געשטעלט פאָרויס, ווי צום באָקסן.

— הענעך האָט געשמייכלט. די אַרבעטער האָבן הויך געכיזשעט און דער ברייט-פּלייציקער האָט בייז אויף זיי אַ קוק געטון. ער האָט פאַרקרומט דאָס מויל, ווי ער וואָלט וועלן פאַר אים אויסשפּייען.

— נעם אים! — האָבן אַלע צו אים געווינקען.

דער ברייט-פּלייציקער האָט אָנגעכאַפּט די פרוי ביי דער האַנט און זי מיטגעצויגן מיט זיך. ער האָט אַ קאָפּע געטון מיטן פוס אין דער טיר פון טאַרטאַק און מיטן ווייזפינגער געפאָכעט איבער זיין אייגענער נאָז. ער האָט הענעכן געדראָט.

— גיב איר צוריק דאָס קינד!

הענעך איז געזעסן אויף אַ קלאָץ. אויף איינצונעמען דאָס קינד האָט ער אים צוגעלייגט צום אוירל זיין זייגער.

— נאָך איין מאָל רעד איך! — האָט דער ברייט-פּלייציקער האַרט אויסגעכאָרכלט. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, נאָר האָט מיט רוגזה אָנגענומען הענעכן ביי אַן אויער, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער ביי אים אַרויסגענומען דאָס קינד און עס דערלאַנגט דער מוטער.

— טראָג זיך אָפּ, דו אויסוואורף! — ער האָט אָנגעבלאָזן זיינע באַקן.

און ווידער ווערט אַלץ, ווי געווען. די זעג רייסט, דער שטויס ברעטער וואַקסט, די אַרבעטער טרייבן לצנות, זיי שעלטן זיך און פייפן זיך אויס אייגער דעם צווייטן.

הענעך איז געזעסן און געריבן די קני. ער האָט זיך שטאַרק באַומרויקט. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס קינד לעבט שוין נישט און געוואָלט דערציילן די אַרבעטער, ווי זי האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל זי טויטן, כּדי זיי איבערצוצייגן אין דער עוולה, וואָס זיי האָבן געטון מיטן אַוועקגעבן איר דאָס קינד. ער האָט געשטעלט אַ פּוס צום איבערשפּרייזן עטלעכע ברעטער און זיך צוריקגעצויגן. ער האָט מורא געהאַט פאַרן ברייט-פּלייציקן. דאָס אויער האָט אים נאָך געפּלאַמט.

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט ווען דער ברייט-פּלייצי-קער וועט אַרויס אויף אַ רגע און ער האָט זיי דערציילט, ווי ער האָט זי געטראָפן. ווען נישט ער, וואָלט דאָס קינד שוין לאַנג נישט געלעבט.

— די קישקעס וואָלט איך איר אַרויסגעיאָגט! — האָט אַ נידעריקער, שיקלדיקער קריסט ברייט אונטערגעפּאָנפּעט. דערביי האָט ער אַ שטופּ געטון אַ צווייטן אַרבעטער, אונטער-געשטעלט אים אַ פּוס ער זאָל אומפאַלן.

אַלע האָבן געלאַכט. דער ברייט-פּלייציקער איז אָנגעקומען און איז שטיין געבליבן אין טויער.

— וואָס, שוין ווידער געכאַפּט אַ ממזר?

הענעך האָט זיך אָפּגעטראָגן, — די אַרבעטער האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווי אַזוי.

ווי די זעג האָט געריטשט אין איינגעשניטענעם קלאָץ, אַזוי האָט זיך אין זיין מוח געשלענגלט דאָס באַגעגעניש מיט דער קריסטנס קינד און דער פּאַל מיט זיין אייגן קינד. ער האָט שוין מסכּים געווען, אַז רחל האָט עס דערוואָרגן, — יאָ, ער האָט בולט געזען, אַז ווען זי גיט אים צו זויגן, גיט זי אים נישט דעם וואָרצל אין מויל, נאָר זי פאַרשטעלט זיין נעזל.

זי לאָזט אים דעם אָטעם נישט ציען. — ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט באַמערקט אויף איר ברוסט אַ בלויען צייכן. זי האָט דאָס באַהאַלטן פאַר אים, ער זאָל עס נישט זען. פאַרוואָס האָט זי דאָס באַהאַלטן? שעמט זי זיך פאַר מיר? ניין, דאָס מוז זיין צוליב דעם. ווען דאָס עופלע האָט מיט די לעצטע כחות צוגעקלאַפּט דאָס מיילעכל, האָט עס נאָך אַ לענגערע צייט גע־האַלטן דאָס פלייש און עס איז בלוי געוואָרן צוגלייד מיט זיין קערפּערל.

* * *

מאַטעלע האָט זיך נישט געקאָנט געפונען קיין אָרט אין שטוב. אסתרל האָט געניקעט, אַז זי וויל צו דנעלען. מאַטעלע אַליין האָט אויך שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוגיין צו רחלען און צוויי מאָל איז זי שוין אַפילו געשטאַנען ביי דער טיר און דאָך זיך צוריקגעקערט. זי האָט כּלל נישט געקוקט אויפן אומכּבוד, וואָס זי וועט זיין ביי רחלען אַן אומגעבעטענער גאַסט. ניין. זי איז נישט אַריין, ווייל זי האָט זיך באַדענקט, אַז זי קאָן רחלען פאַרשאַפן צער. רחל וועט זיך דערמאָנען אינם קינד. אַזוי, ווען קיינער פון באַקאַנ־טע ווייזן זיך נישט, דערמאָנט מען זיך נישט אינם אומגליק און עס איז לייכטער צו פאַרגעסן. זי איז געשטאַנען פאַר איר טיר און געוואַרט, עס זאָל ווער אָנקומען צו רחלען. זי האָט גערעכנט, אַז ווען עס וועלן זיין צוויי באַקאַנטע, וועט מען רחלען גיכער קאָנען אויסריידן דעם צער.

אין שטוב האָבן זיך די קינדער צעשלאָגן. איינער האָט געהאַט געכאַפּט ביים צווייטן אַ באַרנע. מאַטעלע האָט אָפן גע־לאָזט די טיר און איז אַריין צו די קינדער זיי איבערבעטן.

העניך איז אַהיימגייענדיק פון טאַרטאַק אָפּגעטרעטן ביי די מזמעס, זיי זאָלן מיט אים מיטגיין און צוהעלפן אויספאָרשן רחלען, וואָס עס איז געשען מיטן קינד, פאַרוואָס עס איז אַזוי ראַפּטום אַוועק פון דער וועלט?

מלכּה האָט הערנדיק, אַז הענעך האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן אירע השערות, געגאַרעט, ווי אַ מויז. ביי יעדן שלעכטן וואָרט, וואָס הענעך האָט דערמאָנט אויף רחלען, האָט זי אויסגעפּיקט פֿאַרשיידענע חשדפֿולע מאָמענטן. זי האָט דערמאָנט אין טויט פֿון רחלס מוטער, אַז דאָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ סוד. זי האָט דעם טאַטן דערעסן די יאָרן און אַז רחל האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין קינדער. זי געדענקט — האָט מלכּה מיט אַ פֿרישן טאָן אָנגעהויבן — ווען רחל האָט געהאַט אַן אייגן ברודערל, האָט זי עס קיינמאָל נישט געוואָלט האַלטן אויף דער האַנט. זי האָט אים געשלאָגן און דעם קליינעם האָט מען שטענדיק געטראָפֿן מיט פֿאַרטריפֿטע אויגן. נו, איז וואָס געווען דער סוף?— עס איז אַנטלאָפֿן.

און די מומע נעכעלע האָט געאָכצט — אָך, אַ מאַמע! אַן אַנדערע מאַמע וואָלט זיך אַליין אויסגעגראָבן אַ קבֿר, אַבי איר קינד זאָל געזונט זיין. אָך, ווינד און ווי אַלע שונאים! איך האָב מיר נישט געוואַשן די הענט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער וועלן זיי האָבן פֿאַרן קדוש-ברוך-הוא? דער זכות פֿון אונזערע אבֿות אבֿותינו זאָל ביישטיין איר טאַטע-מאַמע. אָך, אַ מאַמע! איבער אַן אייגן קינד, שונאי ציון געזאָגט, אַזאַ מאַטערניש!

יעדן אָך, האָט נעכעלע אויסגעדעכעט מיט אַ קנויל פּאַרע. עס איז איר אָבער ווייניק געווען דאָס מויל, האָט זי די פּאַרע דורכגעשטופּט דורך דער נאָז.

הענעך איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ קלעם פֿון געפֿילן, ווייל ער איז צו רחלען געווען פֿול מיט צערטלעכקייט; רחלס בליק אויף אים און איר שמאָלער שמייכל אויף זיינס אַ בקשה, האָט — הגם זי האָט אַלץ געטון דערווידער זיין פֿאַרלאַנג און גאַרונג, — פֿונדעסטוועגן ביי אים איבערגעענדערט זיין שטימונג. און אָנשטאָט ער זאָל קריצן מיט די ציין, אַ תּל מאַכן פֿון אַלעם וואָס איז רחלס, דאָך גאָר זי באַשלייערט מיט ליבע און געשוינט יעדן פֿאָדעם פֿון איר קלייד. ער האָט אַן אַנטשלאָסענער זיך געוואָלט אָוועקרייסן פֿון די מומעס, וועלכע באַלאַסטן זיין האַרץ מיט אומרו און פּיין. ער האָט אָבער גע-

דאָרפן אַ מענטשן צו זיך. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער־מיט אַליין, וואָס אַנדערע פילן זייער ליידן איז אים שוין גרינגער.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט ער מיט אַ פאַרלייגטן גאָרגל אַרויסגעזאָגט די ווערטער און אָנגעשטייפט די פויסטן. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ער איז גרייט געווען אָפּצוטון אַ מעשה פריער זיך און דערנאָך רחלען.

מאַטעלע האָט הערנדיק העכעכס קול אָפּגעלאָזט די קינדער און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. אין אויגנבליק האָט זי נישט געהאַט מיט וואָס אים צו פאַרהאַלטן. ווען זי האָט דערזען די מומעס, איז איר לייכטער געוואָרן דאָס געמיט. זי האָט זיי געפרעגט, צי עס איז גלייך היינט אַריינצוגיין צו אַ קימפעטאָרין?

רחל איז געזעסן נעבן דנעלען. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט ווער עס איז אַריינגעקומען. זי האָט דעם קאָפּ געהאַלטן אויפן קראַוויטש פון בעטל, געקוקט דנעלען אין פנים און דייטלעך געזען, אַז ער האָט טאַקע הערשלס אויגן. עס איז איר גוט געווען נעבן אים און זי האָט נישט געוואָלט פאַרהערן קיין קלאַפּ פון זיין הערצל.

די מומע מלכה האָט פאַרוואָרפן די הענט אויף דער ברוסט. זי האָט פאַרביסן די ליפן און אין אירע איבערגעבראָכענע אויגן האָט זיך געזאַמלט אַ נייער חשד, אַז רחל זאָל דאָ האָבן געוואָלט מיט דנעלען טון דאָס אייגענע, וואָס מיטן לעצטן קינד. זי האָט אַ ווינק געטון צו נעכעלען, אַז עס איז איר עפּעס איינגעפאַלן. זאָל זי אַוועק אין אַ זייט, וועט זי איר זאָגן. נעכעלע האָט אָפּגעשאָקלט מיט די אַקסלען, — נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון הענעכן. זי האָט געזען, ווי הענעך הויבט די האַנט, האָט זי מורא געהאַט, אַז ער וויל רחלען אַ קלאַפּ געבן, האָט זי אים צוגעהאַלטן.

הענעך האָט זי אָפּגעשטופּט.

דער בלויער אָדער אויף רחלס נאַקן האָט צוגעצויגן זיין בליק. ער האָט געזען דעם ציק פון איר בלוט, האָט ער אַראָפּגעבידערט, כדי איר אַ קוש צו טון. עס איז אים אָבער אַ שאָד גע־

ווען זי צו וועקן, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך זיין קאַפּאָטע און רחלען אין איר איינגעהילט.

רחל האָט זיך איינגעקוקט. איר סאַמעט-שוואַרצע אויגן האָבן אַ פייערדיקן בלישטש געטון. די פונקען זענען אים אַריינגעפאַלן אין האַרץ. ער האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס. רחל האָט זיך געלאָזט נעמען און ער האָט שטיל געבעטן, זי זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אויף איין מינוט נאָר פאַרלוירן איר קלאַנג אין זיין האַרץ. ער איז נישט שולדיק — האָט ער מיט אַ געבעט-טאָן זיך פאַראַנטפערט — דער טויט האָט אויף מיר געלאָקערט, — איך האָב נישט געוואָלט!

רחל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. זי האָט אים געפרעגט, צי ער איז נישט אַמאָל נישט-געזונט און געבעטן מאַטעלע זאָל אים געבן דעם טערמאָמעטער אויף צו מעסטן זיך די היץ.

מאַטעלע האָט זיך אָנגעבויגן און איר געזאָגט אויפן אויער, אַז אויך איר ווילט זיך טיילמאָל רחל זאָל זי צערטלען, בפרט נאָך אַזאַ מאַנספּאַרשוין ווי הענעך וויל עס אודאי. רחל האָט געשמייכלט און געפרעגט, צי די מומעס זענען שוין אוועק.

מאַטעלע האָט געזאָגט אַ ליגן.

און ווידער איז דנעלען עפּעס געשען. מאַטעלע האָט פאַרשאַרצט זיינע הערעלעך פון שטערן צו זען, צי ער היצט נישט. זי האָט געטאַפּט זיינע בעקלעך, צי זיי פלאַמען נישט און געהאַלטן זיין הענטל אויף צו פּרוּוון דעם דופק. זיינע ליפּן האָבן געטרוקנט. הענעך איז נישט געגאַנגען אין טאַרטאַק. מאַטעלע האָט אַזוי געוואָלט. זי האָט אים געזאָגט, אויב ער זאָרגט פאַר רחלס געזונט, זאָל ער אַכטונג געבן, אַז רחל זאָל זיך אויסרוען און זי נעמט אויף זיך צו זיין ביים קינד.

ווען רחל האָט זיך געפרעגט אויף דנעלען, פאַרוואָס מען

הערט אים נישט, האָט העניעך איר איינגערעדט, אַז ווען זי איז געשלאָפן, האָט דנעלע אַרומגערודערט. ער האָט זיך פאַרמאַטערט, האָט ער אים געלייגט אין בעט אָפּרוען. אַזוי האָבן געגאָלטן די תירוצים עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

אין צווישנצייט איז דאָס שטוב-מיידל אַוועק. דער פאָטער האָט זי אַהיימגענומען מאַכן פאַר אַ כּלה. העניעך איז מיט איר אַוועקפאָרן געווען גאַנץ צופרידן. רחל וועט אים שוין נישט קאָנען אַוועקשיקן אין טאַרטאַק, האָט ער זיך געטראַכט און דער סוד מיט דנעלעס קרענק וועט ווידער קאָנען זיין פאַר איר באַהאַלטן. ער האָט פאַר איר געלייקנט, אַז ער עסט ווי שטענדיק און געבעטן זי זאָל רוען.

ווען רחל איז געשלאָפן האָט ער זיך געפּילט צום באַקוועמסטן. דעמאָלט האָט ער געקאָנט שמועסן מיט מאַטעלען, זיך עצהנען, וואָס צו טון פאַרן קינד. דער קליינער האָט געהוסט און מאַטעלע האָט אים אַריינגעקוקט אין העלדזל. העניעך האָט אים דערלאַנגט אַ טרונק. אים געגעבן איין לעפל נאָכן צווייטן, דער קליינער זאָל זיך באַרויקן און רחל זאָל נישט הערן ווי ער הוסט. טיילמאָל האָט דער טרונק נישט געהאָלפן, דנעלע האָט זיך פאַרכלישניעט און נאָך שטאַרקער געדעכעט.

זיי האָבן געזען, אַז דנעלע איז ערנסט קראַנק. ער שטיקט זיך. ער קאָן דעם לייכעץ נישט אויסשפּייען.

— רחל טאָר דאָס בשום אופן נישט וויסן — האָט העניעך געזאָגט צו מאַטעלען און זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו רופן אַ דאָקטאָר. ווען רחל וועט שלאָפן, וועלן זיי פאַרמאַכן די טיר און זי וועט דעם דאָקטאָרס קומען נישט הערן.

דנעלע האָט געלאָזט מיט זיך אַלץ מאַכן. ער האָט אַליין אַרויסגעשטעקט די צונג. די שטילקייט, וואָס העניעך מיט מאַטעלען האָבן געהאַלטן אין שפּאַן, האָט אויך דנעלע איינגעקלאַמערט און ער האָט מיט אַ פאַרשלאָסן מויל געהוסט. מיט אַ ווינק געבעטן אַ שלונג וואַסער.

ווי האָבן זיך אויסגעטייטשט, אַז דנעלע רעדט נישט, ווייל ער פאַרשטייט אַלץ און זיין קלוג מוחל קומט נאָך זייערע גע-

דאַנקען. אָבער [illegible] נישט-ריידן האָט נישט געטויגט. אין דעם טאָקע איז באַשטאַנען די קרענק. עס האָט אים אַזוי געשטאָכן אין העלדזל, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן.

מאַטעלע האָט ברענגענדיק די רעצעפּטן העניכן פאַרטרויט די אייגנשאַפט פון דער קרענק, ער זאָל וויסן ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַנוצן. העניך האָט פאַר רחלען אַלץ פאַרטושט, ער האָט אויף אירע פראַגן וועגן דנעלען כסדר געלייקנט.

דנעלע האָט ווייטער געהוסט. העניך האָט אָפּגעשטעלט געבן די רעצעפּט. עס מאַטערט אים נאָך מער — האָט ער געוויזן מאַטעלען — ער ווערט בלוי, ווי אַ מילץ.

מאַטעלע האָט זיך געקנייפּט אין די באַקן: — וואָס טוט איר! די רעצעפּט איז ספּעציעל צום צערייסן דעם הוסט, דאָס איז די גאַנצע היילונג, איר מוזט אים אויסלאַפּעסירן דאָס העלדזל, שפּריצן, אַז נישט... — האָט מאַטעלע אָן אָטעם גערעדט און נישט דערזאָגט.

רחל האָט געהערט זייער פאַרען-זיך. דנעלע קווענקלט-זיי בעטן אים, ער זאָל זיך לאָזן אַריינשפּריצן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דנעלען איז עפּעס. אָבער זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז העניך זאָל זי אַזוי נאַרן.

זי האָט אָבער דאָך געהערט, ווי דנעלע אַמפּערט זיך, איז עס איר אויסגעקומען פאַרדעכטיק און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

העניך האָט געהאַלטן אַ שפּריצקע אין אַ גלאָז וואַסער געמישט מיט יאָדין. ער האָט אַריינגעצויגן דאָס וואַסער און אַרויסגעדריקט. רחל האָט געהערט דאָס סיקען פון דער שפּריצקע, האָט זי אויפגעריסן די טיר.

העניך האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט אים אָפּגעשטופּט און איז צו צו דנעלען. זי האָט אים אויסגעקושט יעדעס ווינקל פונם פּנימל און מאַטעלען נישט צוגעלאָזט אויסצושפּריצן זיין העלדזל. זי האָט געשריגן, געקאָפּעט און גע-

רעדט צו דנעלען: — וואָס, וואָס האָבן זיי דיר געטון, זיי האָבן דיך געשלאָגן, ווייז, ווייז וווּ, ווו טוט דיר וויי?

דנעלע האָט אָנגעוויזן אויפן העלדזל.

— אַזוי דאָ, דאָ טוט דיר וויי, מיין ליכטיק מזל. — זי האָט אים געקושט איין מאָל און נאָך אַמאָל.

— רחל, ביסט אַליין אויך נישט געזונט, לאָז, מאַטעלע וועט עס גוט מאַכן.

— איך בין שוין געזונט. דו האָסט מיך גענאַרט. גענוג, איך דאַרף נישט קיינעם. איך האָב געפילט, אַז עס איז עפּעס. האָסט משלח געווען דאָס מיידל, וואָס האָסטו געוואָלט טון? האָסט זיך פאַרנומען אויף מיינע יינגע יאָר?

— רוף דעם דאָקטאָר! — האָט רחל מיט אַ קרענקענדיק קול געבעטן.

מאַטעלע האָט זיך געגרייט צו גיין.

— ניין! — האָט רחל מיט אַ דראָענדער שטים געשריגן צו הענעכן — דו, דו אַליין זאָלסט גיין!

ווען מאַטעלע איז אַוועק, האָט רחל זיך גענומען שלאָגן מיטן קאָפּ אָן וואַנט. הענעך האָט אונטערגעשטעלט זיינע הענט, ס'זאָל איר נישט וויי טון.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער נאָך אַמאָל באַשטעטיקט די קרענק — „דיפטעריט" און ער האָט באַפוילן דנעלען צו נעמען אין שפּיטאָל.

רחל האָט געשריגן, אַז זי וועט נישט לאָזן. פריער וועט זי זיך דאָ אַ טויטע לאָזן און דנעלען אין שפּיטאָל נישט געבן.

הענעך האָט זי באַשאָטן מיט פאַטערלעכע קושן. ער האָט איר צוגעזאָגט מיטצוגיין מיט דנעלען אין שפּיטאָל און דאָרט נעכטיקן.

פאַרן שפּיטאָל האָט רחל אַרומגעכאַפּט הענעכן, ער זאָל זי לאָזן מיט דנעלען. זי וויל זיין מיטן קינד.

הענעך האָט איר אויסגעווישט די טרערן. זי האָט אים

אונטערגעשטעלט דעם שטערן אויף אַ קוש צו טון און הענעך האָט איינגעשטימט, זי זאָל בלייבן אויף זיין אָרט.

אין מיטן ווייס-געמאָלטן זאַל איז געשטאַנען אַ טיש, ווי אַ טהרה-ברעט. ער איז געווען פאַרצויגן מיט אַ בלאַנקענדיק ווייס ליילעך. נעבן טיש זענען געשטאַנען צוויי ווייסע בענקלעך. ווייטער איז געשטאַנען אַ טישל מיט ווייסער מאַרמור-דעק און אַ שויבן-שענקל, אויסגעלייגט אינעווייניק מיט ניקלנע מכשירים: צווענגלעך, שערלעך, שפּריצערס. דערנעבן איז געשטאַנען אַ קליין שענקל מיט גאַזע און וואַטע. די שויבן פון אויפנאַם-צימער זענען אין דער העלפט געווען געמאָלט מיט אַ מאַטער מילך-קאָליר. די באַרמהאַרציקע שוועסטער, וועלכע האָט אויפגענומען רחלען מיט דנעלען, איז אויך געווען אָנגעטון אין ווייסן. פון קאָפּ-טשיפּעק ביז צו די שפּיצן שיך איז אַלץ געווען ווייס, אַחוץ דאָס קליינע פּנים און די פּאָר דראָבנע פינגערלעך, וואָס האָבן געוויזן ראָזאָווע לעבעדיקע פלעקן. ווען נישט דאָס, וואָלט רחל געמיינט, אַז עס דרייט זיך אַרום איר אַ געשפּענסט.

דער גלאָק אין קאַפּליצע האָט אַ קורצע ווײַלע מאָנאָטאָן געקלונגען און פון אַ דערנעבנדיק צימער האָבן צוויי מענטשן אונטער אַ שוואַרצער טוך אַרויסגעטראָגן אַ מת אין קיל-שטיבל אַריין.

אין אַ צווייט חדר האָבן זיך דורך די קלאָרע ווענט דורכגעריסן היסטערישע געלעכטערן, שפּריגערייען. דאָס איז געווען די משוגעים-אָפּטיילונג.

זי איז געשטאַנען, ווי אויפן עולם-התוהו און מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. זי האָט מיטן בליק נאָכגעפאָלגט די טריט פון דער שוועסטער. אין אירע באַוועגונגען האָט זי געזען, אַז זי איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלוירן.

דנעלע האָט געקוקט צו דער טיר פון דער משוגעים-אָפּ-

טיילונג. דאָס געשריי, דאָס דאָרטיקע אַרומבריען האָט אים געצויגן אַהין. ווען די טיר האָט זיך געעפנט און דער דאָקטאָר איז אַרויס פון צימער, האָט דנעלע געזען, ווי אַ מענטש אין אַ לאַנג העמד איז צוגעבונדן צום בעט און מאַכט מיט זיין צונג משונהדיקע העויות. דנעלען איז עס געפעלן און ער האָט רחלען געצויגן צו דער טיר. זי האָט זיך אומגעקוקט. דערזעענדיק דעם משוגע־נעם, האָט זי מורא געקריגן און איז אָפּגעטרעטן אין אַ זייט. דנעלע אָבער האָט ווידער געצויגן אַהין. ער האָט נישט מורא געהאַט. ער האָט געוווסט, אַז ער איז ביי דער מאַמען אויף דער האַנט און זי וועט נישט לאָזן אים קיין שלעכטס טון.

רחל האָט אים געלאָזט קוקן. זי האָט געוווסט, אַז זיין בליק איז פאַרטעמפּט, פאַרנעפּלט דורך דער היץ. ער וועט זיך נישט איבערשרעקן — האָט זי זיך געטראַכט און אויב דאָס ווילט אים, וועט דאָס אפשר אויף אים ווירקן, ער זאָל ענדערן דעם גרימאַס אויף זיין פּנימל. עס האָט זי געוווּנדערט, וואָס עס האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געענדערט זיין שטימונג. זי איז אין שפּיטאָל, די ווייסקייט האָט שוין אויך געדאַרפן ברענגען אַ פאַרבעסערונג אין זיין געזונט. און הגם די שפּיטאָל־שטימונג האָט אויף איר שלעכט געווירקט, האָט זי דאָך פאַרשטאַנען דעם היפוך, אַז דערפאַר שיקט מען אין שפּיטאָל קראַנקע...

ווען עס איז געקומען דער דאָקטאָר און געהייסן דנעלען אַרויפלייגן אויפן טיש, האָט זי אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן פון דער האַנט. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט איר געריסן. ז' האָט דנעלען געהאַלטן ביי די פיסלעך און דער דאָקטאָר ביי דעם אַנדערן העלפט קערפּער. עס האָט זי געשראָקן דאָס שפּיזל, וואָס דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אַריינשטעקן דנעלען אין פליייש. זי האָט אים בשום אופן נישט געלאָזט לייגן אויפן טיש. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויפן טיש לייגט מען געפערלעך־קראַנקע. זי האָט נישט געוואָלט, דנעלע זאָל זיין געפערלעך.

ביים אַריינטראָגן אים אין אָפּטיילונג פאַר איזאָלירט־שלאָפע, האָט רחל נישט געוואָלט נאָכגיין. זי האָט זיך דערמאָנט אַז אַ טויטן גייט מען נאָך. זי איז געגאַנגען פאָרויס און פאַרגעסן

זיך איינצוהערן אין די טריט פון די שפּיטאָל-דינער. זיי האָבן אין מיטן וועג זיך פּאַרקערעוועט אויף לינקס און דנעלען אַריינ-געפירט אין אַ באַזונדער צימער. רחל האָט געמוזט צוריק לויפן אַ שטיק וועג און פּאָר שרעק איז איר אַזש דאָס האַרץ אַנטפאַלן.

דאָס איז נישט געווען קיין אָפּטיילונג פון אַ געוויסן מין קראַנקע, נאָר אַ באַזונדער צימער, אינגאַנצן איזאָלירט. דאָס האָט רחלען נאָך מער געשראָקן און דענערווירט. זי האָט זיך דאָס אויסגעטייטש, אַז צו דעם צימער קומט דער דאָקטאָר צום סאַמע סוף פאַרן אַוועקגיין. — משמעות, אַז מען האַלט שוין נישט פון אים...

זי האָט איבערגעריסן אין מיטן געדאַנק און געוואָלט כאָטש מיט געוואַלט זיך איינהילן אין האָפענונג. זי האָט זיך אויסגעטייטשט, אַז דער דאָקטאָר קומט אָן אין שפּיטאָל פון דער צווייטער זייט. פון דער ריי הויבט ער אָן וויזיטירן און דנעלעס צימער איז אין דער ערשטער ריי. זי איז צוגעגאַנגען צו זיין בעטל און אַרונטערגעשטופּט זיין אָפּגעדעקט הענטל אונטער דער קאָלדרע.

דנעלע האָט געשמייכלט. ער האָט געקוקט מיט דערמונ-טערטע אָפענע אייגעלעך. זיין פּנימל — האָט זיך איר אויס-געוויזן — איז ליכטיקער געוואָרן; די איינשפּריצונג האָט אים אויפגעהייטערט. ער האָט זיך געוואָלט זעצן. רחל האָט אים צוריקגעלייגט. די אויגן האָבן איר געטרערט, ווייל די פּלוצים-דיקע גוטע ענדערונג האָט איר אויסגעזען פאַרדעכטיק. — פאַרן טאָגן, ווערט גוט פינצטער — האָט זי זיך ווידער דערמאָנט און ביי קראַנקע, אַז עס ווערט פּלוצים ליכטיק, איז עס נישט קיין גוטער סימן.

עס איז געווען אַ קליינער ווינטער-טאָג. די נאַכט איז צוגעפאַלן. די שוועסטער איז אַריינגעקומען און אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל מאָנטנע וואַסער, איינצוגעבן דנעלען יעדע צוויי שעה אַ קאַווע לעפעלע.

רחל האָט זי געפרעגט, וואָס זי זאָגט וועגן קינד, צי זעט מען אין אים אַ בעסערונג?

— דער דאָקטאָר קומט יעדן טאָג אין שפּיטאָל און גאָט וואַכט איבער אונז — האָט זי מיט אַ דין קול געענטפערט. זי האָט אויפגעהויבן די בלויע אויגן, וועלכע האָבן מיט מילדער זאַפטיקייט געשמאָלצן רחלס אויפגערעגטקייט.

— דאַכט זיך אייך, באַרמהערציקע שוועסטער, אַז ער וועט אַרויס פון דער קרענק?

— אונזער דאָקטאָר האָט אַ רום — האָט זי געענטפערט און מיט פלאַטערנדיקער אונטערטעניקייט אַוועקגעצויגן דאָס קלייד פון די שפּיצן שיך און זיך אַוועקגעדרייט אין לאַנגן קאָרידאָר.

רחל האָט זיך געפילט פאַרלוירן. דאָס לאַנגע צימער און די הויכקייט פון סופיט האָט זי געשראָקן מיט מהלך. זי האָט זיך געוואָלט איינפּאַסן אין אַ ווינקל, אַלץ זאָל איר זיין אייגן, צוזאַמענגעפּרעסט, זי זאָל זיך הערן שרייען אין איר ווייטיק. אין דער הויכקייט פון צימער איז עס אויסגעקומען צעפלאָסן, לאַבירינטיש. זי וואָלט ליבערשט פאַרנומען, ווען זי זאָל איר פאָרשטעלן די גרויזאַמסטע געפאַר, איידער דאָס צווייפלהאַפטע אָנדייטן אויף עפּעס, וואָס קאָן זי באַין אופן נישט אונטערהעצן און נישט באַרויקן. זי האָט אויך נישט געזען דעם מינדעסטן שאָטן פון האָפענונג, אַז מיט איר מי וועט זי דאָך ברענגען די ישועה פאַר איר קינד.

זי איז בייז געווען אויף זיך אַליין, וואָס זי האָט זיך דע-מאָלט הערשלען אָנגעוואָרפן. זי האָט זיך עס פאַרגעוואָרפן, — איצט לאַכט ער פון מיר. דאָס איינציקע געווער אויף אָפּצוזוג-מען זיך פאַר איר פּיין איז געווען דנעלען צו ערציען! איצט איז עס אויך צווייפלהאַפט. עס איז איר אַ שאָד געווען די שעה, וואָס זי לאָזט נאָך קלאַפּן איר האַרץ. זי האט שוין נישט געגלויבט, אַז דנעלע וועט געזונט ווערן. זי האט אים געגעבן די רעצעפּט נישט מער, ווי אַלס צוגעשריבענעם חוב. און פונ-דעסטוועגן האַט זי ביים איינגעבן אים געוווּנטשן צו רפואה. זי האָט נישט געגלויבט אין אירע רייד און אויב זי האָט עס

נישט אויסגעמיטן, איז נאָר דערפּאַר, וואָס זי האָט זיין בעזונט נישט געוואָלט מאַכן דערפון אָפּהענגיק, כדי אַז שפּעטער, ווי עס זאָל חלילה נישט געשען, זאָל זי נישט האָבן קיין געוויסנס-ביסן און דעם „אפשר", אַז דער ווונטש וועט דאָך מקוים ווערן, נישט געוואָלט שפּאָרן.

הענעך האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. צוליב די טאָפּל-טע שויבן האָט איינער דעם צווייטנס רייד נישט געקאָנט הערן און זיי האָבן געמוזט ריידן אויף מימיק. ער האָט געוואָלט, זי זאָל אַהיימגיין אָדער זיך בייטן מיט אים: ער וועט וואַכן בא-נאַכט און זי בייטאָג. רחל האָט אויף אַלעם געענטפערט ניין און ניין! זי וועט אָן דנעלען פון דאַנען נישט אַרויס.

ס'איז געפאַלן אַ געדיכטער נאַסער שניי. הענעכן האָט מען צווישן די ווייסע פליטערלעך נישט אַרויסגעזען און רחל האָט אויפגעהערט צו ענטפערן אויף זיינע באַוועגונגען. ווען עס האָט אויפגעהערט צו שנייען, האָט ער זיך ווידער באַוויזן און זיך געזעקשנט,—אויב זי וועט נישט אַהיימגיין, וועט ער אַ גאַנ-צע נאַכט שטיין בלייבן אונטערן פענצטער.

די שפּיטאָל-ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן. די פאָרשריפטן פון דער פאַרוואַלטונג האָבן געלויטעט, אַז ווי נאָר עס ווערט פינצטער מוזן אַלע קראַנקע שלאָפן. רחל איז אַוועק פון פענצ-טער און זיך צוגעזעצט צו דנעלען, ער זאָל זיך נישט שרעקן.

די נאַכט איז דנעלע נישט רויק געשלאָפן. ער האָט שווער געעטעמט. עס איז אים ווייניק געווען דער אָטעם דורך דער נאָז, האָט ער אויך אָפן געהאַלטן דאָס מיילעכל און גע-קלאַפּט מיטן צינגל, ווייל די היץ האָט געטרוקנט זיין שפּייעכץ.

אין צימער איז געווען שטאָק פינצטער. רחל האָט נישט געזען אירע אייגענע פינגער. די נאַכט, האָט זיך איר געוּוּכט, איז אַזוי לאַנג, ווי דער סוף פון ים. זי האָט דנעלען געוואָלט געבן אַ טרונק, האָט זי פאַרגעסן וווּ זי האָט געשטעלט דאָס קריגל און האָט געבלאָנדזשעט מיט די הענט, ווי אַ בלינדע ווּכט אַ וואַנט.

צומאָרגנס האָט הענעך געבראַכט פאַר איר אַ קישן. רחל

האָט עס נישט געוואָלט נעמען. עס האָט זי פאַרדראָסן, וואָס ער טראַכט נאָר וועגן איר און האַלט זיך נישט, ווי ער וואָלט זיין דנעלעס טאַטע. זי האָט אים געהייסן ברענגען אַ ליכט מיט שוועבעלעך, זי זאָל ביינאַכט זען, ווו עפּעס שטייט. און הענעך האָט געבּרענגט די באַטעריע, מיט וועלכער ער פלעגט חתנווייז רחלען צוּלויכטן איבער זייערע טרעפּ.

די באַטעריע איז געוואָרן דנעלעס אַ שפּילעכל. ער האָט ליב געהאַט אָנצוצינדן זי און אויסלעשן. דערמיט האָט רחל ביי אים געפּועלט, ער זאָל אָפּגעבן דאָס לייכעץ. ווען די באַ-טעריע האָט געברענט האָט ער געטרונקען, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט. אַמאָל האָט זי געמוזט לאָזן אויסברענען אַ גאַנצע באַטעריע, אַבי ער זאָל אויסטרונקען. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען אים אַריינקוקן אין העלדזל, האָט רחל אויך געמוזט אָנצינדן די באַטעריע און אים צוזאָגן, אַז דער דאָקטאָר וועט אים ברענגען אַ גרעסערע מיט פאַרשידענע קאָלירטע פייערן. נאָך דער הבטחה האָט ער אַליין געעפנט דאָס מויל און אַרויס-געשטעקט די צונג.

שפּעטער האָט ער ביים לאַפּעסירן דעם האַלדז אַליין גע-ריסן דעם פּענדזל פון דער באַרמהאַרציקער שוועסטערס האַנט און נאָכן אויספּענדזלעווען האָט ער אַליין אויסגעלאָשן די באַ-טעריע.

דער דאָקטאָר האָט אים געקניפּט אין בעקל, אַז ער איז אַ בראַווער ייִנג און ער וועט שוין זיין געזונט.

און ווירקלעך איז דנעלען פיל בעסער געוואָרן. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיינע אייגענע הענטלעך. ער האָט געמאָסטן זיין נעזל קעגן דער מאַמעס און זיך געפרעגט, וועמענס עס איז גרעסער. ער האָט, קריגנדיק אַ טרונק, נישט געוואָלט אָפּ-לאָזן דאָס טעפּל, נאָר זי זאָל אים אַריינגיסן נאָך.

רחל האָט באַקוקט דנעלעס טעמפּעראַטור-קאַרטע און וואָס נידעריקער זי האָט געשפּאַנט מיטן אויג, אַלץ קלענער איז גע-וואָרן דער ציפער. ווייטער און ווייטער האָט זיך דער ציפער אַלץ אינאיינעם איבערגעחזרט. זי האָט לייכט אָפּגעעטעמט. נאָך

דער גאַנצער צייט פון זיין קרענק, האָט זי איצט דאָס ערשטע מאָל זיך פאַרנומען די האָר צום איינפלעכטן די צעפּ און זיך געשטעלט ביים פענצטער. אויף דער אַנטקעגנדיקער מויער פון דער שטאָטישער שולע איז געהאָנגען אַ גרינער פּלאַקאַט מיט רויטן דרוק. זי האָט פון אַזוי ווייט נישט געקאָנט איבערלייענען, וואָס דאָרט שטייט, נאָר זי האָט געדענקט, אַז אַלע ווינטער, נאָכן האַלבן שול-יאָר, אָרדענען די לערער איין אַ פאָרשטעלונג און הענגען אויס אַזעלכע אַפישן. לויט דעם האָט זי באַרעכנט די צייט, ווי לאַנג דנעלע איז אין שפּיטאָל. זי האָט געציילט אויף די פינגער און זיך נישט געקאָנט צוגלויבן, אַז עס זענען שוין אַריבער אַזוי פיל וואָכן. זי האָט געפרעגט דנעלען, צי ער וויל אַהיים. ׳אפשר נישט, — וועט זי אים אַהערברענגען אַלע שפּילעכלעך. ער האָט דאָ אַ ברייט אָרט און ער וועט קאָנען רייטן אויף זיין פערדל. דנעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אסתרל איז נאָך קליין, זי קאָן אַהער נישט קומען — האָט ער ערנסט געענטפערט און אָנגעבלאָזן זיך די בעקלעך.

פון טאָג צו טאָג איז דנעלע געוואָרן קרעפּטיקער. רחל האָט צונויפגענומען די פלעשלעך, די פּראָשקעס. זי איז זיכער געווען, אַז אָט-אָט שרייבט מען אים אויס.

צוויי באַרמהאַרציקע שוועסטער זענען אַריינגעקומען. זיי האָבן אויך צונויפגענומען די רעצעפּטן. רחל האָט זיי אָנגעקוקט און זיך אָנגעשטרענגט מיטן געהער, זיי זאָלן שוין אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, אַז זי קאָן אַהיימגיין. די שוועסטערן האָבן נישט גערעדט. זיי האָבן רחלען געוויזן, זי זאָל זיך אָפּרוקן אין אַ זייט און דנעלען האָבן זיי אַריינגעטראָגן אין אַ צווייטער אָפּטיילונג. רחל האָט געמיינט, אַז מען נעמט אים איבערטון און וואַרטנדיק זיי זאָלן אים צוריק ברענגען, האָט זי זיך דערווייל פאַרפּאַקט איר קישן.

איין שוועסטער איז צוריקגעקומען און אַראָפּגענומען דאָס ברעטל פון בעט. מער האָט רחל נישט געזען.

זי האָט אויפגעוואַרט עטלעכע רגעס און זי איז אַריין אין אויפנאַם-זאַל, זיך פרעגן אויפן קינד.

— אין סאַלע נומער 9 — האָט איר די צווייטע שוועסטער מיט קוים-באַוועגנדיקע ליפּן דערקלערט.

רחל איז שטיין געבליבן אומאָריענטירט.

— איר וועט קאָנען אויף ווייטער מיט אים בלייבן.

רחל האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, ווי מען וואָלט זי אומשולדיק פאַרמשפּט.

די שוועסטער האָט באַמערקט, אַז עס האָט אויף רחלען שלעכט געווירקט, האָט זי עס איר דערקלערט.

— דער צושטאַנד איז באַדייטנד בעסער, ער דאַרף נישט קיין באַזונדער צימער, דערפאַר האָט מען אים איבערגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער סאַלע.

רחל איז ווידער געבליבן אין דער אייגענער פּויזע. דאָס פּעקל איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. די שוועסטער האָט געמיינט, אַז זי ווייסט נישט ווו און וואָרט, זי זאָל איר אָנווייזן די סאַלע, האָט זי גענומען דאָס פּעקל און זי גערופן מיטגיין.

רחל האָט מיט שלעפּעדיקע טריט, געריבן די פיס אויפן אויסגעלייגטן דיוואַן און מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם וואַקלדיקן קאָפּ, זיך נאָכגעשלעפּט דער באַרמהאַרציקער שוועסטערס טריט.

זי איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר פול מיט צימערן פון ביידע זייטן. ביי יעדער טיר האָט זי געהערט אַ קרעכץ, אַן אוי. זי האָט געצאַפּלט, ווי מען וואָלט מיט אַ פעדער זי געריצט אין חוט-השדרה.

אין גאַנג האָט זי נישט באַמערקט, ווו די באַרמהאַרציקע שוועסטער שטעלט זיך אָפּ. ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט זי געזען, אַז די שוועסטער ווייזט איר מיטן ווייז-פינגער אויף דנעלעס בעטל.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט די פויסטן פאַרשפּאַרט צווישן די קניען און דורכן גאָרגל געשלונגען די טרערן.

אין סאַלאָן זענען געשטאַנען פיר בעטן. דנעלעס איז גע־שטאַנען נעבן פענצטער, אַנטקעגן, פון דער צווייטער זייט וואַנט, איז געלעגן אַ קריסטין, וועלכע האָט געהאַלטן אין איין שפייען. זי האָט געזאָגט אַ וואָרט און אָפּגעשפּיגען; זי האָט געזאָגט אַ לענגערע זילבע און אָפּגעשפּיגן. דאָס שפייעכץ איז איר נאָכגע־האָנגען אויף די ליפּן, ווי אַ פּאָדעם שפּינוועבס. זי האָט עס גאָרנישט געקאָנט אָפּטשעפּען. וויפל מאָל זי האָט עס איבערגע־ריסן, איז עס דאָך ווייטער געבליבן הענגען. זי האָט נישט גע־קאָנט ציען דעם אָטעם, האָט זי געבלאָזן מיטן מויל און נאָך יעדן בלאָז, האָט זי אַ כאָרכל געטון און נאָך יעדן כאָרכל — אַ שפּיי. רחלען האָט קוקנדיק אויף דעם געעקלט. זי האָט געוואָלט פאַרשטעלן, דנעלע זאָל עס נישט זען. איז אָבער נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטעלן, ווייל די קריסטין האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו שפּייען.

אין דריטן בעט איז געלעגן אַ פּאָקן־קראַנקע. זי האָט גערעדט, געזידלט, געלאַכט, געוויינט, געפייפט און אויף וועמען זי האָט געקוקט, האָט זי געשפּאָט מיט אויסגעלאַסענע ווערטער.

פאַר רחלען האָט זי יעדער אבר אירס צוגעגליכן צו כלים. זי האָט איר געמאָלט, ווי זי זעט אויס נאַקעט. זי האָט אויסגערעכנט די געדערעם פון איר בויך און צו יעדן צוגעגעבן אַ ריח, אַ קאָליר. עס האָט רחלען גענודעט צום ברעכן, האָט זי געשפּיגן. די קריסטין איז נישט אָפּגעשטאַנען און ווייטער געפּלאַפּלט. רחל האָט נישט אויפגעהערט צו שפּייען. זי האָט געפילט עפּעס אַ מידיקייט, אַ צערייצטקייט אויף דער צונג. עס איז איר ביטער געוואָרן אין מויל, האָט זי געמיינט, אַז זי האָט זיך שוין אָנגעשטעקט מיט דער קרענק פון דער שכנה.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען צו דנעלען, האָט אים רחל געוואָלט פרעגן וועגן זיך אַליין. זי האָט אָבער מורא גע־האַט, טאָמער געפינט ער איין, אַז זי איז באמת קראַנק, וועט ער זי איבערשיקן אין אַן אַנדערער סאַלע און זי וועט זיך אַליין אָוועקרייסן פון דנעלען.

אָ ניין, ניין! — האָט זי אין זיך עקשנותדיק באַשלאָסן. זי איז זיכער געווען, אַז דנעלען וועט מען באַלד אויסשרייבן און אין דער היים וועט זי טון מיט זיך וואָס זי וועט וועלן.

זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פוס. דער קאָפּ איז איר שווער געווען, ווי זי וואָלט אַ משא אויף אים טראָגן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען די רייד פון דער פּאַקן־קראַנקער. עס האָט זי שוין נישט געדעגט דער שכנטעס שפּייען. און וועלנדיק פאַר דנעלען נעמען אַ טרונק, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי דאַרף אַריינגיסן טיי. זי האָט נישט געזען, אַז זי דערלאַנגט אים אַ ליידיק טעפּל. האָט זי זיך שוין געכאַפּט אַריינצוגיסן טיי, האָט זי לאַנג געזוכט צווישן די מעדעצינען און נישט געקאָנט אונטערשיידן קיין קאָליר.

דנעלע האָט זיך מיט איר געשפּילט. ער האָט זי איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און זי אַרומגעזוכט. זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט אַפילו קיין כח נישט געהאַט זיך אָפּצודעקן אין איז געלעגן, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

דנעלע האָט פון דאָקטאָר געקריגן אַ קוש אין שטערן; דער דאָקטאָר האָט אויך עפּעס אין רחלס קעגנוואַרט געשריבן, רחל האָט אינסטינקטיוו אויסגעצויגן די האַנט. זי האָט געפילט, אַז ער שרייבט אים אויס. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען די פאָרמעלע ערליידיקונג. ער האָט נאָר בלויז געשריבן, ווי לאַנג זי מוז אים נאָך האַלטן אין שטוב און מיט וואָס זי דאַרף אים דערנערן. רחל האָט דאָס געשריבענע נישט געלייענט. זי האָט גענומען דנעלען און געוואָלט מיט אים גיין. אָבער באַלד אים אָפּגעלאָזט און אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. זי האָט אַ געשריי געטון.

אין אויגנבליק איז אַריינגעקומען דער פעלדשער. ער האָט פאַרשאַרצט זיין בלאַנדן לאָק, וואָס איז אים געלעגן אויפן שטערן, דערגרייכנדיק ביזן אויג און רחלען גענומען אין אויפנאַם־זאַל.

רחל האָט נישט געלאָזט אַראָפּציען פון זיך די בלוזקע, האָט די שוועסטער מיט אַ שער איבערגעשניטן די אָרעמלעך.

דאָס העמד איז איר אַראָפּגעפאַלן ביז דער טאַלע און דער דאָקטאָר דערזעענדיק איר נאַקעט לייב איז אָפּגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. רחלס לייב איז געווען געשפּרינקלט מיט רויטע פלעקן. ער האָט זיך נישט געוואָלט צו איר צורירן, נאָר פונדערווייטנס שטויענדיק באַוויגן מיטן קאָפּ. אויף די באַקן האָט זיך אים שנעל געוואָרפן אַ נערוו.

— אָפּלאָזן! — האָט ער האַסטיק באַפוילן דעם פעלדשער.

און אין אַ רגע אַרום איז רחל געלעגן אין בעט מיט אַ פענכער אייז אויפן קאָפּ. זי האָט געצויגן מיטן אָטעם, ווי עס וואָלט אין צימער געזאָדן אַ טשייניק וואַסער אויף אַ גליענדיקער קיך.

זי האָט גערעדט פון היץ.

— פאַרמאָגט אַ מענטש אין זיך ליבע? יאָ, אַמאָל נאָר יאָ! אין שורש איז דער כח פון ליבע ביי אַלע צעוואַקסן, דאָך זענען מענטשן פול מיט אָפּשוי איינער צום צווייטן. עס זעט זיך אויס ווי איין מחנה און פונדעסטוועגן איז דאָ איינער, וואָס רעדט הויך, כדי מען זאָל אים הערן בעסער פון אַ צווייטן, אַן אַנדערער טראָגט אַ רויט בלימל אין לאַץ, ער זאָל אַרויסבלאַנקען פון דער מענטשישער מאַסע, אַ דריטער קלינגט מיט די פּאָר שפּאָרן אויף די שטיוול, מען זאָל אים מאַכן אַ וואַרע, אַ פערטער דרייט זיך מיט אַ טאַץ זיסוואַרג און גיט יעדן אַ שטיקל שאָקאָלאַד, ווייל עס איז אַלעמענס שמחה, אויף דער אייגענער טאַץ זענען פאַרהאַן זיסוואַרג פון פאַרשידענע טעמים — איינס פאַר אַלע איז נישטאָ. נאָר דער טויט. עס איז דאָס לעצטע. דאָס נאַרישסטע. אָבער אָן קנאה...

* * *

זינט רחל איז אַריינגענומען געוואָרן אין קראַנקען־בעט, האָט דנעלע אויף אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט די פראַגע, ווו די

מאַמע, ווו די מאַמע? ער האָט פון זיך אַראָפּגעשליידערט די דעק מיטן קישן. ער האָט זיך געקאָלערט אויפן בעט און גע־וויינט. אַזוי שטאַרק געוויינט, אַז ער האָט אַזש צוויי מאָל גע־בראָכן. אין דעם מאָמענט וואָלט ביי אים אַ נאָנטער האַנט־גלעט געפועלט, ער זאָל זיך נישט אָפּשרעקן, ווען עס זאָלן אַפּילו פונקען שפּריצן פאַר זיינע אויגן. די באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט זיך טאַקע שטאַרק באַמיט דנעלען איינצונעמען. זי איז געבן אים געזעסן לענגער ווי אַלעמאָל. זי האָט אים אָבער נישט געענטפערט מיט קיין מוטערשער ליבע, האָט ער זי געקאָפּעט און זי צו זיך נישט צוגעלאָזט.

דנעלע האָט געוויינט. די אייגעלעך האָבן אים געברענט פון רויטקייט, די כּחות אויסגענוצט,—איז ער סוף־כּל־סוף געבליבן זיצן אָן באַוועגונג. פון צייט צו צייט האָט ער אָפּגעזיפצט. זיין צי מיטן אָטעם איז אויך געווען אַ זיפץ.

נאָך אַ לענגערער פּויזע, האָט ער ווידער דערפילט די פּוסטקייט אַרום זיך, ווי אַלץ איז צו אים שטום און פרעמד. האָט ער ווידער אָנגעבלאָזן די בעקלעך און גרייט געהאַט אַ טרערן־זמר.

צו דער קראַנקער קריסטין זענען געקומען קרובים. זיי האָבן פאַר איר געבראַכט נאַשערייען און וועלנדיק דנעלען איינצונעמען, האָבן זיי אים אַלץ אַוועקגעגעבן. דנעלע האָט עס אָפּגעשטופּט און זיך נאָך מער צעהעשעט.

איינע פון די קרובים איז געפאַלן אויף אַן אויפטו. זי האָט זיך געמאַכט אַרויסגיין און צוריקקומענדיק איז זי נישט צוגעגאַנגען צו איר קרובה, נאָר צו דנעלען און אים איבער־געגעבן פּאָמעראַנצן מיט אַ ידיעה, אַז די מאַמע האָט אים דאָס געשיקט און זי וועט באַלד קומען. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרויקט, צוגענומען די פּאָמעראַנצן און מיט זיי זיך געשפּילט, ווי מיט אַ באַלעם. אין מיטן שפּיל, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער מאַמען און האָט אויסגעהויכט אַ ל אַ נ ג ן זיפץ.

פאַרנאַכט אין האַלבּ ניסן. די פריש־אונטערגייענדיקע זון האָט מיט געלער שיין אָנגעשפּאַרט אין די ווייס־געקאַלכטע שפּי־טאָל־ווענט און אָפּגעשלאָגן מיט אַ קאָליר, ווי פון נאַר־וואָס אָפּ־געשיילטע וועלטשענע ניס. עס האָט געגרינט אויף די בוימער און די ערד אין שפּיטאָל־גערטנדל איז באַצויגן געוואָרן מיט גרין־גראָזיקע פעדעם. די שטאָטישע יוגנט האָט אַלץ מער און מער זיך באַוויזן אויפן שפּאַציר. זיי זענען געגאַנגען, ווי אויס־מוּשטירטע זעלנער רייענווייז צו צוויי, איינע נאָך דער צוויי־טער, שטראָמענדיק אין איין ריכטונג, ווי עס וואָלט געווען אַ צייט פון עולי־הרגל־זיין. זיי זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט. די הינטערשטע ריי האָט מכבד געווען מיט שאָקאָלאַד דער פאָ־דערשטער, מיט געשרייען און געפּילדערייען, אַז איינער האָט נישט געהערט, וואָס דער צווייטער רעדט.

הינטער דער ראָגאַטקע האָבן זיך פאַרלעך צעזונגען. אַנ־דערע האָבן נאָכגעשפּעט דעם צירק־קאָמיקער, וועלכער איז לעצטנס געווען אויף גאַסטראָלן. דאָס ווידערקול האָט זיך צע־טראָגן איבערן גאַנצן שטעטל.

הענעך האָט זיך געדרייט ביי די שפּיטאָל־ווענט. ביים פענצטער, ווו ער פּ.עגט יעדן אָוונט ריידן מיט רחלען, האָט ער זי דאָסמאָל נישט געטראָפן. ער האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף אַן אַנדערן פאַראַפּעט און געזוכט רחלען. קיינער האָט זיך צו אים נישט געוויזן, האָט ער זיך געזעצט אויפן בריקל פאַר דער שפּיטאָל־טיר. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן, האָט ער אים גענומען אין די הענט און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס האָט געקאָנט געשען. מיט רחלען — איז ער געווען זיכער — איז גאָרנישט פאָרגעקומען עס זאָל אים קאָנען באַאומרויקן. עס קאָן אפשר מעגלעך זיין, אַז אין דנעלעס געזונט האָט זיך עפּעס געענדערט. עס איז אים אָבער נישט קלאָר געווען די פּלוצים־דיקע ענדערונג. ער האָט געוווּסט, אַז נעכטן איז אים שוין פיל בעסער געווען און ער האָט מיט פאַרדאַכט געקלערט, פאַרוואָס איז דנעלען מיטאַמאָל בעסער געוואָרן? — זאָל דאָס זיין, אַז ס׳איז ליכטיק געוואָרן פאַר דער טיפער פינצטערניש און דערפאַר זעט

מען אים איצט שוין אינגאַנצן נישט? ער האָט שטיל אין זיך גע-
וויינט: — מיט דנעלען האָט ער נאָך ביי רחלען געהאַט אַ ווערט
און וואָס וועט זיין אָן אים?

ער האָט זיך דערמונטערט און געפּרוּווט קלערן אַנדערש —
אפשר האָט מען אים שוין אויסגעשריבן און זי וואַרט אויף
דנעלעס קליידער? דער געדאַנק וואָלט דערפרייט זיין
האַרץ. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז איצט איז נישט די צייט פון
אויסשרייבן קראַנקע.

הענעך האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגעכאַפּט אין פענצטער-פּאַ-
ראַפּעט אויף אַריינצוקוקן אין צימער און ווידער נישט געטראָפן.
ביים אַראָפּלאָזן זיך פון פענצטער, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן
קאַנט, שיעור זיך נישט אַ צאָן אויסגעבראָכן. ער האָט געפּרוּווט,
צי ער שאָקלט זיך. זיין האַנט האָט געציטערט און אים האָט
זיך געדוכטן, אַז דער צאָן באַוועגט זיך.

ער איז נאָכאַמאָל צו צום טויער — אפשר וועט ווער אַריינגיין,
וועט דאָס טויער זיך עפענען און ער וועט זי דערזען. ער
דאַרף איצט נישט מער, ווי רחלען זען.

„שוועסטערן" זענען אַריין און אַדורכגעגאַנגען. די אַריינ-
גייער האָט ער נישט געפרעגט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז
זיי זענען אינעווייניק נישט געווען, קאָנען זיי נישט וויסן.

עס איז טונקעלער געוואָרן. אים האָבן זיך געמישט די
קאָלירן. ער האָט זיך שוין נישט אָריענטירט ביי וועלכן פענ-
צטער ער פלעגט רעדן מיט רחלען. ער האָט אַפילו געהאַט אַ
סימן, אַז ביים פענסטער פלעגט זיין אַן אָפּגעהאַקט שטיקל ליים
אין קאַנט. אין זיין צערודערונג האָט ער דעם סימן אויך פאַר-
לוירן, הגם ער איז געשטאַנען נעבן דעם פענסטער. עס האָט
אים געקלעמט אונטערן האַרץ, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און
צוויי טרערן זענען אים הענגען געבליבן אויף די הערלעך ביי
די וויעס.

דנעלע איז אַרויפגעקראָכן אויפן פענצטער-ברעט. אויס-
געוווינהייט, ווען די מאַמע איז מיט אים געווען, איז ער אַלע
פאַרנאַכט געזעסן אויפן פענצטער און גערעדט מיטן טאַטן. ווען

הענעך האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט דנעלע זיך אויפגעשטעלט און אים געוויזן די פּאָמעראַנצן.

— ווו די מאַמע?

דנעלע האָט געמיינט, אַז ער פרעגט, ווי ער האָט געגנו־מען די פּאָמעראַנצן.

— די מאַמע האָט געשיקט — האָט דנעלע געענטפערט.

הענעכן איז נישט קלאָר געווען דער ענטפער. — די מאַמע האָט געשיקט? — האָט ער פון פאַרוווּנדערונג געקנייטשט זיין שטערן. ער האָט זיך אויסגעטייטשט, אַז רחל האָט זיך מסתמא צוגעלעגט, אָדער וויל אים אָפּגעוויינען, ער זאָל קאָנען בלייבן אַליין, האָט זי אים דורך ווּעמען געגעבן די פרוכטן און זי רוט זיך דערווייל אויס. ער האָט געטראַכט, דאָס זי האָט גאַנץ גוט געטון.

אין שפּיטאָל האָט מען אויסגעלאָשן די עלעקטרי. אַ שוועסטער איז צוגעקומען און דנעלען אַראָפּגענומען פון פענצטער. הענעך האָט זיך אַראָפּגעבויגן, זי זאָל אים נישט זען, כּדי רחל זאָל דערנאָך קיין פאָרוואורף פון איר נישט הערן.

הענעכן האָט זיך נישט געגלוסט אָוועקצוגיין. די פרייד, וואָס ער האָט געזען דנעלען און די זיכערקייט, אַז רחל וועט באַלד צוקומען, האָט אין אים אָנגעצונדן אַ ניי פייער צום לעבן און ליבן. ער האָט ביי זיך באַשטימט, אַז אויף יום־טוב וועלן זיי פאָרן אין דאָרף. — רחל איז אויסגעמאַטערט. ביי דער מאַמען וועט זי גאָרנישט טון. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער אויף צו געזעגענען זיך. קיינער האָט זיך נישט געוויזן. — זי שלאָפט שוין, האָט ער אין זיך געמורמלט, זי שלאָפט שוין, זאָל זי שלאָפן. איך זאָל זי נאָר נישט האָבן מיטן קלאַפּן אויפגעוועקט. עס איז ביי איר דער ערשטער שלאָף, — זיסע טייערע מינוטן פאַר איר.

שנעל איז ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. גייענדיק האָט ער נאָכאַמאָל אַרויפגעריסן דעם קאָפּ צום שפּיטאָל־פענצטער און נישט אומקוקנדיק זיך אויף זיינע טריט, האָט ער מיטן חוש אויסגעמיטן אַ גרוב פון אַן אַרויסגעריסע־

נער קאַפּלע אין טראָטואַר און אַזוי אַ נאָך איבערגעשפּרייזט אַ בריקל.

ער איז געווען, ווי בגילופין. פון פרייד זיך אַזש אָנגעשלאָגן אָן אַ דורכגייער. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן דעם אָנ־געשלאָגענעם, איז ער אים נאָכגעגאַנגען, יענער זאָל אים ערנסט זאָגן, אַז ער האָט אויף אים קיין פּאַריבל נישט און אויב עס איז אים צוליבן זעץ שווער צוגיין, וועט ער אים צופירן.

ביים בית־המדרש־געסל האָט ער געטראָפן רייזלס קאַליקע. ער האָט זיך געהאַט געדרוקט אויפן געזעס, די פיס זענען איר נאָכ־געהאָנגען, ווי ציצית ביי אַ טלית־קטן; איר קאָפּ איז געווען ברייט, ווי אַ גרויסע דיניע. איר קרענק איז געווען, וואָס זי האָט אין מאַרך געהאַט וואַסער און קיין מאַכט נישט אין די קניען. עס איז שוין געווען גוט פינצטער און די קאַליקע האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן אַהיימשלעפּן זיך. אין בית־המדרש האָט געדרשנט אַ מגיד, איז דער מעריב אויסגעקומען שפּעט. די קאַליקע האָט ביי יעדן רוק זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגע־קוקט, צי דער וועג איז ליידיק אויף ווייטער זיך צו שאַרן.

עס איז געווען נאָך אַ יריד און די באַוועגונג איז געווען אַ געדיכטע. עס זענען געפאָרן וועגן מיט די יריד־סוחרים, פויערים מיט איינגעקויפטע קופּערס. די קאַליקע האָט געקאָנט געניזוקט ווערן. הענעך האָט זי געטראָפן, ווען זי האָט זיך געוואָלט אַריבערקריגן די ברוק, האָט ער פאַרשטעקט די פּאָלעס אין די קעשענעס און די קאַליקע גענומען אויף די פּלייצעס, ווי ער פלעגט נעמען אַ יאַלושקע און איז שנעל מיט איר גע־לאָפן אין יאַטקע געסל.

די קאַליקע איז שווער געווען, ווי בליי. ער האָט קוים דערצויגן מיט איר צו אַ אָפּענעם לאָדן פון אַ יאַטקע. דאָרט האָט ער זיך אָפּגערוט און זיך אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן. קיין לאַנגע שהיות האָט ער נישט געמאַכט, נאָר אַזוי ווי די פּלייצעס זענען אים שוין מיד געווען, האָט ער די קאַליקע גענומען צו זיך פון פאָרנט. פון דער קאַליקע האָט געשלאָגן אַ זויערקייט, ווי

פון אַלטער איבערגעשטאַנענער מילך. הענעכן האָט דער ריח געשטיקט, האָט ער קורץ געעטעמט.

נאָענט צו רייזלס וווינונג איז די קאַליקע געוואָרן נאָך שווערער. וואָס נענטער צום ציל, מער אָפּגעמאַטערטער איז הענעך געוואָרן. ער האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט און נישט געקוקט אויף דער מידקייט, ווידער געוואָלט אים נעמען. ער האָט עס געטון, נישט אַזוי פיל פאַר דער קאַליקע, ווי פאַר זיך, פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן. ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט פרייד און איז צופרידן געווען, ווען ער האָט געקאָנט עפּעס טון פאַר וועמען.

– שוין נישט ווייט צו דער שטוב, איך וועל אַליין – האָט די קאַליקע מיט איר באַס-שטים דערקלערט.

– אין אַזאַ פינצטערניש, ווי אַזוי וועסטו דאָ דורכקו-מען? – דערצו איז דער וועג נישט ריין, – זיי האָבן נאָך דאָס מיסט פון טאַרג נישט אָפּגערייניקט.

– איך וועל שוין דורכקומען, איך בין טאַקע דאָס ערשטע מאָל אַזוי שפּעט אין גאַס, אָבער איך וועל דורכקומען.

– קאָנסט דאָך נישט דעם וועג?

– נעמט מיך נישט, איך וויל אַליין קומען אין שטוב. כאָל די מאַמע זען, אַז אַפילו אין אַזאַ פינצטערניש געשעט מיר אויך גאָרנישט.

די קאַליקע האָט זיך גענומען שאַרן. הענעך איז אים נאָכגעגאַנגען. אפשר וועט זיך די קאַליקע מיישב זיין און זיך איבערצייגן, אַז עס איז איר אוממעגלעך זיך דורכצוקריגן.

– ניין, גייט מיר נישט נאָך, די מאַמע שטייט זיכער פאַרן הויז און זי וועט זען, אַז איר גייט מיר נאָך, וועט זי מיר נישט גלויבן, אַז איך בין געקומען אַליין. גייט נישט. אויב איר וועט מיר נאָכגיין, וועל איך זיך פון אָרט נישט רירן.

הענעך האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און שווייגנדיק געקוקט.

– גייט אייך אייער וועג. ווי אַזוי איך בין, קאָן איך אייך שטענדיק איבעריאָגן!

הענעך האָט געלאַכט. כּדי אָבער נישט צו ווייזן דער קאַליקע, אַז ער לאַכט פון אים, האָט ער אַ הוסט געטון.

אין אויגן בליק האָט זיך די קאַליקע אָוועקגעדרייט צו אַ פלויט. זי האָט זיך געצויגן, ווי אַ שלאַנג און זיך געוויקלט זיגזאַגיק.

און הענעך האָט אָפּרוקנדיק זיך אין אַ זייט באַהאַלטן דאָס פּנים אין אויפגעשטעלטן קאָלנער, כּדי די קאַליקע זאָל אים נישט דערקענען.

ווען הענעך איז צוגעקומען צו זיין אייגן וווינונג, האָט ער עטלעכע מאָל אָנגענומען די קלאַמקע פון דער טיר, אָבער זי נישט געעפנט. עס האָט זיך אים איצט נישט געוואָלט זיין אליין. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַלץ אין שטוב איז שטום: דער זייגער איז שוין עטלעכע טעג נישט אָנגעצויגן. אַפילו זיין טיק-טאַק וועט ער נישט הערן. ווי וועט ער זיך איצט, אין אַזאַ מאָמענט פון דערהויבנקייט, ווען דנעלען איז שוין איינגאַנצן בעסער און רחל קומט באַלד, — ווי קאָן ער איצט זיך פאַרמאַכן אין אַ העק און בינדן די צונג? — אין אַזאַ מאָמענט ווילט זיך אים רעדן, דערציילן. ער קאָן אָבער נישט, ער האָט אַפילו נישט מיט וואָס זיין בליק צו זעטיקן. רחל איז נישטאָ, די וועגט זענען ליידיק, עס בלייבט אים נישט מער, ווי זונקען אונטער דעם מאַטן פאַרשלעפערדיקן ליכט.

ער איז אַריין אין שטוב, ווייל ער האָט געמוזט. ער וועט דאָך אויף דער גאַס נישט נעכטיקן! אָבער אַלץ אין שטוב איז אים געווען שרעקעוודיק. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, נאָר גלייך אַראָפּגעצויגן די שיך, אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים און אַריינגעפאַלן אין בעט.

אין דער פרי, ווען די מומע נעכעלע איז געקומען, האָט זי געטראָפן אין דער טיר שטעקן אַ קוויטל. הענעך איז האַרט געשלאָפן. ער האָט נישט געהערט, צי עס איז ווער דאָ אין שטוב. זי האָט וואַשנדיק די כּלים אומישנע געקלאַפּט, ער זאָל זיך וועקן. הענעך איז געלעגן, ווי געהרגעט. ערשט אַרום

מיטאָג, ווען אין ברויעריי האָט דער מאָטאָר געפּייפט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך געפרעגט:

— וואָס טוט דאָ די מומע אַזוי פרי? — ער האָט געמיינט, אַז עס איז דער ערשטער פּייף פון באַגינען, ווען די אַרבעטער שטעלן זיך צו דער אַרבעט.

נעכעלע האָט אים דערלאַנגט דאָס קוויטל. צוערשט האָט ער געלייענט גאַנץ פּאַמעלעך. אין מיטן לייענען האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פון אָנהויב און שנעל געלאָפן מיטן בליק, גלייך די אותיות וואָלטן אים געשפּרונגען פאַר די אויגן. עפּעס האָט ער געזוכט אין דער שריפט אַ דערקוויקונגס-וואָרט. אין קוויטל איז געווען בלויז דערמאָנט, אַז דנעלע ווערט אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. — באַלד, אָט שגין — האָט ער צו זיך געזאָגט און זיך געבערשט דאָס בערדל. ער האָט גלייך געשטעלט די שטולן, צונויפגענומען די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, רחל זאָל נישט טרעפן קיין מושב.

— וואָס איז געשען? — האָט נעכעלע געפרעגט און דערזיי פאַרלייגט די הענט, ווי זי וואָלט אים באַדויערן.

— דנעלען דאַרף מען שוין אַהיימנעמען, — דאָס שפּיטאָל האָט אים אויסגעשריבן.

— וואָס עפּעס האָט מען דאָט קוויטל אַהערגעשיקט? רחל איז דאָך דאָרט! זאָל דאָס אמת זיין, וואָלט דאָך רחל געקאָנט מיט אים קומען?

— טאַקע יאָ? — האָט ער פאַרשאַרצנדיק דעם שטערן איבערגעחזרט נעכעלעס פראַגע — וואָס זאָל דאָס הייסן?

— אפשר האָסטו שלעכט געלייענט. קום אַריין צו יצחק שרייבער. אויף זייער שרייבעכץ דאַרף מען זיך קענען!

אויפן וועג האָבן זיי געטראָפן מלכהן.

— אָט גייט דאָ יונה קאָלעקטאָר, גיב אים, וועט ער איבערלייענען.

— איך קאָן אויך לייענען — האָט הענעך, ווי באַליידיקט צוריקגעוואָרפן — זיי שרייבן, אַז דנעלע איז געזונט, איך זאָל אים אַהיימנעמען.

— וואָלט דאָך רחל שוין מיט אים דאָ געווען! מיינסט אַז עס איז ערשט טאָג געוואָרן?

— מען וועט אים איצט נישט אַרויסגעבן — האָט מלכּה געשטויסן נעכעלען אין האַנט.

— אָבער צוגיין אַ קוק טון, וואָס דאָרט איז געשען מוז מען דאָך! — האָט העניעך געזאָגט מיט געבייזער.

— אומזיסט דאָס גיין — האָט מלכּה מיט אַ ברומענדיקן טאָן געפּאָנפּעט צו נעכעלען — ווען איך וואָלט דערהאַלטן דאָס קוויטל, וואָלט איך אים געלאָזט שלאָפן? איך וואָלט אים דאָס איבערבעט אַראָפּגעריסן. ווער האָט אים געהייסן כאַלען?!

אַלע דריי האָבן געשוויגן.

מיט איין מאָל, ווי אַ פּלאַם פייער, וואָס זעצט אַרויס פון אַ פאַרדושעטער כּלי, האָט זיך העניעך אַ ריס געטון פון אָרט.

ס׳איז געווען מיטוואָך, ווען דאָס שפּיטאָל איז אָפן פאַר באַזוכער ביז צוויי דעם זייגער. העניעך האָט געוויזן דאָס צעטל. אָבער פאַר דער באַרמהאַרציקער שוועסטער איז עס נישט נויטיק געווען. זי האָט העניעכן שוין געקאָנט און גלייך אים צוגעפירט צו דנעלען.

דער קליינער, דערזעענדיק אים פון ווייטן, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל און אַרומגעהאַלדזט העניעכן. די מומעס האָבן געשמועסט מיט די קראַנקע שכנים. נעכעלע האָט זיך געווישט דאָס מויל. זי האָט געוויזן מלכּהן, זי זאָל נישט ריידן הויך. זיי האָבן פון דער שכנטעס צוויי ווערטער אַלץ פאַרשטאַנען און זיי האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פון סאַלאָן, כּדי אויפצוזוכן רחלס צימער. העניעך האָט זייער פאַרגנבענען זיך באַמערקט און ער האָט זיי געפרעגט, וווּ זיי גייען. ער האָט געפרעגט דנעלען: ווו די מאַמע? דער קליינער האָט אים נישט געענטפערט. העניעך האָט נאָך אַמאָל געפרעגט.

— אין דער היים — האָט דנע.ע געשאַק.ט מיטן קעפּל — אין דער היים!

העניעכן זענען אין מוח אָנגעשווימען שווערע געדאַנקען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי זיין לעצטן מאָל טרעפן דנעלען,

האָט ער אים אויך אַזוי געענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די מומעס דרייען זיך אַוועק פון אים. עס איז אים אויך נישט קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס טאַקע האָט מען אים געשיקט דאָס קוויטל? — ער האָט אַראָפּגעשטעלט דנעלען.

— מען זעט נישט רחלען — האָט ער פאַרצווייפלט זיך אָפּגערופן צו די מומעס און איז אַריין אין אויפנאַם־זאַל.

די נידעריקע שוועסטער מיט די גרויע אויגן איז געשטאַנען ביים שענקל און געוויקלט אַ קנויל גאַזע.

— ווו איז מיין פרוי? — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטים געפרעגט.

ער האָט געצאַפּלט.

די שוועסטער האָט לאַנגזאַם אַרונטערגעלייגט די גאַזע, זייער פאָרזיכטיק פאַרמאַכט דאָס עלמערל און מיט דראָבנע טריטעלעך געפירט העניעכן צו רחלס צימער.

נעכעלע האָט געזען העניעכס צעטרודערונג, ווי ער האָט פאַרלוירן דאָס היטל און נישט געפילט. ער אַרבעט מיט די קינבאַקן, ווי ער וואָלט עפּעס האַרטס געקייט. דנעלע האָט זיך געהאַלטן ביי העניעכס פּאָלע, ער האָט זיך געוואָלט שפּילן. העניעך האָט געוואָרפן מיט די הענט און נישט באַמערקט, אַז ער שלאָגט דנעלען. דער קליינער איז שיעור נישט אומגעפאַלן. אַ מערכה נעכעלע האָט אים דערכאַפּט, האָט ער זיך גאָרנישט געטון.

ביי דער טיר צו רחלס צימער האָט זיך די „שוועסטער" געשטעלט און געפרעגט די מומעס, צו וועמען זיי דאַרפן. העניעך האָט אָנגענומען די האַנטאַבקע ביי דער טיר. די שוועסטער האָט מיט די הענט אונטער די פּלייצעס צוגעהאַלטן, ער זאָל די טיר נישט עפענען.

— איך קאָן נאָר אַריינלאָזן איינציקווייז.

העניעך האָט געוואָלט זיך אַריינרייסן מיט געוואַלט.

די שוועסטער האָט אויף אים אַ שאַרפן קוק געטון און מאָמענטאַל דעם בליק געענדערט אויף אַ געבעט, עס זאָל זיין שטיל, סזאָלן נישט ריידן אַלע מיט איין מאָל. די מומעס זענען אַריין די ערשטע. דנעלען האָט די „שוועסטער" פאַרהאַלטן. דער

קלײנער האָט אַ קוויטש געטון און איז שנעל פאַרשוווּנדן אין לאַנגן קאָרידאָר, ווו עס האָט נאָך געקלונגען דאָס עכאָ פון אָנ־געווייטיקטן קולעכל.

אין צימער איז געשטאַנען איין בעטל. רחל איז געלעגן מיט אַ צוגעבונדענעם אײז־בײטל אויפן קאָפּ. הענעך איז גע־שטאַנען, ווי אָפּגעשניטן פון זײן װעלט. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און נאָך וואָס האָט מען אים דאָ אַרײנגעפירט.

— איך האָב געפרעגט אויף רחלען, זי האָט אַ טעות גע־האַט. די שוועסטער האָט מיך נישט דערקענט. זי האָט אונדז אַרײנגעפירט צו אַ פרעמדער.

די מומעס האָבן אים מיטן װוּנק געוויזן אויפן בעט.

— וואָס? — האָט הענעך חוזקדיק געפרעגט.

מיט פאַרלײגטע פינגער אויף די מײלער האָבן זײ אים געוויזן ער זאָל שווײגן.

— רחל רעדט — האָט נעכעלע שטיל אים אײנגערוימט אין אויער — זאָל מען הערן וואָס.

— זי רופט די מאַמען — האָט מלכּה מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אויסגעהויכט. — זי רופט די מאַמען.

הענעך האָט זיך גוט אײנגעקוקט אין רחלס פּנים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און שרעקלעך זיך צעווײנט.

— רחל, רחל, דו דערקענסט מיך? — האָט נעכעלע מיט אַ וויינענדיק קול געפרעגט — צי ווייסטו ווער ער שטײט פאַר דיר?

— יאָ, איך ווייס, איך הער — האָט רחל געענטפערט און געלעקט די טרוקענע ליפּן.

— ווער שטייט דאָ? — נעכעלע האָט אָנגעוויזן אויף מלכּהן.

מלכּה האָט אָנגענומען רחלס האַנט.

— פילסטו ווער עס האַלט דײַן האַנט?

— איך הער, די שכנטע מאַטעלע — האָט רחל שטיל נעבריזגעט מיט די ליפּן — ווער ווײנט? — האָט רחל געפרעגט, מורמלענדיק: „מאַמע!"

— זע נאָר, רחלשי קרוין, הענעך איז דאָך אויך דאָ!
די מומע נעכעלע האָט אָנגעטאָפּט אירע פיס.

— אייז קאַלט, טאַטע אין הימל — האָט נעכעלע אויסגע־צויגן דאָס מויל צום וויינען.

— זי רייסט דאָס ליילעך, די הענט רוען נישט — האָט מלכּה מיט גרויס פּחד געזאָגט נעכעלען אויפן אויער.

— אַלע סימנים — האָט נעכעלע צוגעשאָקלט.

— גסיסה? — האָט מלכּה געפרעגט און זיך געקנייפּט די באַקן.

— יאָ — האָט נעכעלע מיט קאָפּ־באַוועגונג באַשטעטיקט.

אמת, אַז מלכּה האָט רחלען גערן געזען אין אַ נעבעכדיקער לאַגע; זי האָט געוואָלט רחלען זען אָנגעטון אין אַזעלכע פאַרפּעצטע קליידער, ווי אירע בגדים זענען און דאָס אביונות זאָל אַפּערבלאַנקען, ווי אַ שטיק שוואַרצע סאַדזע אין אַ ווייסער קיך. בכלל האָט זי גע־וואָלט, אַז רחלען זאָל שווער זיין דאָס לעבן, אָבער נישט שטאַרבן.

וואָס מער אייגער קעמפט אין לעבן, אַלץ שווערער און שרעקלעכער לייגט זיך אונטער זיין האַרץ דער געדאַנק וועגן טויט. מלכּהס לעבן איז געווען איין פּאַס פון מאַטערנישן און דאָך האָט איר שטאַרק ווי געטון, אַז עס האָט ווער געהאַלטן ביי יציאות נשמה. זי האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

די באַרמהאַרציקע שוועסטער איז אַריינגעקומען און זיי באַפוילן צו שווייגן. זי האָט אויפפאַלנד געקוקט אויף רחלען. און די מומעס האָבן אין איר בליק געזען פול שרעק. זי האָט גע־קוועטשט ביים גלעקל איין מאָל, נאָך אַמאָל, זייענדיק שטאַרק דענערווירט. זי האָט נאָך אימיצן אַלאַרמירט. ביים דריטן מאָל האָט זי שטאַרק געקוועטשט דאָס קנעפּל. זיי האָבן דערקענט, אַז רחל איז אין געפאַר. דער פעלדשער איז אייליק און מיט גרויס פאַרוווּנדערונג אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זעענדיק פרעמדע מענטשן האָט ער זיך צו־ריקגעהאַלטן. ער האָט באַפוילן אַראָפּצונעמען דעם פענכער אייז און געגאַנגען טעלעפאָנירן נאָכן דאָקטאָר. די מומעס האָבן גע־מוזט פאַרלאָזן דאָס צימער.

הענעכן איז אוממעגלעך געווען אָפּצורייסן פון בעט. צוויי

דינערס האָבן אים געמוזט אַרויספירן אונטער די אָרעמס גע־שפּאַנט. ביי דער טיר האָט אים די באַרמהאַרציקע שוועסטער דערלאַנגט דנעלען. הענעך האָט געוואָלט צוריק. דער דינער האָט אים אַ שטויס געטון און אַזוי האַסטיק, אַז הענעך איז אַזש אַרויסגעפאַלן. און ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט ער זיך נאָכאַמאָל געפּרוווט מיט דער טיר. עס האָט אָבער נישט גע־האָלפן קיין כח, — די טיר איז געווען פאַרהאַקט.

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָבז די מומעס געוויינט.

— אַזאַ טייערע צדקות, אַ יינגע מאַמע; שלעכט און דאָך שטענדיק גוט געווען — האָט מלכה סאַפּענדיק געשלונגען די ווערטער.

— מירן גיין צו דער מאַמעס קבר איינרייסן, אין בית־המדרש בעטן, די יידן זאָלן תהלים־זאָגן, אין תלמוד תורה די יינגלעך אויפגעבן איר נאָמען, אַלע גוטע מלאכים זאָלן זיך מיען פאַר איר — האָט נעכעלע מיט אַ פאַרקרומט מויל גערעדט. זי האָט געוויינט; טרערן געלאָזט קייקלען איבער די געפאַלבטע באַקן. ביים פאַרלאָזן הענעכס שטוב, האָט זי גענומען פון אים עטלעכע גראָשן אויף ליכט צו שטעלן אין רבינס אוהל.

הענעך איז געבליבן אַליין מיט דנעלען. ער האָט נישט געוווסט, וואָס מיט זיך צו טון. אַלץ וואָס ער האָט אָנגענומען איז געווען דאַר און קוואַר. ער האָט געשפּרייזט אַהין און צו־ריק איבערן צימער. דנעלע האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט, האָט ער אים אַוועקגעזעצט אויפן בעט. דנעלע האָט אָבער נישט געוואָלט בלייבן אַליין, האָט זיך הענעך געזעצט נעבן אים און זיך געשאָקלט, ווי ביים לערנען אַ שיעור. דנעלע האָט גע־קווענקעט, ער זאָל צו אים רעדן, האָט הענעך אים צוגעצויגן צו זיך, מיט אים זיך געוויגט און מיט אַ ניגון פון סליחות אים גענומען איינשלעפן.

אַ הייסער דעמפּיקער פרימאָרגן. די זון איז ברייט באַפאַלן און איינגעהילט די גאַנצע שפּיטאָל־געביידע אין אַ מעש־קאָליר. הענעך איז געזעסן אויפן בריקל ביים שפּיטאָל־איינגאַנג.

ער איז געקומען פריער פון דער צייט פון אריינלאָזן קרובים צו קראַנקע, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פאַרענדיקן דאָס שלאָפן.

הענעכן האָט זיך געחלומט, ווי ער איז אינעווייניק: ער שפּאַצירט דורך דעם גאַנצן קאָרידאָר. עס איז שטיל. ער שפּרייזט אויך זער שטיל. נישט צוליב מורא, נאָר כּדי נישט צו רעגן די קראַנקע. ער איז נעבן רחלען. ער זיצט אויפן בעט. יאָ, אויפן בעט. רחל האַלט אין מיטן קנעפּלען זיך דעם לאַטש. עס איז איר שווער. זי איז נאָך שוואַך. ער טראַכט זיך, אַז זי וואָלט געקאָנט גיין באָרוועס. עס איז שוין וואַרעם,—זומער. מען קריגט שוין ראש־חודש־רעטעכלעך, דער בעז שמעקט שוין.

אים דאַכט זיך, אַז רחל פרעגט, ווער עס איז אין שטוב. ער ענטפערט:

— מיר גייען דאָך אַהיים, וועלן מיר דאָרט זיין.

רחל שמייכלט און קוקט אויף אים מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

ער איז פאַרכאַפּט געוועזן אינם חלום. ער האָט גאָרנישט געפילט, אַז די מומעס וועקן אים:

— האָסט דנעלען געלאָזט אַליין? ער האָט געקאָנט כ׳ווייס וואָס ווערן! ער איז געוועזן אויף די טרעפּ, אַ מערכה, מיר זע־נען אָנגעקומען.

הענעך האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון אָרט. ער האָט גע־וואָלט לויפן.

נעכעלע האָט אים פאַרהאַלטן — וואַרט־זשע שוין צו, מען עפנט דאָך באַלד דאָס שפּיטאָל.

און איידער די דינער האָבן נאָך רעכט געעפנט דאָס טויער, איז שוין הענעך געוועזן אינמיטן זאַל. די שוועסטער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און אים פאַרשטעלט דעם וועג. זי וועט נישט לאָזן ווייטער גיין, — עס איז נישטאָ צו וועמען — האָט זי דערקלערט — ברענגט אַ קוויטל פון מאַגיסטראַט וועט מען אַרויסגעבן דעם מת.

הענעך האָט זי נישט געוואָלט אויסהערן. — נישטאָ קיין

צייט צו פלוידערן — האָט ער זי אָפּגעשטופּט, מיינענדיק אַז זי שפּאַסט און ער האָט גערופן די מומעס, זיי זאָלן מיטגיין מיט אים.
נעכעלע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין.
— וואָס האָט זי געוואָלט פון אייך? וואָס איז אייך געשען? האָט זי אייך עפּעס געטון? — ער איז איר נאָך אין דרויסן.
נעכעלע האָט געיאָמערט: — אַזאַ שטילע צדיקות, אַזאַ יינגע מאַמע! — איבער דער גאַנצער גאַס האָט זי נאָר איינס איבערגעחזרט; זאָגנדיק זי מיט הענעכן, האָט מען שוין פאַרשטאַנען וועמען זי באַוויינט.
— איז זי שלאָף געווען? — האָט איין שכנטע געפרעגט די צווייטע.
— זענט איר איצט געבוירן געוואָרן? איר האָט נישט געהערט, גאָר קיינמאָל נישט געזען, ווי דער מאַן האָט זיך גאַנצע טעג און נעכט געדרייט אַרום שפּיטאָל?
— איין קינד? — האָט יענע ווידער געפרעגט.
— יאָ, דאָס צווייטע איז שנעל אַוועק.
— גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט — האָט די פרוי פאַרענדיקט דעם שמועס.
אין שטוב האָבן מלכה און נעכעלע זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן חפץ, וואָס רחל האָט ווען געהאַלטן אין האַנט און זיי האָבן עס באַוויינט. מאַטעלע האָט נישט גערעדט. זי האָט גענומען דנעלען צו זיך, ער זאָל זיין צוזאַמען מיט אירע קינדער.
— ליכט, ליכט אָנצינדן פאַר איר כשרה נשמה! — האָט נעכעלע גערופן און מיט די פינגער זיך איינגעגראָבן אין אירע הויטיקע באַקן, איבערחזרנדיק אָן אויפהער: — פאַר איר כשרע נשמה.
— ווו איז הענעך? ווו איז ער? מען דאַרף זי דאָך אויסלייזן פון גוישע הענט! ווו איז הענעך?
און הענעך איז געלאָפן, ווי אַן אָנגעבלאָזענער באַלאָן, וועלכער רייסט זיך אָפּ פון דער שנור. ער איז געלאָפן צו זיין טאַטע־מאַמע אין דאָרף.
דער וועג אין דאָרף איז געווען אַ זאַמדיקער. די דורכפאָרנדיקע פערד און וועגן האָבן אויפגעהויבן אַ געדיכטן שטויב, וועלכער האָט זיך געלייגט אויף הענעכס פאַרשוויצטן שטערן און שטיין געבליבן אויף זיינע באַקן אין שוואַרצע פּאַסן, ווי אָדערן.

הענעך האָט אפילו נישט אויפגעהויבן די האַנט זיך אָפּ־צווישן די בלאָטע, נאָר אין איין אָטעם געצויגן ווייטער און ווייטער.

נאָנט צום דאָרף איז ער אַראָפּ פון זיעג און געלאָפן אויף די צעאַקערטע פעלדער. ער האָט נישט געקוקט, וואָס די פּוי־ערים זענען דאָ מיט די זריעהס און היטן, עס זאָל זיי ווער נישט צעטראַטקעווען זייער אַרבעט. ער האָט נישט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך בייזערן. ער האָט געטרעטן און קיינער האָט אים נישט געפּרוווט אַראָפּיאָגן. זיי האָבן אים דערקענט און אים געפרעגט, וואָס ער ׳ויפט אַזוי?

הענעך איז געלאָפן. אין זייער פּאָלוואַרק האָט ער אַרומ־געקרייזט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. צו עטלעכע מאָל האָט ער אַריינגעקוקט אין יעדער שטאַל, ביז ער האָט ענדלעך געטראָפן צו דער שטוב.

ווי נאָר ער איז איבערגעטרעטן איבער דער שוועל, איז ער שוין געלעגן אויף דער סאָפקע, און איינגוויקלענדיק זיך אין דעם מאַנטל זיך געקאָרטשעט. פון רגע צו רגע האָט ער זיך מער צוזאַמענגעצויגן, ווי ער וואָלט וועלן קליין ווערן, מען זאָל אים נישט אָנזען.

— וואָס איז דיר געשען, הענעכשי? — האָט די מאַמע, האַלטנדיק איר יינגסט קינד אויף דער האַנט ציטערנדיק אים גע־מינטערט. — הענעכשי, זע נאָר וואָס דו מאַכסט פון זיך. ביזט אַזוי פאַרסאַרגעט, — פון וואַנען קומסטו?

ער האָט נישט געענטפערט.

די מאַמע האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס קינד פון דער האַנט און אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז מילך. — נעם אַ טרונק, שווענק דיר איבער דעם האַלדז.

— איך וויל נישט — האָט הענעך שווער געברומט.

די צוויי ברודערלעך מיטן שוועסטערל זענען לעבן אים געשטאַנען און זיך געשפּילט מיט דער הענגענדיקער ביי זיין וועסטל גאָלדענער קייט. הענעך האָט זיי אַוועקגעשטופּט.

— ווי איז צו מיינע שונאים — האָט די מאַמע אָנגע־הויבן מיט אַן איכהדיקן טאָן.

— רחל באַהאַנדלט דיך שלעכט? — האָט זי געפּרוווט טרעפן — דו ביזט נישט גערעכט, קינד מיינס, רחל איז צו

גוט פאַר דיר. דאָס האָב איך שוין לאַנג געזאָגט. דו ביזט נישט געוווינט מיטן שטאָטישן לעבן. גייסט אַרום צופיל פאַרמרה־שחורהט.

זי האָט זיך צו אים צוגעזעצט, אים געריסן ביים אָקסל.

— נו זאָג שוין, וואָס איז דיר צוגעטרעטן, וואָס ביזטו געקומען אַזוי פאַריאַכמערט.

— ווייסט נישט? ווייסט נישט, מאַמע? — האָט הענעך ווי ווילד געשריגן — ווייסט נישט, אַז רחל איז אין שפיטאָל?

— נו, אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפ! האָסט איבערגעלאָזט די שטיבן אַליין? און דאָס קינד? כ׳האָב מיר נישט געוואָשן די הענט, דער אין הימל וועט העלפן. דו אַליין ביזט אויך אַמאָל שטאַרק קראַנק געווען, ביזט שוין געשטאַנען ביים טירל... נו, דער אין הימל, ער וואַכט איבער אונז! זאָלסט שוין צוריק פאָרן, שוין, דו הערסט? אַז דאָס ווייב איז נישט געזונט, אַנטלויפט מען? דו דאַרפסט גוט זיין צו איר, בעט ביי גאָט זי זאָל געזונט ווערן — זי האָט אים שטאַרקער געריסן ביים אַקסל — שוין אויפגעשטאַנען זאָל ווערן! פראַנעק שפאַנט איין זיינע פערד, ער פאָרט אין שטאָט. שוין זאָלסטו מיט אים מיטפאָרן,—אַ רגע זאָלסטו זיך נישט זוימען דאָ!

הענעך האָט זיך געריבן דעם שטערן.

— זאָל איך פאָרן מאַמע, דו הייסט?

— אָבער שוין די רגע, דו הערסט? אַ רגע וויל איך דיך דאָ מער נישט זען.

זי האָט אים צוגעפירט ביז צו דער פור.

— ווען דו וועסט אָנקומען זאָלסטו דיין היטל אָנטון רחלען. עס איז אַ סגולה פאַרן קראַנקן.

אין מיטן פאָרן איז הענעך אַראָפּ פון דער פור, כדי צו שפרייזן נעבן וואָגן.

— הא, ווילסט זיך אַריינכאַפּן אין קנייפּע? — האָט פראַנעק צו אים זיך אויסגעדרייט און געלאַכט. דיינע אַלטע שטיקלעך. שעם זיך נישט, הענעך. איך וויל אויך. דו צאָלסט ביליקער, וועסט באַצאָלן אויך פאַר מיר. איך פיר דאָ קאַרטאָפל, וועל איך דיר אָפּשטעלן אַ קערץ. זייער אַ גוטע מאָס.

הענעך האָט זיך געריסן ביי די האָר.

— וואָס שווייגסטו, ווילסט נישט? ביזט שוין גרויס ביי זיך? איך געדענק דאָך, ווי דו האָסט מיין חזר געדרייט דעם ווײדל.

הענעך האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן. זיי זענען געווען רויט, ווי מיט בלוט פאַרלאָפן. פראַנעק האָט זיך צעלאַכט. ער האָט הענעכן געשטאָרגעט מיט דער בייטש און געלאַכט.

הענעך האָט אָנגעכאַפּט די בייטש און זי צעבראָכן אויף צוויי העלפטן. די שטיקער האָט ער אַוועקגעשמיסן טיף אין פעלד אַריין.

— ביזט שוין אין כעס, פלוי איינע, איך מאַך דאָך פון דיר אַ תל מיטן מינדסטן פינגער!

— האָסט שוין געפילט אַמאָל ווי עס הויבט דיר אָן אָפּשטאַרבן אַן אבר? — האָט הענעך ערנסט אָנגעהויבן און צוגעטייטלט מיטן פינגער.

— דיר האָט שוין אַמאָל אָנגענומען אַ פינגער? אָדער, האָסטו שוין אַמאָל געהאַט אַ געשוויר אונטערן האַלדז?

— נו יאָ — האָט פראַנעק ברייט געענטפערט — דער פעלדשער האָט אויסגעשטאָכן און אויסגעקוועטשט. איך האָב קיין ציק נישט געטון.

— האָסט שוין יאָ געהאַט אַ געשוויר? דערמאָנסטו זיך, אַז עס האָט דיר געצויגן און אָנגעפּוישט די באַק? עס האָט זיך דיר אויסגעדרייט דאָס מויל און דיר האָט זיך געדוכטן, אַז עס וואַקסט דיר עפּעס צו, אַז עס הענגט זיך אויף דיר עפּעס אָן; ביזטו געקומען צו מאָרדקע פעלדשער און ער האָט דיר געוויזן, אַז אין דיר פוילט אַ ביין. ביזטו געוווּיר געוואָרן, אַז נישט עס וואַקסט דיר צו, נאָר אַז עס איז דיר אָפּגעקומען.

פראַנעק האָט זיך אויסגעצויגן אויפן זיץ-ברעט. ער האָט אָפּגעלאָזט די לייטשן. דאָס פערד האָט אַליין געצויגן טריט אין טריט און ער האָט מיט אַן אָפן מויל זיך איינגעהערט אין הענעכס רייד. עפּעס האָט ער אים דאָ געזאָגט אַזעלכעס, וואָס ער האָט לעצטנס טאַקע איבערגעלעבט.

— הער פראַנעק, איז דיר שוין אַמאָל פאַרשלאָפן געוואָרן אַ פוס? און האָסטו געפילט, ווי עס פליסט דיר אין די אָדערן, ווי דו וואָלסט זייען אַ געקעכץ דורך אַ געדיכטער זיפּ?

— יאָ, יאָ — האָט פראַנעק באַלד געענטפערט — יאָ, די צאַפּן קומען אַרויס ווי שפּילקעס. מען קאָן דעם פוס נישט שטעלן. ווו האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט? ווען דו וואָלסט געווען היינט אין דאָרף, וואָלט סטעפּאַן דיך געמאַכט פאַר אַ סאָלטיס, — פּיעטריק ווייסט אַ קרענק.

ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און פאַר פרייד אים צוגעצויגן צו זיך.

— לאָז אָפּ! עס ציט מיר אין די שלייפן. איך מיין, אַז אָט-אָט וועט פון דאָרט עפּעס אַרויס וואַקסן. עפּעס קנאַקן מיינע ביינער. אַז נאַסע ברעטער טרוקענען זיך אונטער דער זון, הערט מען פון צייט צו צייט אַ קנאַק. איך פיל עס אין מיר. אַלע מיינע אברים קנאַקן. ווען מען ציט אָן אין אַ זייגער זיינע וואָגעס, איז וואָס העכער דו גיסט אַ דריי דאָס רעדל, אַלץ דייטלעכער הערסטו דעם טריק פון טריבל. פּונקט אַזוי פיל איך איצט, ווי עס וואָלט ווער טרעטן אין מיין קאָפּ, אָפּ, אָפּ, אָפּ, אָפּ, אָפּ.

— טאָ זעץ זיך אַרויף!

— איך קאָן נישט זיצן. עס דאַכט זיך מיר, אַז די רעדער זענען איינגעשפּאַנט אין מיינע אויערן. מיר דאַכט זיך, ווען נישט דער וואָגן דיינער, וואָלט איך איצט אפילו גיין נישט געקאָנט.

פראַנעק האָט שווייגנדיק טיף אין אים זיך איינגעקוקט.

* *
*

רחל איז נישטאָ. זי איז אויף אייביק אַוועק. די מומעס און מאַטעלע זענען געווען עדות. זיי האָבן געזען, ווי מען האָט איר ווייסן גוף אַריינגעלייגט אין אַ פינצטערן גרוב. רחל האָט געהאַט אָפענע אויגן, האָט מען איר אַרויפגעלייגט שערבעלעך און זי פאַרדעקט מיט שוואַרצער ערד. די מומעס האָבן זיך געוואָלט עצהנען מיט מאַטעלען, וואָס זיי זאָלן טון מיט הענעכן: רחל איז נישטאָ, אַ טויטער מאַכט קיין מחלוקה נישט אָן. עס איז אים שוין גוט דעם טויטן. אָבער פאַרן לעבעדיקן? וואָס וועט איצט טון הענעך? ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן? אַ טויטער איז קיין זריעה נישט. וואָס די ערד וועט פון אים נישט נעמען, — צוריקגעבן אודאי נישט!

ביי די מומעס האָט שוין רחל נישט עקזיסטירט און זיי

האָבן זיך געהיטן צו דערמאָנען איר נאָמען, כּדי טאָמער דער-מאָנען זיי זי נישט לשבח זאָל עס איר אַמאָל לגנאי נישט זיין.

אָבער הענעך? ער האָט מער, ווי דאָס, וואָס אַרום זיך נישט געזען: — רחל איז ביי אים געבליבן די אייגענע רחל, וואָס מיט טעג צוריק: — אָט גייט זי, אָט קומט זי, בפרט אַז דנעלע איז אין שטוב נישט געווען, איז נאָך ביי אים גע-בליבן דאָס געפיל, אַז זי איז שפּיטאָל און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך אין דער ריכטונג געשטאַרקט.

ער האָט געהערט, ווי מלכּה מיט נעכעלען שמועסן, ווער עס איז אַלץ נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה. אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וועמעס לויה זיי מיינען. אַמאָל האָט ער געפרעגט, וועגן וועמען זיי ריידן. די מומעס האָבן אים אָבער נישט גע-ענטפערט, האָט ער שוין מער נישט געפרעגט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אין שטוב, ווי ער וואָלט זיין ערגעץ ווייט מיט דער מחשבה און דאָס ריידן פון די מומעס האָט אים אַזוי געדרעגט, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרשטעלט די אויערן.

— רעדט נישט, רעדט נישט! — האָט ער זיך פאַר זיי געקרומט.

— איך האָב שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן קלערן וועגן וועגן איין זאַך. לאָזט אָפּ! זאָל זיין שטילער!

נעכעלע האָט געוואָלט אַריינגיין אין לעצטן צימער. הע-נעך איז אויפגעשפּרונגען:

— ניין, גייט נישט איצט! די טיר סקריפּעט. די זאַוויאַ-סעס זענען שוין לאַנג נישט געשמירט.

אויף צומאָרגנס זענען די מומעס ווידער געקומען און שטיינבלייבנדיק אין הויז, האָבן זיי זיך געעצהט מיט מאַטע-טעלען, ווי אַזוי זיי זאָלן אים דאָך אָנדייטן, ער זאָל אויפנע-מען דאָס אומגליק.

— קאָן מען דען אין שפּאַן פון צער זיך אויסטיילן? — האָט מאַטעלע ערנסט אָנגעהויבן — אַן אָנגעווייטיקטן פינגער איז יעדע באַוועגונג שווער. ווי איר זאָלט נישט לייגן דעם קראַנקן, טוט אים וויי. ער איז איר מאַן, פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן? עס וועט קאָסטן אויפרעגונג? — אַזוי קאָן ער אָבער אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ שלאַפקייט. איך בין אָבער זיכער, ווען

מען זאָל אים פרעגן, וואָס ער וויל: צי — נישט וויסן און אַרומ־גיין געזונט, אָדער—יאָ וויסן און קראַנק ווערן—וועט ער זיכער זאָגן, אַז קראַנק ווערן. ער וועט אייך פאַרשעלטן, פאַרוואָס איר האָט אים נישט דערציילט!

— מיר האָבן שוין וויפיל מאָל אָנגעהויבן — האָט מלכה שטיל מיט רוגזה אַריינגעזאָגט — ער מאַכט זיך טאַמעוואַטע. ער וויל נישט הערן!

זי האָט זיך אַוועקגעדרייט און אויסגעשפיגן.

— איך וועל אים זאָגן — האָט מלכה געגומען רעדן מיט אַ גרעבערן טאָן — פּראָסט פשוט, איך וועל אים דערציילן ווי אַזוי מען האָט זי געלייגט אין קבר.

— טוט, ווי איר ווילט. זאָל ער נישט וועלן הערן. אַפילו זיך באַוואָרענען מיט טייוואָלאָנישע ווידערשפעניקייט און נישט וועלן אויפנעמען אייערע ווערטער, אָבער איר מוזט דערציילן. ווי איר האָט גאָט אין האַרצן. נעכעלע, איר זאָלט נישט גע־פונען אַ רמז, הענעך זאָל זיך אָנשטויסן, אַז ער זאָל כאָטש איין טרער לאָזן פאַר זיין ווייב?!

נעכעלע האָט זיך צוויי מאָל איבערגעווישט די ליפּן און זייענדיק גרייט אָנצוהויבן מיט הענעכן אַ שמועס, האָט זי אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר. הענעך האָט געענטפערט, אַז מען קאָן איצט נישט אַריינגיין. דאָס צווייטע מאָל האָט מלכה געקלאַפּט. אָנגעווענדט איר גאַנצן כח און הענעך האָט דאָך נישט געענט־פערט. מאַטעלע האָט געעצהט. זיי זאָלן אים זאָגן, אַז דנעלע וויל אַריין. זי האָט דעם קליינעם צוגעשטעלט צו דער טיר.

איין מאָל האָט נעכעלע גערופן, ער זאָל עפענען. אַ צווייט מאָל — מלכה, אַ דריט מאָל — מאַטעלע. זי האָט געפרעגט דנעלען, צי ער הערט, ווי דער טאַטע רעדט. און הענעך, הערנדיק דנעלעס קול, האָט אָפּגעבויגן די טיר און אים אַריינגענומען.

— מען קאָן נישט — האָט ער די מומעס געענטפערט — איך האָב צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיין שטיל.

די דריי פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געפרעגט.

— וואָס איז דאָס? — אַלע האָבן געפרעגט איינס און דאָך האָט זיך יעדע באַזונדער געענטפערט אויף איר אופן: —

נבכעלע האָט געזאָגט, אַז ער מוז וועמען האָבן אין שטוב. מלכּה האָט געזאָגט, אַז דאָס איז משוגעת און מאַטאַלע האָט פון זיי געשפּעט:

— גאַנץ גלייך אַזוי. ער איז גערעכט. ער דאַרף אייך נישט אַריינלאָזן. ער טאָר אייך איבער זיין שוועל נישט לאָזן!

— איר האָט דאָך אַ מאַן ביז הונדערט און צוואַנציק! — האָט מלכּה בייז צו איר געזאָגט — וואָס האַלט איר עפּעס אַזוי פאַר העניכן? איך גלויב שוין, אַז איר וואָלט אים פאַר קיין טאָפּ לינדזן קיין אַנדערער נישט אָפּגעטרעטן.

מאַטעלע האָט זיי געלאָזט אַליין. זי איז נישט בכח געווען זיך צו כעסן. זי איז קלענער געווען פון זיי און נישט אַזוי גאָטפאָרכטיק. אַפילו נישט געווען אַזוי אָנגעזעצן אין שטאָט, ווי זיי. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געהאַלטן גרעסער פון נעכעלען און מלכּהן. — מיט וועמען זאָל איך דאָ אָנהויבן זיך ווערטלען — האָט זי אין זיך געטראַכט — דאָס גרויסע מויל וועט שטענדיק וועקן מער צוטרוי. אַז ביי מענטשן איז אָנגענומען, אויב עס שרייט ווער, איז יענער מסתּמא באַוווּלהט. מלכּה קאָן שרייען העכער אַפילו פון בצלאל פישער, וועלכער גיט קיינמאָל נישט קיין וואָג און בלייבט דער ערלעכער מאַן.

צומאָרגנס האָט זי אָנגעקלאַפּט צו העניכן, ער זאָל אַריינגעמען אַביסל געקעכץ פאַרן קינד. פון דעמאָלט אָן איז די טיר פאַר איר געווען אָפן. זי איז געגאַנגען שטיל, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט און נאָר אַכטונג געגעבן, וואָס דער קליינער טוט.

ער האָט דנעלען געהאַלטן אויף דער שויס און אין אים אַריינגערעדט, ער זאָל נישט שטיפן, — „שאַ שטיל, די מלכּה שלאָפט"!

דנעלע האָט זיך איינגעהערט. ער האָט דעם טאַטנס שילדערונגען אָנגענומען פאַר אַ מעשהלע. העניך אַליין האָט עס מיט זיין פאַנטאַזיע אויסגעבונדן:

די מלכּה שלאָפט אויף אַ הויך בעט. ווען מען וויל צו איר דערגרייכן, מוז מען גיין אויף צען שוועלן. דאָס בעט און דאָס בעטגעוואַנט איז ווייס ווי שניי. די מלכּה ליגט איינגעטונקען אין אַ שטויס קישנס. אירע שוואַרצע האָר זענען צעפלאָשעט און הענגען אַראָפּ פון די זייטן בעט. נעבן איר, אויפן

העכסטן טרעפּל, שטייען צוויי קאַמערדינערינס מיט פּעכער אין די הענט. זיי באַוועגן זיך שטיל. ביידע הויבן זיי די פּעכער גלייך און ביידע נייגן זיי די פּעכער גלייך אַראָפּ. עס מוז זיין שטיל, ווייל די מלכּה שלאָפט. — דאָ — האָט הענעך אים אָנגעוויזן אויף דער טיר אין צווייטן צימער — דאָ איז דער פּאַלאַץ. פאַר דעם הויז טאָר קיין פור נישט דורכפאָרן, קיין וואָגן טאָר נישט קלאַפּן, אַפילו אַ קאַטש מיט גומענע רעדער טאָר אויך נישט דורכפאָרן. עס איז שטרענג פאַרזאָגט צו קלאַפּן. די פערד טאָרן נישט זיין געקאָוועט, זיי מוזן זיין אָן פּאָדקאָוועס. פּונקט אַכט דעם זייגער אָוונט ווערט דער פּאַלאַץ געשלאָסן און די ליכט ווערן פאַרשלאָסן. אַרום מוז זיין שטיל, אַ פליג טאָר נישט זשומען. אַזעלכעס טאָר זיך אין פּאַלאַץ נישט געפינען, ווייל די מלכּה שלאָפט. די דינערינס גייען אין פּלושענע שיכעלעך. זיי מוזן וואַכן איבער דער מלכּה. זיי קאָנען זיצן — דאָס אויך. פאַר זיי זענען ספּעציעל אויסגעשפּרייט קישנס, אָבער זיי טאָרן נישט קיין דרימל טון. דער מלכּהס מילך־ווייסע האַנט ליגט אַראָפּגעהאָנגען איבערן בעטגעוואַנט, זיי טאָרן זי נישט ירן, ווייל די מלכּה קאָן זיך וועקן. עס איז פינצטער אין פּאַלאַץ. דער ברילאַנט אויף דער מלכּהס פינגער לויכט גענוג. שפּעט אין דער נאַכט שטעלט מען אָפּ דעם זייגער. אַזוי שטיל מוז זיין, קיין אָטעם־צי טאָר זיך נישט הערן און עס איז שטיל, שטיל, — די מלכּה שלאָפט.

דנעלע איז נישט געווען קיין וואונדער־קינד. ער האָט געגעסן, וואָס ער האָט ליב געהאַט און אָפּגעשטויסן, וואָס עס האָט אים נישט געשמעקט. די אייגענע באַציאונג האָט ער געהאַט צו מעשהלעך. ער האָט ביי איין מעשהלע געקאָנט לאַכן, אַפילו מיטזינגען און ביי אַ צווייטס, אויב עס איז אים נישט געפעלן, האָט ער נישט געוואָלט הערן. דאָס רוב ערנסטע און שרעקעוודיקע האָט ער נישט געלאָזט פאַרענדיקן. דאָס, וואָס הענעך האָט אים איצט פאַרציילט, איז פאַר אים געווען מוראדיק, נישט אַזוי דער ספּור־המעשה, ווי די באַצוווּנגענע שטילקייט און ער האָט מיט קיין פינגער נישט באַוויגן. עס איז אים גערינען פון נעזל, האָט ער פאַר מורא אפילו זיך נישט געקרומט. ער האָט די אויגן געהאַט ברייט צעעפנט, ס'פּנימל בלייך און שטאַרק אומרויק. ער האָט געזען דאָס גאַנ-

צע בילד, וואָס הענעך האָט אים געשילדערט. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער איז איינגעטון אין דער שפּיל פון „מלך מיט דער מלכּה" און אַז ער איז די מלכּה. ער שלאָפט עס און נעבן אים שטייען עס די דינער מיט די פּעכער; זיי לעשן אויס די ליכט, זיי שטעלן דעם זייגער. ער ליגט הויך, הויך. ער האָט דאָס אייגענע גערעדט אין שלאָף און אינדערפרי האָט ער געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים אַריינפירן צו דער מלכּה.

— שטיל! — האָט אים הענעך אַרייפגעלייגט די פינגער אויף די ליפּן—שטיל! זי שלאָפט, די מ׳כּה שטייט אויף צומשפּעטסטן. זי טאָר מען נישט וועקן. ווען זי וועט זיך אויפכאַפּן, וועלן זיך די טירן אַליין עפענען, האָט ער אָנגעוויזן אויף די טירן.

— זי וועט צוגיין צו מיר? —האָט דנעלע ערנסט געפרעגט.

— פאָרויס וועלן גיין די דינער מיט די פּעכערס צעשפּרייט. פאַר דער טיר וועלן זיי זיך צערוקן אין ביידע זייטן און די מלכּה לאָזן דורכגיין. זי וועט דיר דערלאַנגען די זוים פון איר קלייד און איר ווייסע האַנט וועט זי אָנלענען אויף דיין קעפּל. זי וועט מיט דיר שפּאַצירן, עס וועט זיין שטיל.

מאַטעלע האָט אַריינגעשיקט אירע קינדער, זיי זאָלן זיך שפּילן מיט דנעלען. זיי האָבן גענומען אויסשטעלן די מיטגעברענגטע מיט זיך שפּילצייג: די טאַטשקע, דאָס קענדל, די קיך מיט די קאָך-כּלים. הענעך האָט געבעטן, מאַטעלע זאָל אָנזאָגן די קינדער, זיי זאָלן געדענקען זיך שטיל האַלטן, ווייל אין דער צווייטער שטוב שלאָפט די „מלכּה".

אין אויגנבליק האָט זי נישט תּופס געווען, וואָס ער מיינט,— וואָס פאַר אַ „מלכּה"? זי האָט נאָכגעקוקט זיינע טריט, ווי ער שטעלט די פיס אויף די שפּיצן פינגער, גאָרנישט אָנרירנדיק דעם אָפּצאַס און פון איין שטעל ביזן צווייטן האָט געדויערט אַ היבשע ווייל. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט ער זיך עפּעס איינגערעדט, ער האַלט, אַז רחל לעבט, אַז זי שלאָפט. זי האָט אים באַלד אין זיך פאַרענטפערט, אַז אַ מענטש, וואָס איז געווען מיט לייב און לעבן, ווי אָנגעקנופּט נאָר אין רחלען, קאָן אַזוי זיך איינבילדן. זי האָט די קינדער צוריקגעשיקט צו זיך אין שטוב און גאָרנישט געזאָגט, מיט קיין זיפץ זיך נישט געלאָזט הערן, נאָר שטים מיט אַ פאַרשלאָסן מויל און אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט זי פאַרווישט יעדן שפּור פון צער,

אַזוי אַז הענעך זאָל אַמאָל נישט דורך איר אויסברוך דערגיין דאָס שוידערלעכע.

און זי איז שוין געשטאַנען אויף דער וואַך: ווען עס האָט ווער געוואָלט אַריינגיין צו הענעכן, האָט זי אָנגעוויזן, ווי אַזוי זיך צו פירן.

— מען מוז זאָרגן פאַר די לעבעדיקע — האָט זי אין זיך באַרעכטיקט איר האַנדלונג — די שעה זאָל נישט זיין, ער זאָל זיך דערוויסן, וועט ער אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ.

אַזוי האָט זי געלערנט די אַלטע פרוי, וועלכע די מומעס האָבן געשיקט, זי זאָל הענעכן באַדינען. זי האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל גאָרנישט רעדן. זי זאָל גאָרנישט דערמאָנען, זי זאָל וועגן טויטע נישט שמועסן, זי זאָל זיך נישט אויספרעגן. דאָס בעסטע וועט זיין, אַז זי וועט נישט רעדן. וואָס זי וויל, זאָל זי טון, זי זאָל מאַכן, אַז זי האָט אַרבעט אויף אַ־בעט און האָט נישט קיין צייט אַפילו אַ וואָרט צו ענטפערן.

הענעך איז נישט געווען משוגע. ער איז געגאַנגען אין טאַרטאַק. ער האָט געאַרבעט ווי פריער. מען האָט געקאָנט מיט אים שמועסן גאַנץ מענטשלעך. ער האָט געוווּסט דעם אונטער־שייד פון אַ גוט אויסגעפּאַרטיקטן שניט ביז אַ שלעכטן. ער האָט אים אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. און דאָך איז אַן ענדע־רונג פאָרט געווען. דאָס האָט מען געזען אין זיין רעדן. ער האָט צופיל גערעדט. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שותּף, ווען יענער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן ווייב, ער זאָל איר געבן געלט אויף אַריינצושטעלן זיך קינסטלעכע ציין. הענעך האָט פון אים געחוזקט.

— ביז וויפל ציילן זיך דען די יאָרן פון אַ מענטשן? פאַרוואָס ווילט איר נישט וויסן? מער ווי צוויי צי־פערן וועט קיינער נישט וואַגן צו שטעלן. אַ לץ, האָט אַ ברירה אויפצווייזן מער, אָבער די קלוגע וועלט, זי וועט פונ־דעסטוועגן נישט לאַכן פון זיין לצנות, נאָר פון זיין נאַיווקייט. דערפאַר האָט נישט די שטרעבונג, וואָס אַ מענטש טראָגט מיט זיך אין זיין לעבנסוועג, קיין צאָל אין מאַטעמאַטיק! וואָס האָט דער מענטש צום מענטשן? לאָמיר אָננעמען קרובים, פריינט, אָדער מענטשן, מיט וועלכע מען קומט אין באַרירונג. מער ווי אַ האַנט־דרוק איז דאָך קיינער נישט אומשטאַנד צו געבן. יאָ,

און מיט דעם טייטשט זיך עס גוט אויס: אין דרוק איז דאָ אַן אונטערשיד — איינער דריקט פעסטער, דער צווייטער שוואַכער, אָבער עס שטאַמט אַלץ פון איין שורש — פון דרוקן. פאַרשטענדלעך, אַז דעם שוואַכן איז דאָס דרוקן ווייטיקלעכער. דער שטאַרקער פילט אָבער אויך דעם טעם. עס איז נאָר אַ פראַגע, צי ער פילט דעם דרוק קלאָר, צי נישט קלאָר. אָבער נישט אין דעם ליגט דער שווערפונקט. ווער ס'איז שוואַכער, דער פילט עס קלאָר און דער וואָס איז שטאַרקער — פילט עס נישט קלאָר. אָ ניין! ווי איז צו יענעמס גורל, וואָס מוז פילן די אַלע דרוקן: האַנט-דרוקן, אויגן-דרוקן, ווערטער-דרוקן געדאַנקען-דרוקן. ער האָט געמעגט פאַרזאָגן דאָס געבוירן ווערן. נאָר וועלכער מענטש איז דאָס אַן אכזר אויף זיך אַליין? האָט דען ווער ביים געבוירן ווערן געטראַכט דערוועגן? קלאָר ווי קרישטאָל און אומשולדיק, ווי יוסף איז געזעסן פאַרשפאַרט ביי פרעהן, אַזוי קריכט דער מענטש אַרויס פון דער אייערשאָל. ווען ער הויבט אָן זיך צו באַוועגן, האָט ער דען נישט די אייגענע ברירה, ווי דער קאָמיק אין צירק, וועלכער מאַכט די קאָזשאָלקעס פון פאָרנט? ער קאָן זיי מאַכן פון הינטן און מען וואָלט אויך געלאַכט. טוט אייער ווייב איין מאָל צוליב, מאַכט דעם קאָזשאָליק פאַרקערט...

— אַז זי וועט זיך אַריינשטעלן צײַן, וועט זי מוזן זיין מיט זיי פאָרזיכטיק, זי וועט אַלע טאָג דאַרפן אַ צווייטן אַפּאַראַט צײַן.

— פאָרזיכטיק? — האָט הענעך לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער און פאַרשאַרצט דעם שטערן — יאָ, פאָרזיכטיק זאָגט איר. אמת, דאָס האָט אין לעבן אַ גרויסע באַדייטונג. פון איין זייט פאַרשלעפט עס און פון דער צווייטער בעגליקט עס און דאָס אויך נאָר אפשר. אָבער אין פלוג גענומען איז עס איינס. אַז מען שלאָפט פאַרגעסט מען אין דעם ווייטיק, און אַז מען איז גליקלעך פאַרגעסט מען אויך אין עפּעס און דוקא אין גאָר אַ סך. איז נישט גלייכער צו שלאָפן? טויזנט יאָר קאָן מען דאָך לעבן. מען פאַרשפּאָרט זיך די שפּיל פון פאָרזיכט. מיר דוכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערס, ווי שלאָף. וואַכעדיקערהייט האַלט דער מענטש צוויי פאַנג-נעצן: אייגע — ווי איר

רופט עס דאָרט אָן — פּאָרזיכטיקע, נישט אַריינצופּאַלן, די צווייטע — אויך פּאָרזיכטיק, נאָר ביים אַריינקריגן אַנדערע אין פּאַנג. די שטרויכלונג איז דאָך אַזוי מעגלעך ביי דער ערשטער, ווי ביי דער צווייטער, — איז דען נישט גלייכער די נעצן אינגאַנצן נישט צו האַלטן?

הענעך האָט אים פעסט געהאַלטן אונטערן אָרעם און מיט אים אַרומגעגאַנגען איין מאָל און צוויי מאָל אַרום דער טאַר־טאַק־געביידע. דער שותּף האָט באַמערקט אין דער געביידע צווישן איין שאַלאָווקע און דער צווייטער אַ שפּאַרע, האָט ער זיך אָנגעבויגן, אַרויסגעריסן פון פעלד אַ שטיק מעך און פאַר־שפּאַרט.

— אָט גייט אייער ווייב! — האָט הענעך אַ שפּרונג גע־טון. ער האָט זי דערקענט פונדערווייטנס. זי האָט געטראָגן אַ קענדל מיט מיטאָג פאַרן מאַן.

דער שותּף האָט זיך אַוועקגעדרייט. ער האָט גערופן דעם ברייט־פּלייציקן אַרבעטער. הגם יענער האָט גענומען צו אים צוגיין, איז ער אים דאָך אַנטקעגן געגאַנגען, כּדי זיך צו דער־ווייטערן פון הענעכן.

הענעך איז אים, נאָך האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און אים צוגעשלעפּט צום ווייב.

— שמועסט אייך דורך! — האָט ער באַפעלעריש געזאָגט.

מאַן און ווייב האָבן געשוויגן. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס הענעך מיינט דערמיט און דער שותּף האָט נישט פאַרשטאַ־נען, וואָס הענעך האָט זיך דאָ גענומען אַריינמישן אין זיינע פּריוואַטע ענינים.

הענעך ווידער האָט געגלויבט, אַז אין זיין קעגנוואַרט ווילן זיי נישט רעדן. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז אויב ער וועט אַוועק, וועט דער שותּף נישט וועלן הערן, וואָס זי קלאָגט זיך. האָט ער צו איר געווונקען, זי זאָל שמועסן. פאַרן מאַן וועט עס הייסן, אַז הענעך שטייט אונטער זיינע פּלייצעס און ער וועט פאַר מורא איר מוזן נאָכגעבן.

ער האָט צו איר געקנייטשט מיט די אויגן און אונטער־ווייעלעכץ זיך אַוועקגערוקט.

אין שטוב האָט דנעלע זיך געשפּילט מיט דער אַלטער

קעכין. דער קליינער האָט באמת קיין ברירה נישט געהאַט. אסתרל איז נישט געקומען. ער צו איר אויך נישט. די קעכין איז געווען מיאוס און שרעקעוודיק. פונם אַמאָליקן אָפּגעצויגענעם פּנים איז געבליבן נאָכהענגענדיקע געלע שטיקער הויט. איינס וואָס האָט שטייף אַרויסגעקוקט פון איר פּנים איז געווען דער פּאָרנטיקער פאַרזשאַווערטער צאָן. אירע הענט זענען געווען ווילד אויסגעקנאָדערט, יעדער ביין אין פינגער איז געווען אַ צווייטער פינגער. איר גאָמבע איז געווען שפּיציק, ווי דאָס קעפל ביי אַ שידלקע. די אויגן פאַרטריפט, — זיי האָבן שוין גאָר קיין ברעמען נישט געהאַט. דבנעלע האָט די ערשטע צייט נישט געלאָזט פון איר זיך אָנרירן. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַרן טאַטן. ער האָט אים אַלעמאָל מקים-פּסק געווען און נאָך אַלעם האָט ער נאָך געמוזט לאַכן און דווקא זיך שפּילן מיט דער קעכין. אַזוי ווי פאַרן לאַכן האָט אים הענעך גאָרנישט געטון, איז דאָס ביי אים טאַקע געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך פאַרגינען. ער האָט געלאַכט נישט פון דער קעכינס חכמות, נאָר פון איר אויסזען. ער האָט געלאַכט אַפילו ווען זי האָט געוואָלט, ער זאָל וויינען. אָ האָט ער זיך דאַמאָלט פאַרגינען!

און די מומעס זענען אַלע טאָג געקומען געוואָר ווערן, צי די קעכין איז צופרידן פון דער „שטעל". נעכעלע איז אויך צופרידן געווען, וואָס זי האָט אַן אָרעם מענטש געגעבן אַ גרינגע עלטער.

איינמאָל האָבן זיך די מומעס אַריינגעכאַפּט אין צווייטן צימער, כדי דורכצוקוקן רחלס קליידער.

וואָס ווען זיי פאַרמילביגט ווערן — האָט מלכה ענערגיש זיך קעגנגעשטעלט נעכעלעס באַשיידנקייט. — אין שטאָט זענען דאָ אָרעמע, רחל וועט זיך קויפן דאָס גן-עדן!

און זיי האָבן איבערלייגנדיק די שאַנק אויסגעקליבן, וועלכעס זאָל זיין פאַר דער יתומה נח טרעגערס, וועלכעס פאַר דער יתומה פון הערשקע כליזמר. זיי האָבן גענישטערט אין די שיפלאָדן, האָבן באַקוקט רחלס פאָטאָגראַפיעס. מלכה האָט אָנגעטראָפן אויף הערשלס פאָטאָגראַפיע, האָט זי מיט אַ סודותדיקן בליק איבערגעגעבן נעכעלען, אויף וואָס נעכעלע האָט געענטפערט — נו יאָ, ער האָט זי אין קבר געפירט.

מלכה האָט אויך געלייענט רחלס בריוו. זי האָט געפֿונען דעם העפֿט, ווו רחל האָט באַשריבן אירע שווערע מינוטן פֿון לעבן. צווישן אַנדערן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווען עס איז געווען אַ רייד וועגן אַ קינד. זי האָט שוין איינמאָל געהאַט פֿאַרמישט דאָס בלעטל, אָבער זי האָט דאָך זיך געפֿילט אומבאַפֿרידיקט. זי האָט זיך צוריקגעצויגן און נאָך אַמאָל געלייענט. זי האָט געבאָמקעט אין זיך און נעכעלען געקנייפּט אין דיקן פֿלייש. זי האָט איר פֿאָרגעלייענט אויפֿן קול: „יאָ, מיין קינד, דו קאָנסט אים נישט. ער דיך אויך נישט. וואָס האָט ער פֿון דיר געוואָלט? וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען ער מאַכט איך זאָל שטאַרבן? — ניין, נישט גלייכער. ער איז דאָך דיין טאַטע און דו האָסט אים נישט. נשמהלע מיינס. דו האָסט אים יאָ. וועסט גרויס ווערן, — דאָס וועל איך שוין זען, דו זאָלסט געזונט אויפֿוואַקסן. הענעך געהער דיר גאָרנישט. דו וועסט גרויס ווערן און פֿאַרשטיין".

נעכעלע איז געבליבן זיצן פֿאַרשטיינערט. מלכּה האָט געטייטלט מיטן פֿינגער, אַז זי לייענט נישט פֿון אויסנווייניק. זי האָט ווייטער געלייענט — „זאָלסט אים קיין שלעכטס נישט טון, איך וויל דו זאָלסט אויפֿוואַקסן און פֿאַרשטיין. זאָלסט אים נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט. דו זאָלסט אים נאָר פֿרעגן, פֿאַר וואָס האָט ער דיך געשטראָפֿט? דו האָסט זיינע אויגן, ער וועט נישט לייקענען, אַז דו ביזט זיינער, — ווי וועט ער דאָס קאָנען אַזוי נקמה נעמען אין דיין מאַמען? זאָלסט אים קיין שלעכטס נישט טון, ער איז דיין טאַטע. זאָלסט אים נאָר פֿרעגן, מיט וואָס האָסטו זיך פֿאַרשולדיקט, וואָס ער וויל פֿון דיר נישט וויסן?"

די מומעס זענען שטיל געבליבן. זיי האָבן אָבער דעמאָלט נישט געוואָלט נאָכגעבן זייער אייגענער מחשבה. איצט לעזנדיק געגנוי, האָבן זיי זיך געפֿילט שולדיק און אָפּגענאַרט פֿון זיך אַליין. זיי זענען זיצן געבליבן פֿאַרגאַפֿעט מיט אַרויסגעצויגענע העלדזער, ווי פֿאַרחלשטע געגנדז, וועלכע זענען גרייט צום משפּט.

— וואָם איז דאָ פֿאַר אַ בראָך, וואָס איר זענט אַזוי פֿאַרטשאַדעט געוואָרן? — האָט די קעכין מיט אַ פֿאַרקרומטער מינע געפֿרעגט. דאָס מויל אירס האָט אויסגעזען, ווי געפֿרוירן.

נעכעלע האָט זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט און מיט אירע

שמאָלע הענטלעך, ווי גאָפּל, צוריק אַוועקגעוואָרפן רחלס צונויפ־ גענומענע קליידער.

— גיי, גיי, לאָמיך דיך נישט זען! — האָט זי געשטויסן פון זיך דנעלען.

אין דעם מאָמענט איז הענעך אַריינגעקומען. ער האָט פאַרזיכטיק־שטיל פאַרלייגט די קלאַמקע אויפן האָק און אומקוקנ־ דיק זיך אין דער צווייטער זייט, איז ער האַסטיק צוריקגעשפּרונגען.

— וואָס איז געשען, די טיר פון פּאַלאַץ איז אָפן?

מאָמענטאַל איז אים די שטים געוואָרן הייזעריק. ער האָט די ווערטער געלאָזט דורכן גאָרגל.

— האָבן זיך די טירן אַליין געעפנט? זי איז אַוועק? אַליין אין מיטן טאָג? אַוועק?

— זיי האָבן געעפנט, — האָט די קעכין אָנגעוויזן אויף די מומעס.

— אַזוי, — זי האָט געעפנט און אַרויסגעשטויסן די מלכה?

ער האָט אָנגענומען נעכעלען אַ האַנט.

— וואָס האָט דיך געאַרט, אַז זי איז געשלאָפן, אַז אויפן הויף איז שטיל געווען? — האָט ער מיט אַ וויינענדיקער שטים זי געפרעגט און פעסט געדריקט פאַר איר האַנט.

נעכעלע האָט שטיל, ווי אָן כח געקרעכצט.

— ביזט משוגע? — האָט מלכה היסטעריש זיך אָפּגעריסן — ווענסט דאָך זי דערדריקן!

— דו ביזט אויך געווען? — האָט הענעך מיט אַ וואָרנדי־ קער שטים געפרעגט מלכהן און נעכעלען געוואָרפן הין און צוריק, ווי אָן אומרו ביי אַ זייגער.

— זאָגט! זאָגט, וווּ האָט איר זי פאַרטריבן?

ער האָט ווילד געשריגן און נעכעלען אַוועקגעשליידערט.

— ער האָט זי דערהרגעט! איז מלכה מיט בערישן צאָרן צו אים צוגעפאַלן.

הענעך האָט האַסטיק, ווי אַ רוח אויפגעריסן די טיר און זיך אַראָפּגעשאָטן פון די טרעפּ. מלכה איז אים נאָך, אָבער זיין שאָטן שוין מער נישט געזען. —

••••••••••••••••••••••••